STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03283

ALTS TSULIB KARYERE

Samuel Ornitz

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org



דרוקעריי „ג ל אָ ב ו ס"
ריגע, עליזאבעט גאס 22, טעל. 26636

ש. ארניץ

אליז צוליב קאריערע

ראמאן

אידיש: מ. קיטאי

„ביכער פאר אלעמען" ריגע
1929

530

ערשטער פעריאָד

אלע מענטשן, וואס האָבן דורכגעלעבט עפּעס אויסערגעוויינלעכעס... דאַרפן... זייער לעבן באַשרייבן מיט דער אייגענער האַנט.

בענווענוטאָ טשעליני.

1.

ניין יאָר אַלט.

די ערשטע קינדער־יאָרן זיינען אַ וועלט פון נעפּלען; פאַנטאַסטיש און מוראדיק, גלענצנד און גראָטעסק. מען ווערט ניט באמת געבאָרן אין לעבן, איידער מען דרינגט אפּריער ניט דורך אָט דעם איידעלן געוועב... איך בין ניין יאָר אַלט; דאָס שטייט באַוואוסט און פעסט פאַר מיר... ניו־יאָרק אין פאַרגרעבטן און אומגעלומפּערטן עלטער פון איר אויסוואַקסן. אַ קילער דעצעמבער־אָוונט. גאַזלאָמפּן ברענען ווי די רויטע לייכטטורעמס אַפן בלאָען ים פון אַ ווינטערנאַכט. איך גיי פון חדר אהיים.

איך פאַרמאַך הינטער זיך די טיר. דער נאַפט־לאָמפּ מיטן פאַררויכערטן גלאָז און דעם צעבראָכענעם קנייט רויכערט כסדר. ער שטייט אויבן אין דער הויך אַף אַ פּאָליצע און זיין שיין מאַכט פון אונזער קיך אַ ראַדיר־צייכנונג... די וואַקלדיקע שוואַרצע געשטאַלטן פון מוטער און פאָטער און אָנקל פיליפּ, וואס זיצן און טרינקען טיי... און די מעבל באַקומען דעם אויסזען פון גראָטעסקע סילועטן.

איך טו אַ וואָרף מיינע ביכער אַף אַ שטול, נעם די גרויסע שטיק ברויט מיטן עפּל, וואס מיין מוטער האָט אַוועקגעלייגט פאַר מיר און אָן אַ וואָרט צו ריידן וויל איך זיך צוריק ארויסבאַפּן אַפן גאַס. איך איל זיך צו באַגעגנען מיט דער יידלאָווסטריט־באַנדע. ערשט נעכטן בין איך אופגענומען געוואָרן אַלס

דער פערצענטער פירער אין זייערע זיגרייכע רייען. איך בין ניט געווען דער פירער נומער 14, נייערט פון אלע מיטגלידער פון דער באַנדע דער פערצענטער לויט העלדישקייט און באַדייטונג. דאָך האָב איך געהאַט נאָר דרייצן פאר מיר. ווי אַפן נידעריקסטן שטאַפּל פונם לייטער איז מען אַף מיר אַרופגעטראָטן מער פון אַלעמען; אָבער דאָס איז געווען פון מיין צד א זיסער ליידן, דער געדולד פונם ווערנדיקן העלד. בעת איך בין געוואָרן אַ „לודלאָו=סטריטלער" האָב איך פון זיך אַראָפגעוואָרפן די לעצטע רעשטלעך פון די קינדישע בגדים, און דאָס לעבן איז געוואָרן א ווירקלעכקייט... בכן, בין איך אַוועק איילנדיק, שווייגנדיק, ווי אַ מאַן פון באַדייטונג... אָבער אָנקל פיליפּס שטים האַלט מיך צוריק. דערווייל האָב איך מיט התמדה געגריזשעט מיין עפּל. דאָ האָט אָנקל פיליפּ גענומען ריידן ווי אַ רב אום יום=כּפּור.

זיין אַרט ריידן אידיש, דאָס איז ניט נאָר אידיש; נייערט אַן אינטערעסאַנטער, ריטמישער, לאָגישער לשון... אידיש, דער זשאַרגאָן פון די „גרינע" — פון די אייַנגעוואַנדערטע — איז פאַראַכט געווען פון די לודלאָו=סטריטלערס, וואָס האָבן זיך פעסט געהאַלטן בּאַ זייער אַמעריקאַנערטום. אָבער אַפילו די באַנדע האָט זיך געהיט פאַרן „גרינעם" אָנקל פיליפּ און האָט זיך אָפּגעזאָגט לוסטיק צו מאַכן איבער אים, ווייל ער האָט זיין אַידיש באַגלייט מיט זשעסטן, וואָס האָבן נאָך זיך געלאָזן א ווייטאָקדיקן אָנדייַנק.

„נו, ישיבה=בּחור, וואָס זאָגסטו? ווי א ווינט — אַריין און אַרויס. אַ כאַפּ און אַוועק, פאַרטיק, און וואָס הערט זיך עפּעס מיט דיינע געזעלשאַפטלעכע פליכטן? וואָס ווילסטו ווערן? א מענטש פאר מענטשן, אָדער אַ קומשער — אַ חבר פאַר פערד? נו, וואָס זאָגסטו איצט?"

„טאַקע, וואָס זאָגסטו?" — האָט זיך אָנגערופן די גוטע מוטער מיט אַ לייכטן פאַרוואורף.

מיין מויל איז אָנגעשטאָפּט מיט ברויט און עפּל און איך ווער שיִער ניט דערשטיקט פון כּעס, בעת זי רופט מיר מיט מיין פאַרהאַסטן צונאָמען „ציקעלע".

דער טאַטע קוקט מיט זיינע אומעטיקע אויגן, ווי תמיד זיצט ער אין זיין שטול, צו מיד בכדי צו ריידן, זיינע אויגן לייכטן אַרויף מיט דאַנקבאַרקייט צום יונגען און קראַפטפולן פיליפּן, וועלכן ער אידעאַליזירט און ליבט אָן אַ שיעור... ווי ער וואָלט גאָר ניט געווען זיין שוואָגער. פיליפּ, האַלט ער, איז דער שטערן פון זיין האָפענונג. ער איז דער וועג, וואָס באַלייכט דעם מדבר פון דער „שוויצשאָפּ".

„באַרעכן זיך", הייבט אָן פיליפּ מיט אַ גמרא-ניגון, „עס זיינען שוין פאַרגאַנגען די יונגע טעג. היינט ביסטו ניין." ... נאָכדעם גייט אַ פייערלעכע הפסקה... „מאָרגן הייבט זיך אָן דיין צענטער לעבנס-יאָר..."

„דער צענטער יאָר ביז הונדערט מיט צוואַנציק, ציקעלע".

ציקעלע! ציקעלע! אייביק די ציקעלע! די קללה פון מיין לעבן! די לודלאָו-סטריט קען מיך ניט באַ קיין אַנדער נאָמען. זיי באַגריסן מיך מיט אַ מע-מע-ע און צופּן מיך באַ דער גאָמבע, ווי דאָרטן וואָלט וואַקסן אַ בערדל... אַ שיינער צונאָמען! קיין אַנדערע קינדער רופט מען ניט מיט אַזאַ געראַטענעם נאָמען. מען רופט זיי אפשר „פּאַפּעלע", אָדער „זיידעלע", אָדער „הערצעלע" אָבער איך, איך בין צו שאַנד און שפּאָט געוואָרן אַ „קליינע ציקל". פאַרוואָס?

„מאירל", זאָגט פיליפּ און וואָרנט מיך מיטן פינגער, „געדיינק, בילדונג אָן דערציאונג איז ווי אַ קוגל אָן גריבענעס. עס איז שפּייז אָן געשמאַק; און אַזוי איז דאָס אויך באַם מענטשן — אַ יונג אָן מאַניערן".

„אָך — ניי", פאַרטיידיק איך מיך אַף ענגליש. „איך האָב קיין ציים ניט".

„רייד צו מיר מאַמע-לשון, ניט דעם עקלהאַפטן קווידערוועלש פון דער גאַס".

ווידער האָט ער מיר אָנגעטאָן צרות — דער „גרינער". ער ווייס, אַז איך רייד ניט קיין גוטן ענגליש.

Free Public Library, Newark, N. J.

הייב איך מיך אָן צו פאַרטײדיקן אַף אידיש — און אַזוי ווי דער אידיש גײט באַ מיר לײַכט, שמײכלט די מאַמע מיט שטאָלץ, אויך שמעלצט פיליפּס שטרײַנגקײט.

„דעם גאַנצן טאָג בין איך געווען אין דער ענגלישער שול און נאָכדעם אַ גאַנצן אָוונט אין חדר. און איך וויל זיך אַ ביסל שפּילן מיט די אינגלעך. און אין חדר איז הײַנט געווען אַזוי שווער; איך האָב געמוזט פאַרזאָגן אַ זײַט רש״י מיט תרגום און האָב דערבײַ קײן אײַנציקן פעלער ניט געמאַכט״.

די מאַמע האָט געשטראַלט... „ניט שלעכט, נו, וואָס זאָגסטו, פיליפּ?״

„אָבער דײַן לערנען איז נאָך ניט געענדיקט״, זאָגט פיליפּ. „אַ לעקציע ווי אַזוי צו קומען צווישן מענטשן קומט צונויף. באַרעכן זיך, דו מעגסט זײַן ווי רײַך און געלערנט, אָבער דו וועסט זײַן אַ גאָרנישט, אויב דו וועסט ניט זײַן קײן דזשענטלמען״. דעם לעצטן וואָרט האָט ער אַרויסגערעדט אין אַ שאַרפן ענגליש.

.2

פערצענטער פּירעך.

אַפן דאָג איז געווען פאַרזאַמלט די באַנדע אַרום אַ פײַערל. זי האָט געמאַכט דעם פײַערל אין אַ מילך-בלי, וואו עס זײַנען געווען דורכגעשניטן לופט-לעבער. זיצט די באַנדע אין אַ געשלאָסענעם קרײַז, פּלײצע באַ פּלײצע אַף אַלערלײ קאַסטנס. איך האָב גרויס חשק געהאַט צו נעמען אַן אָנטײל אין דער טומלדיקער באַראַטונג פון די פּירעך, ווי אויך די אויסזיכט צו באַקומען אַ חלק פון די קאַרטאָפליעס, וואָס האָבן זיך געבראָטן אַפן פײַער... האָפנונגסלאָז האָב איך זיך אַרומגעדרייט. כ׳האָב געשאַרט מיט די פיס, אַרופגעלייגט די האַנט בעטנדיק אַפן פּלײצע פון דעם שוואַכסטן פון דער חבריה, דעם דרײַצענטן פּירעך; ער האָט

אָבער מיין האַנט אַראָפּגעטרייסלט פון זיך... אַ שרעקלעכער געפיל פון אַ פאַרלאָזנעם... דאַמאָלסט בין איך אַריין אין גרימצאָרן, און אַ עזותדיקער געדאַנק האָט מיך באַהערשט... איך האָב אַ וואָרף געטאָן דעם צוועלפטן פירער היימי פון זיין פלאַץ... ווערטער זיינען איבעריק, די האַנדלונג רעדט פאַר זיך. אַ געשלעג! די אָנהייבער פון ביידע צדדים שרייען: „דערלאַנג אים, היימי!" „שלאָג מיטן לינקען!" „דערלאַנג אים, ציגנבאָק, שלאָג אין די קישקעס!"... דער פלוצלונגער אָנגריף האָט מיר געגעבן אַ קליינע בכורה און תיכף איז היימי געווען געגרייט מיר אָפּצוטרעטן זיין אָרט באַם פייער און זיין פאָסטן אַלס צוועלפטער פירער. און דער דרייצענטער איז שווייגנדיק אָפּגעטראָטן פרייוויליק, אַזוי האָב איך מיט אַמאָל געפטרט צוויי קעגנער, באַזיגנדיק פריער דעם שטאַרקערן... מיין ערשטער נצחון... מיין ערשטער זיצן באַם פייער... איך ציטער פאַר שטאָלץ... און דאַמאָלסט זיינען געקומען די קאַרטאָפל. וואָס מאַכט עס אויס וואָס זיי זיינען פאַרברענט געוואָרן. ס'איז געקומען אַ סעודה פון סעודה=לאַנד... איך האָב זיך באַטייליקט אין דער מלחמה=באַראַטונג; מיר האָבן געוואָלט פירן מלחמה קעגן דער שכנותדיקער באַנדע, די „עסערקס=סטריט=גאָרילעס"... זאָגט בולק, מיט אַן אַווטאָריטעטן טאָן, ווי עס פאַסט זיך פאַר אַן ערשטן פירער: „האָט ניט קיין מורא, מיר וועלן זיי אָנברעכן די ביינער, אַז עס וועט זיי קלעקן"... דאָס פייערל האָט אַרונטערגעברענט ביז די לעצטע גליענדע שפענדלעך... אַ פלוצלונגער טומל. אַ פאָסטן וואָרנט מיט אַ קוויטשיקן קול: „אַ שמש! אַ שמש!" (אַף דעם געהיימען לשון פון דער באַנדע באַטייט דער וואָרט „שמש", אַז אַ פאָליציסט קומט אָן). כהרף=עין איז די גאַנצע באַנדע פון לודלאָוו=סטריט צעשאָטן געוואָרן ווי אַ שטויב אַפן ווינט.

איך בין אַראָפּגעלאָפן אין קעלער פון אונזער הויז, וואו עס לעבט און אַרבעט בערל דער זאָטלער. בערל שמייכלט איבער מיין פלינקען אַריינלויפן אָן אַן אָטעם. ער זיצט באַ זיין ווערקשטאַט און פלעכט אַ רימען. לומץ, דער שבורער גוי, זיצט אַף אַ קאַסטן און פאַרלאַטעט זיינע הויזן. ער איז דער אָרטיקער

שבת=גוי, וואָס צינדט אָן פייער אום שבת און וואוינט בײַ בערלען. זיי ביידע און יאַשקע דער גאַליציאַנער, אַ הענדלער, שלאָפן אין דער דאָזיקער איינגער קעלער=ווערקשטוב. יאַשקע ליגט שוין אויף אַן אויסגעבעטע קושעטקע און כראָפעט. לוטץ בעט זיך אויס אויף דער פּאָדלאָגע, און בערל איז דער שטאָלצער באַלעבאָס פון אַן אײַזערנער בעטל.

איך האָב בערלען זייער גערן. ער רעדט ניט אויף מיר; ער רעדט מיט מיר. ער איז אַ געבאָרענער מעשיות=דערציילער, מעשיות פון פעלדער און וועלדער פון זיין זוניקע בליענדיקע בעסאַראַביע. און ער איז וויציק, אָבער תמיד גוט געשטימט. איצט, למשל, ווי תמיד, באַגריסט ער מיר ווי אַ דערוואַקסענעם: „וואָס מאַכסטו, ר' מאיר?"

„אָלרייט. אַ דאַנק פאַרן נאָכפרעגן ר' בערל".

„אנטלויפסטו פון אַ בער, אָדער ביסט געפאַלן אויף דיין אייגענעם שאָטן?"

„אָ, ניין, כ'האָב קיין מורא ניט. איך בין דווקא פון אַ פּאָ=ליציסט אַנטלאָפן", פאַרטרוי איך אים.

ער פייפט און שמאַקעט מיט די ליפן פון באַוואונדערונג איבער מיין גבֿורה. „זעץ זיך, זעץ זיך אָט דאָ אויפן זאָטל. מיין מוטיקער פריינט. דו מוזט אוודאי זיין מיד".

איך קוק זיך צו צו בערלען ווי ער נייט דעם רימען...

„דער געשפּאַן, וואָס איר העפּט, איז מסתמא פאַר אַ פּאָני".

„ניין, מאיר, פאַר אַ ציג".

אַ ציג!... דער דאָזיקער פאַרהאַסטער נאָמען קען צעשטערן די גאַנצע הנאה פון מיין הײַנטאָוונטדיקן נצחון.

„דו פאַרשטייסט דאָך אַסך אין פערד, בערל?" פרעג איך.

„יעס, אַ ביסל".

„פאַרשטייסטו אויך אַזוי פיל פון ציגן?"

„יעס, בעת איך בין געווען אַ קליינער אינגל האָב איך געפיטערט ציגן".

„טאַ זאָג מיר, בערל, וואָס איז מיט די ציגן, וואָס קיינער קען זיי ניט ליידן און יעדערער מאַכט חוזק פון זיי?"

„ערשטנס, קימערט זיך אַ ציג ניט וועגן קיין שום זאַך, און דאָס ערגערט די מענטשן. אַ ציג קריכט דורך וואו נאָר זי קאָן, אַן אָפּפאַל, אַ צווייג, אַלץ איז פאַר איר אַ שפּייז. אַ ציג ווען זי דאַרף נאָר קאָן גיין שפּאַצירן אַף אַ שמאָלן ווענ, אַף אַ צוים. זי איז פאַר זיך אליין, זי איז קיינעם ניט קיין פריינט. זי איז פון עקלהאַפטע מיאוסע בריאות מיט אַן אומגלויבלעכן גע־שטאַנק. איך זאָל אַזוי לעבן, אַ ציג איז די איינציקע זאַך, וואָס מען קען ניט אומברייינגען מיט געלעכטער".

וואָרהאַפטיק, אַ וואונדערשיינער בילד פון מיין צונאָמען; איך בין אריינגעפאַלן אין אַ מרה־שחורה... לוטץ, וואָס איז פאַר־טיק געוואָרן מיטן לאַטענען די הויזן, האָט געקוקט אַפן לאָמפּ. בערל איז באַשעפטיקט מיט אַן אָל. פּלוצלונג האָט מאַשקע מיט שרעק און געבעט געגומען שרייען פון שלאָף: „מאַמעלע".

אין שרעק און שטוינען האָב איך באַטראַכט מאַשקען; דאָ ליגט אַ איד מיט אַ באָרד, וואָס וויינט אין חלום נאָך זיין מאַמען.

„אָרעמער יאַשקע", זאָגט בערל מיט אַ זיפץ, יאַשקע איז היינט צעקאַליעטשעט געוואָרן. יאַשקע איז אַזוי פרום און ווייך ווי אַ לעמעלע. אַ פּאָליציסט האָט אים געשלאָגן".

„אַ פּאָליציסט? פאַרוואָס?"

„יאַשקע האָט זיך נאָר וואָס געהאַט אוועקגעשטעלט מיט זיין וועגל אַף העסטער־סמריט, איז געקומען אַ פּאָליציסט און האָט געוואָלט בלאַ אים איינמאָנען דעם אָפּצאָל, אַ קוואָדער פון יעדן הויזירער. יאַשקע האָט געבעטן, אַז דער פּאָליציסט זאָל וואַרטן אַ ווײלע ביז ער וועט לייזן אַ ביסל געלט פון די קונים, וויל ער האָט זיין גאַנצע געלט אויסגעגעבן אַף קאַרטאָפל, און דער פּאָליציסט האָט אים מכבד געווען מיט זיין שטעקן".

יאַשקע האָט זיך אומרואיק ארומגעוואָרפן.

„יאָשקע האָט גאָרניט קיין נשמה פון אַ מענטשן, ער איז ווי אַ לעמעלע, און איך הייב אָן צו גלויבן, אַז די וועלט איז ניט פאַר קיין לעמעלעך". בערל האָט מיר טרויעריק־קלוג צוגע־שמייכלט: „איך גלויב, מאיר, אַז אַ ציג האָט בעסערע שאַנסן אין דער וועלט".

.3

די לעצטע וויגליד.

אָנקל פיליפ שלאָפט אַף דער קאַנאַפּע אין קיך, און די מוטער דרעמלט בײַם אויוון, וואַרטנדיק אַף מיר.

„אַזוי שפּעט, מאירל, אַזוי שפּעט און מאָרגן מוזטו פרי אופשטיין צו גיין אין שול".

„ס'איז ניט אַזוי שרעקלעך", ענטפער איך אַף ענגליש מיט דער גלײַכגילטיקייט פון אַ צוועלפטן פירער.

אינם רויכיקן שיין פונם אויסגייענדיקן לאָמפּ ווערן די מוטערס אויסגעשטרעקטע אָרעמס ברייטע שאָטנס אַף דעם ווײַסן וואַנט. איך קוק זיך צו צו די שאָטנס און וואונדער זיך אויב זיי וועלן זיך ווידער פאַרוואַנדלען אין ציגן... די מוטער שעפּטשעט: קום, קום צו מיר, מיין קינד. קום אַהער און זעץ זיך אָט דאָ", און זי ציט מיך צו זיך אַפן שויס. איך אָבער ווער זיך קעגן איר, ווייל עס איז מיר אויסגעקומען, אַז עס פּאַסט ניט פאַר מיין עלטער און מיין שטעלונג אין לעבן. איך רײַס מיר ארויס און פּראָטעסטיר: „אָבער, מאַמע, איך בין דאָך שוין מער ניט קיין קליינער בייבי"... לעבערלעך... וואָס וועט בולק, וועגן דעם טראַכטן. זיין צוועלפטער פירער — אַ בייבי. די מוטער שמייכלט... און טרערן גלאַנצן אַף אירע פיינע זיידענע ווימפּערן. „מיין בן־יחיד, תמיד וועסטו זיין מיין בייבי, תמיד"... איך פיל מיך לייכט צוגע־צויגן צו איר ברוסט און איר פּנים דריקט זיך צאַרט צו מיין באַק... איך פיל זיך, ווי אונטער אַ משא: אירע האָר קיצלען

מיין שטערן... „מיין טייערע ציקעלע"... איך ווער א שטיפער פון אופרעגונג.

„מאמע, איך וויל נים, אז דו זאלסט מיך רופן ציקעלע, איך האב דאך א נאמען, נים אמת?"

„ווילסטו דאס נים האבן פאר דיין צונאמען?"

„ניין, אלע מאכן דעריבער חוזק, רוף מיך מער נים אזוי".

„נאר היינט, היינטיקע נאכט", שעפטשעט זי בארוהיקנדיק.

„היינט וויל איך דיך נאך רופן ציקעלע. היינט באנאכט ווען דו ביסט געבארן געווארן און מער נים". און זי וויינט, וואס מיך איבער־ראשט; זי נעמט מיך ארום און באדעקט מיין פנים מיט קושן. אזוי פיל מעאטער פאר גארנישט און ווידער אמאל גארנישט! טראכט איך און א שיינער סוף פון אזא העלדישן טאג.

„א מיין טייערער, דו דארפסט נים פאראכטן די ציג — די ציג האט דיר געראטעוועט דעם לעבן".

„מיין לעבן?"

„דו זאגסט עס. מיין הארץ, דיין לעבן. א ציג איז געווען דיין אם".

וואס פאר א בזיון!... דאס טאר די באנדע זיך קיינמאל נים דערוויסן!... און די מוטער מוז שווערן, אז זי וועט היטן דעם סוד. אבער איך בעטל זיך. זי זאל מיר דערציילן די גאנצע געשיכטע.

„צען טעג איידער דו ביסט געבארן געווארן האט מען דעם טאטן איינגערופן צום מיליטער... פארן צאר... און ער האט באשלאסן צו אנטלויפן קיין אמעריקע און איך האב אים נים געוואלט לאזן גיין אליין... דריי טעג פון האמבורג, אין א זעגלשיף... מיר האבן געמיינט, אז מיר זיינען ארייננעפאלן אין א טיפן תהום... ביסטו געבארן געווארן... מורא און ים־קראנקייט... און צרות... איך האב קיין מילך נים געהאט פאר מיין בייבי... און מיר האבן דיר באוויינט, אנגעצונדן ליכט ווי נאך א טויטן... ביז א וואונדער איז געשען... א נס... א ציג פון די מאטראסן איז ארויסגעשפרונגען פון שטאל און איז ארונטערגעקומען אין צווישנדעק... און דין ציג האט אנגעזויגט מיין בייבי, און אזוי ביסטו געקומען צו זע

די צוגעזאָגטע לאַנד... און איצט ביסטו דאָ, מיין ציקעלע׳.

און די מוטער דריקט מיך מיט גרויס פרייד צום ברוסט און וויגט מיר איין צום שלאָף און אף אירע לעפצן ציטערט אַזאַ אָפט געזונגענע לידעלע, אָבער איצט שוין צום לעצטן מאָל געהערטע:

אונטער מאירלס וויגעלע
שטייט א ווייסע ציגעלע,
המ, המ, המ...

צווייטער פעריאָד

אויך פאַר אים אָדער פאַר זיינע ברידער און שוועסטער גילט אין דער ווירקלעכקייט די רעליגיע, האט די רעליגיע אַ זין.

הענרי אדאַמס.

1.

צוועלף יאָר אַלט.

דריי יאָר... שלעכטע צייטן... הונגער יאָרן... און דאָך האָט ניט אופגעהערט דער גרויסער דראנג, ווי אַ פעלקער וואנדערונג. כאָפּטעם הונגעריקע, פארשטויסענע און פארצווייפלטע מענטשן פון מזרח־ און דרום־איראפּע האָבן זיך צוזאמענגעשטופּט אין אַ נייע געטאָ פון דירה־קאַזארמעס און פאַבריקן.

יעדע קלענסטע דירה איז געווען איבערפולט מיט סובּלאָקאַטאָרן — מענער וואס האָבן פרוי און קינד איבערגעלאָזן, כדי צו געפינען זייער גליק אינם גאָלדענעם לאַנד.

קרעמער, קצבים, הענדלערס און קנאָפּלעכער־מאַכערס זיינען איבערנאַכט געוואָרן באַנקירן און שיפסקארטן־פארקויפער. אַ יעדער איינער שפּאָרט בכדי צו קאָנען קויפן אַ שיפסקארטע פאַר זיין ווייב אדער קינד אדער ברודער אדער געליבטע.

און אַלע די דאָזיקע ניי־אָנגעקומענע, מענער, ווייבער, אינגלעך און מיידלעך, זיינען תיכף אריינגעדרייט געוואָרן אין דער שניידעריי־אינדוסטריע און זיינען געוואָרן, ווי אָנקל פיליפּ דריקט זיך אויס, שקלאַפן פון די דייטשע יאהודים, וואס האָבן אין זייערע הענט געהאלטן די גאַנצע קליידער־פאַבריקאַציע.

נאַכט אין נאַכט זיצט פיליפּ איבער זיינע ביכער, ליידנשאַפטלעך, ווי אַ פאַרליבּטער, אומערמידלעך, ווי אַן אַלכעמיקער,

וואָס זוכט די געהיימניס פון גאלד. אין יעדן טאָג, וואס שווערער עס ווערט אונזער דלות, אַלץ איינגעשפּארטער מענהט ער, אַז באַלד, באַלד וועט ער אונז דערלייזן. אַז ער האַלט שוין דערביי אָט-אָט צו דערגיין די שפּורן פונם סוד, ווי אזוי די דייטשע אידן זיינען רייך געווארן. מיר אבער שיינט שוין דאס היינט אזוי אומדערגרייכבאר און אומגלויבלעך, פונקט ווי די לעגענדע, וואס מען האָט מיט מיר טעגלעך געלערנט אין חדר, אַז אָט-אָט וועט דער פאלק ישראל אויסגעלייזט ווערן פון גלות און וועט זיך אומקערן אהיים אינם לאַנד, וואו עס פליסט מילך און האָניק...

אויך די מוטער איז געווארן אוים מאַמין, ווייל איר האט אייביק געפעלט געלט אַפן עסן. דער פאָטער אבער האָט געהאָפט און געהאפט. עס איז קיין אנדער ברירה נים געבליבן ווי צו האָפן, האָט ער געזאגט. ער איז א צעבראכענער מענטש, שוויגעדיק און פארקלערט און ווי עס זעט אוים ווערט זיין לעבן אונטערגעהאַלטן פונם זויערשטאָף פון פיליפס הבטחות.

אַרבעט איז פאראן ווייניק. דער אָנבאָט פון ארבעטסקרעפטן איז צו גרוים. די פאַבריקאַנטן ווייסן דאָס און זיי דריקן די „קאָנ-טראקטארס״ — די ליפעראנטן, — און די ווידער דריקן דעם טעגלעכן לוינארבעטער. און דערביי ווייסן די ארבעטער נאָר איין זאך, מען מוז לעבן! און זיי זיינען אף אלץ מסכים. פיליפּ אָבער איז תמיד פארנומען — ביבליאָטעקן, פאָרטראָגן, ארומגיין איבערן שטאָט, כדי מיט אַלץ צו באַקענען, זיך צוהערן וואָס לייטן ריידן, ווען די פאַבריקן גיבן נאָר אַרבעט. אין דער צייט פון סעזאָן-אַרבעט, אין דער צייט פון נערווען-אָנשטרייגענדיקע איילעניש זיצט ער בא זיין ניימאַשין נעבן פאָטער, צוועלף שעה, פערצן שעה, און עס מאַכט זיך אויך אז פיר און צוואנציק שעה כסדרדיקע אַרבעט. ער מאַכט דערפון נים קיין וועזן... ער קערט זיך אבער שטענדיק צוריק אום הונגעריק צו זיינע ביכער. ביכער, וואָס מאַכן אים פארצווייפלט און טרויעריק. איך האָב געזען ווי ער האָט ביכער געדריקט צו זיין ברוסט און געקרעכצט: „אָ, ווי נאַריש איך בין!״... ער איז משוגע, משוגע פאר קנאה און באגער... און ווי ער האסט די דייטשע אידן, וואָס קוקן אראָפּ אַף די רו-

סישע ווי אַף עקלהאַפטע ברוּאים! וואָס זיינען שטאַלץ, רייך און מאַכטפּול... און טעגלעך וואַרנט מיר פיליפּ: „מאיר. מאיר, געדיינק אַז אַן אַרבעטער איז פאַרלאָרן, איז אַ הונט. זאָלסט קיינמאָל ניט ווערן קיין אַרבעטער. לאָז אַנדערן פאַר זיך אַרבעטן — דאָס איז דער סוד — דאָס איז קאָפּאַרבעט, דאָס רוף איך אָן זיין ביטרע"... און דער פאָטער חזרט איבער פייערלעך, ווי ער גופא וואָלט זיך וועלן שטעלן פאַר אַ וואָרנענדיקן ביישפּיל: „ווער ניט קיין אַרבעטער... עפּעס וואָס — אָבער ניט קיין הונט פון אַן אַרבעטער"... די מוטער ווינטשט מיר אָבער עפּעס שרעקלעכעס: ווייל איך לערן גוט אין חדר, האָט זי אַ געוואַלטיקן פאַרלאַנג, אַז איך זאָל ווערן אַ רבֿ! גאָט צו דאַנקען וואָס פיליפּ מאַכט חוזק פונעם דאָזיקן חשק... דער פאָטער און פיליפּ זיינען פאַבריק־אַרבעטער, און דער פאָטער איז האָרבאַטע פון די סך יאָרן וואָס ער זיצט איינגעהויקערט איבער דער מאַשין און שטעפּט בײַ אַ שוואַכן שיין, פיליפּ אָבער האַלט זיך מוטיק און דערקלערט, אַז ער וועט פאַר קיין מענטשן ניט בויגן זיין רוקן, בפרט נאָך פאַר אַ מאַשין. ער בורטשעט און שילט זיך איבער דער דחקות פון אונזער לעבן: צוויי קליינע טונקעלע צימערן אין אַ הינטערשטוב, שטינקעדיקע נאַפט־לאָמפּן, וואַסער פון אַ פּומפּ אין הויף, און אָפּטריט אין הינטערשטן הויף... און דערבײַ נאָך די זאָרגן פאַרן שטיקל ברויט, שלאָפן אַף אַ לייזיקע קאַנאַפּע... צומאָל ניט גענוג כּלים צום עסן, צוויי זופּטעלערס מוזן קלעקן פאַר פירן. די מוטער האַלט, אַז עס פּאַסט מיר זאָלן אַלע עסן צוזאַמען. עסן טאַטע־מאַמע פון איין טעלער, און פיליפּ און איך טיילן זיך פון אַנדער טעלער. די מוטער עסט שטענדיק לאַנגזאַמער פאַרן פאָטער, אַ קליינע אָפּנאַרעריי פון איר צד, בכדי דער פאָטער זאָל באַקומען מער עסן. דאַקעגן פיליפּ און איך האָבן איינגערעגולירט דעם פּראָצעס פון פירן די לעפל פון טעלער צום מויל, אַז ביידן קומט אויס אַ גלייכער חלק... „מאיר", זאָגט ער, „דו האָסט אַן אַפּעטיט פון אַ בער, איך אָבער האָב אַן אויג פון אַן אָדלער, פּרוּווו ניט מיך אָפּצונאַרן!"

2.

מרדכי דער מלמד.

עס איז נאָך גוט, וואָס איך בין ניט אָנגעוויזן בלויז אַף דער היימישער קעסט, בכדי צו שטילן מיין הונגער, אַנדערש וואָלט איך שוין אויסגעזען... דען בעת די אַרבעטסלאָזע טעג איז דער עסן באַ אונז אין שטוב געווען אַן עניין פון אַ פוסטער פאָרם, מען האָט זיך געמאַכט עסנדיק, אָבער די באַנדע וויס, ווי אַזוי מען קאָן דערגענצן די קנאַפּע שפּייז פון דערהיים. עסנוואַרג אַף די וועגלעך, אין קראָמען און בופעטן קאָנען קוים ביישטיין אַנטקעגן געשיקטע פינגער און פאַרשווינדן אַף אַ געהיימניספולן אופן אין די טיפע קעשענעס... שטיקער שוואַרצע ברויט, קאַרטאָפליעס, גערויכערטע פיש, פּירות און אַלערליי אַנדערע מאכלים מאַכן אַ סך פאַרשיידנאַרטיקער די טעגלעכע דערנערונג... איך שטיי שמירה. דאָס הייסט, איך גיב אַכטונג אַפן באַלעבאָס און נויג אָפּ זיין אויפמערקזאַמקייט. מיין ביישטייער איז באַשיידן, איך רייד רואיק, מיט רעספּעקט, אַפילו פרום, און אַזוי נאַר איך אָפּ דעם באַלעבאָס פון די אַלע גוטע זאַכן, אין דער צייט ווען מיין חבר גנבעט און ציט... אַפילו דאַמאָלסט, ווען כ'האָב נאָר וואָס אָנגעהויבן צו שפּילן דעם שפּיל פונם לעבן, האָב איך אָנערקענט, אַז עס איז גלייכער איך זאָל אָנשטריינגען מיין מוח און איבערלאָזן אַז דער אַנדערער זאָל דורכפירן די האַנטאַרבעט אָדער דעם מער ריזיקאַלישן טייל — די גנבה — פון דער אויפגאַבע.

מיר אינגלעך האָבן געלעבט אַ פאַרשיידנאַרטיקן לעבן און האָבן געוואַנדערט פון אַ פּלאַנעט צו אַ פּלאַנעט. קודם־כּל איז באַ אונז באַשטאַנען אַן אייגנטימלעכע באַציאונג צווישן אונז אַמעריקאַנישע גאַסן־אינגלעך און אונזערע עלטערן, אונז האָט באמת פאַנאַנדערגעטיילט אַ ים. און די דערווייטערונג בריינגט ניט צו צופאַרטרוי, נייערט עס שאַפט אומצוטרוי און עס פירט צו פאַראַכטונג און אומגעדולד פון איינעם צום אַנדערן, אַ סך פון

אונז זיינען געווען פרעמדע אין שטוב פון אונזערע עלטערן, האָבן זיך דאָרטן אויפגעהאַלטן אָן ווילן און בלויז צייטווייליק. נאָכדעם קומט די מערקווירדיקע, זעלטענע וועלט פון דער שול. די מאַניערן און די קליידער, די שפּראַך און דער קוק אויף לעבן פון אונזערע לערער האָבן אונז געצוואונגען צו האָבן רעספּעקט פאַר זיי און דאָס האָט געוואָרפן ניט קיין גינסטיקן ליכט אויף דער אָפּגעלאָזנקייט, פּרעמדאַרטיקייט און פּראָסטקייט פון אונזערע אייגענע אין דערהיים. מיר האָבן געפילט דעם אומגעלומפּערטן האַרבן חדר־לעבן מיט זיין אַטמאָספערע פון מורא, אָבערגלויבן און שטראָף. און דערצו איז נאָך צוגעקומען אונזער עקסיסטענץ אויפן גאַס, אונזער זיסער, געזעצלאָזער, פערזענלעכער, בונטער לעבן, אונזער פאַרגעלטונג פאַר אַלץ, וואָס מיר האָבן געהאַט צו ליידן אונטער דער דיסציפּלין, דחקות, און געדריקטקייט פון אונזערע אַנדערע וועלטן.

דאָנערשטיק אינדערפרי אין חדר איז פאַר אונז אינגלעך געווען דער יום־הדין. הײמי רובין און סעם ראַקאָווסקי, וואָס אין זייערע קעפּ איז ניט אַריינגעקראָכן דאָס לערנען, זיינען אין הייסע זומער־טעג געקומען אין חדר אין ווינטערמאַנטלען אונטערגעשלאָגן מיט פעלץ און מיט אויערשיצערס. אַרציע וואַטין, וואָס איז שפּעטער אַהין באַרימט געוואָרן אַלס „אַרצי, די קאַנאָן", האָט זיך אָנגעשטאָפּט די הויזן מיט בלעך און די זאָקן מיט באַוועל. זיי זיינען גרייט געווען צו דער מלחמה.

ווי איז געווען דעם יעניקן, וואָס האָט געמאַכט מער ווי דריי פעלערן באַם פאַרטייטשן דעם חומש. א רימען פון א נייַ־מאַשין, לעבעדיק און גיפטיק ווי א שלאַנג, האָט אויף אים אום־ברחמנותדיק אַרומגעטאַנצט, נאָכדעם ווי מרדכי דער מלמד האָט זיך צו אים צוגעכאַפּט... אויערשיצערס, ווינטער־מאַנטלען, בלעך־אונטערשלאָקן און באַוועל זיינען קיים געווען געגנוג, די גוט־געצילטע קלעפּ האָבן מוראדיק געביסן... ניט נאָר דער מלמד איז געווען אַכזריותדיק, אָבער די עלטערן און תלמידים האָבן אויך ניט געוואוסט פון קיין רחמנות. א מלמד, וואָס האָט ניט גע־

האַלטן פֿון שלאָגן די תּלמידים, איז פֿאַרשטויסן און פֿאַראָרעמט געוואָרן. די עלטערן, וואָס האָבן אים געצאָלט די פֿירשטלעכע סומע פֿון א דאָלאַר א חודש פֿאַר אַ תּלמיד, האָבן פֿאַרלאַנגט, אַז ער זאָל זיי דערציִען מיטן קאַנטשיק. און ווי תּמיד רופֿט אַכזריות ארויס אכזריות. מיר אינגלעך האָבן ניט דורכגעלאָזן קיין איין געלעגנהייט זיך נוקם צו זיין אָן רבין, אים צו פּייניקן און טרייבן צו פֿאַרצווייפֿלונג. דער אומגליקלעכער רבי איז געווען אַלט און הילפֿלאָז און ער האָט זיך נאָר געקאָנט פֿאַרלאָזן אױף זיין קאַנטשיק, ווייל די תּלמידים, וואָס זיינען אים אָנפֿאַרטרויט געוואָרן, האָבן געהאַט טויזנטער טייוולאָנישע המצאות, כּדי אים צו מאטערן.

איך מיין, אַז דער בּורא האָט ספּעציעל געשאפֿן מרדכין דערצו, בּכדי ער זאָל משׂמח זיין זיינע תּלמידים. זיין גאנצער אויסזען איז געווען אומגעוויינלעך קאָמיש. אין מיין גאַנצן לעבן האָב איך קיינמאָל ניט געזען אַזעלכע, ווי א נול אויסגעדרייטע פּיס, ווי בּאַ מרדכין. עס האָט זיך געדוכט אז ער לויפֿט אױף די פּוס-קנעכלעך. ער האָט זיך געשאָקלט און געשארט און אין וואוקס איז ער ניט געווען גרעסער פֿון אַ קליינעם קינד. זיין לאַנגער ווייסער בּאָרד האָט ניט האַרמאָנירט מיט זיין וואוקס. ער האָט אויסגעזען ווי א קאָמישער קארליק, ווי בּא אונז אין די שול-בּיכער. זיין פּנים איז געווען אַן אַלטער פֿארמעט מיט טויזנטער קנייטשן, אַ סימן פֿון לאנגען זוכן פֿאַר זיך א היים, און זיינע אויערן זיינען געווען קליינע שמוציקע פֿלעקן אַפֿן פֿארמעט... פֿאַר אונז איז קיין גרעסערע הנאה ניט געווען, ווי בּעת דער אַלטער מרדכי, דער וואקלדיקער, שפּרינגעדיקער קארליק האָט נאָכגעיאָגט אַן אינגל, וואָס איז געשפּרונגען איבּער און אונטער די בּיינק. דער קאַנטשיק האָט געטראָפֿן דעם בּאנק, אָדער די אינגלעך, און מיר האָבן די סצענעס בּאגלייט מיט א הילכיקן געלעכטער... און אָט דער דאָזיקער נעבּעכדיקער נפֿש האָט געהאט אַ פֿרוי — די רביצן, אַ דינע מוראָדיקע פֿיגורל אין אַ פֿארבּלאָזע ציצענע קליידל. ניט געקוקט אױף דעם, וואָס מיר האָבן אַזוי געטוטשעט איר מאַן, רופֿט זי אונז תּמיד „טייערע קינדער-

לעד" און בענטשט אונז. בעת זי קומט און גייט אוועק... אַ פרומע אידענע — האָט זי קיינמאָל ניט אנטבלויזט איר קאָפּ. אַ שווארצער שייטל, אָדער אַ שווארצער טשעפּציק האָט געמאכט פון איר פּנים אַ בלוטלאָזע מתים=מאַסקע. אזוי שטייט זי דאָ, ווי אַ בילד פון אומעט און באַשיידנקייט, שאָקלט מיטן קאָפּ און טרייסלט דעם גוף, ווי זי וואָלט געשטאַנען באַם כותל=מערבי אין ירושלים... דער מלמד האָט איר קיינמאָל ניט אָנגעקוקט. האָט אף איר אפילו ניט געוואָרפן אַ בליק מן=הצד; אויך האָט ער קיינמאָל ניט גערעדט דירעקט צו איר. ער רעדט צו איר, ווי זיינע רייד וואָלטן געווענדט געווען ניט צו א באַשטימטן מענטשן, נאָר גלאַט אין דער וועלט אריין. אַ פרומע פאָרל, אפשר גאָר איינער צום אַנדערן צוגעטאָן. ווער ווייס? בכל אופן טרייי אָפּהיטנדיק דעם דין, אַז א פרומער און ריינער מאַן טאָר ניט אָנקוקן קיין פרוי — אַפילו זיין אייגענע ווייב.

דער גראָדנער מנין, אַ נאָמען נאָך דער ליטווישער שטאָט, פון וואַנען די מתפּללים זיינען אָנגעקומען, איז געווען איינגעאָרדנט איבער וויטקינסקיס שטאַל אף דער היסטער=סטריט. ניט קיין גוואלדיקער לאָקאַל: האָלצערנע געשטריכענע בייַנק, אף וועלכע די פאַרב איז געווען צעקראַצט. א בימה אינמיטן מיט א פאָרענץ ארומגערינגלט און אַן ארון=קודש, צווישן די פענסטער אין מזרח=וואַנט, וואָס איז געווענדט צו ארץ=ישראל. די ווענט זיינען געווען באַמאָלט מיט גראָבע בילדער פון חיות. אין הינטערגרונט, צום הויף צו איז געווען אָפּגעגרענעצט אַ קליינער עזרת=נשים. און אין אָט דער קליינער פיר=עקיקער לאָך האָט מרדכי דער מלמד געלערנט מיט זיינע תלמידים... ער אַליין איז געזעסן אויבן אָן באַם האָלצערנעם טיש און האָט אונז אָנגעוויזן אונזערע פּלעצער, דערביי האָט ער דעם גרעסטן יונגאַטש אַוועקגעזעצט, נעבן זיך, בכדי ער זאָל קאָנען צו אים דערגרייכן מיטן לאַנגען איילקן ניי=מאַשין=רימען.

אין יענעם הייסן זומער=טאָג זיינען מיר שיעור ניט דערשטיקט געוואָרן פונם געשטאַנק פון די רויכערנדיקע ליכט=פלאמען

און דעם פּערדנמיסט. אינם זאַל האָט עס געוויםלט מיט בּיליקע בּרענעדיקע יאָרצייט־ליכט און לאָמפּן, און אין הויף איז הויך געלעגן דער פּערדנמיסט. די תּלמידים פון יעדן עלטער און מדרגה זיינען געזעסן אַרום טיש. די קלענסטע, ניט עלטער פון 4 אָדער 5 יאָר האָבּן אָן אן אופהער געטומלט און געבּרומט אלף, בּית, גימל אַהין און צוריק, איבּערחזרנדיק אַף פאַרשידענע אופנים די אותיות אונטער דער אָנפירונג פונם רבּינס קליינעם טייטל. די מער פאָרגעשריטענע תּלמידים האָבּן אַרויסגעוויזן זייער התמדה לערנענדיק מיט אַ הויכן קלינגעדיקן ניגון... בּאַלד האָט מען דעם קליינוואַרג געהייסן גיין אַ היים. אין חדר זיינען זיי ווי די פישטשענדיקע פויגעלעך, קוים וואָס מען הערט זיי און אָנגעשראָקענע; אָבּער קוים כאַפּן זיי זיך אַרויס אַפן טרעפּ, הייבּן זיי אָן צו גוואַלדעווען און שרייען. דער מלמד יאָגט זיי נאָך און זיי אַנטלויפן פון זיין דראָענדיקן רימען, כּדי אין הויף ווידער צו מאַכן דעם זעלבּיקן טומל און געשריי...

.3

קריגס־ראַט.

ענדלעך זיינען מיר פריי. אַ טומל ווי בּאַם אַנטלויפן פון אַ תּפיסה. צו דער לודלאָוו־סטריט מאַכן מיר אַ גרויסן אומוועג. מיר וואַגן ניט צו גיין דורך דער עסעקס־סטריט. דער בּירגער־קריג איז אויסגעבּראָכן צווישן די צוויי בּאַדייטנדסטע אידישע בּאַנדעס, פון לודלאָוו סטריטלער און עסעקס־גאַרילעס. די ערשטע שלאַכט זאָל נאָך היינט פאָרקומען. מיר איילן זיך — אין די הערצער בּרענט די גיריקייט צו העלדישע מעשים.

אין אונזער געגנט איז דער הימל שטאַרק פאַרוויטלט — דאָס זאָגט צו אַ גרויסן פייער. פלינקע, פריילעכע יונגען שליסן זיך אָן צו אונז. אַפן בּרוקירטן פּלאַץ ווינקל פון לודלאָוו און

קאנאל=סטריט ברענט א גרויסער שייטערהויפן, פון אלע ריכטונגען שטראמען אהערצו יונגען.

פעסלעך, קאסטנס, געגנבעטע שילדער, זאק=לייוונט, קעלער=טירן, הינער=שטייגלעך, א צעבראכענער וואגן, האלץ, ארויסגעווארפענע מאטראצן און קאנאפעס, פארב=טעפ, ביר=פעסלעך און אן א צאל אנדערע זאכן, וואס וואלגערן זיך אפן גאס, בילדן א גרויסע קנאקעדיקע פיראמידע — א פייערלעכע, פאראכטונגספולע ארויספאדערונג... אופגערעגטע, קורצאטעמדיקע שפיאנען דרייען זיך דורך א בהלה פון ארעמס, פיס און רויבזאכן; בולקי נעמט אף דעם באריכט. איך פארנעם מיין ארט נעבן בולקין און באשטים זיך אליין פאר א קריגס=ראט — פאר אלץ אין דער וועלט, נאר נים פאר קיין אקטיוון זעלנער. איך האב זיך תמיד גענומען אזעלכע ראלעס, נאר בכדי זיך נים צושטעלן אונטער קיין פערזענלעכער סכנה און אזוי בין איך געווארן א גאנצער לייט דורך חוצפה, העזה און אופדרינגלעכקייט. איך שטעל מיר פאר גארנישט נים אפ. איך בין א מין פרעמיער=מיניסטער אין אונזער באנדע=מלוכה, און בולקי לאזט זיך פירן פארן נאז דורך מיין חניפה... דער פייער קנאקט, טרעשטשעט, זיצט און זינגט א פילשטימיקע באגלייטונג צו די געשרייען פון די קריגער, זייערע גוואלדן און געשלעג... א פייערדיקער געטומל... דער שונא באוויזט זיך. א גאס ווייטער שווימט פלוצלונג ארויס א באטאליאן און פארשווינדט פונקט אזוי גיך אונטער א שיסערייו פון ציגל. אונזערע אויסשפיוער שפיאנירן אויס דעם פארפאסטן פון די גארילעס אין דער לודלאוו און העסטער=סטריט. זאלפן ווערן אפגעגעבן, אבער בולקי און איך בלייבן אומבארירט, אפילו דאמאלסט ווען מען איז אונז מודיע, אז פיינטלעכע מחנות ציען זיך צוזאמען אף א דריטן ארט, אף דער קאנאל און ארטשארד=סטריט... פון וואס פאר א ריכטונג וועט קומען דער הויפט=אנגריף, בכדי צו פארכאפן דעם פלאץ, וואו מיר ארדנען איין אונזערע בעזבאל און אנדערע שפילערייען?... שמשון הגיבור, דער פירער פון די גארילעס, האט זיך בארימט, אז ער וועט איינעמען דעם פלאץ נאך היינט אינאוונט. איצט האט זיך אנגעהייבן דער געשלעג אין

אלע דריי פונקטן גלייכצייטיק. די גאַרילעס זיינען זייער ברייטהארציק מיט זייערע פלעשער, וואָס רייסן אויף אומעטום... עס איז די העכסטע צייט צו לאָזן אין גאנג אונזער מאַנעוור. אונזערע בעסטע שלאָגער־גרופּעס שיק איך אַנטקעגן דעם שונא, דורך דער קאנאל־סטריט רייסן זיי זיך אריין אין עסעקס־סטריט און זיי שרייען און קוויטשענען ווי בלוט־דורשטיקע רויבפויגלען... איצט דרינגען זיי אַריין אין דער עסעקס־סטריט... אונזער פּלאַן איז אָפּצונייגן די אויפמערקזאמקייט פון די גאָרילעס פון דער העסטער־סטריט און לודלאָו־סטריט, וואו אונזערע הויפּט־כחות ליגן באַהאלטן אין די קאָרידאָרן און קעלערס. אונזערע חיילות שטויסן זיך אָן אַף אַן ענערגישן ווידערשטאנד. מיר האָבן געטראָפן אַף אַ שוואַכן פונקט. מיר פירן דעם קאַמף אַפן שונאס טעריטאָריע... זיינע חיילות קאָנצענטרירן זיך, כדי אָפּצושלאָגן דעם אָנגריף. איצט איז די העסטער־סטריט פולשטענדיק פארלאָזן. דער שונא שרייט אורא... אונזערע חיילות ווערן אַרויסגעשטויסן פון דער עסעקס־סטריט. אָבער דערווייל האָט בולקי אָנגעזאמלט זיינע באַהאלטענע כחות און גייט אליין בראש פון זיי אין אַן אָנגריף אין רוקן פון די גאָרילעס, וואָס ווערן צעשפּרייט אין אַלע לעכער און אַף אלע דעכער.

אונזער זיגרייכע באַנדע גייט דורך דער גאנצער לייַנג פון עסעקס־סטריט און שרייט און חוזקט. בעת איך האָב דערזען, אז די שלאַכט איז אַריבער און דער נצחון איז אַף אונזער זייט, האָב איך זיך באַוויזן בײַ בולקים זייט און האָב אָנגעהייבן צו דערציילן וועגן מיין אַנטייל אין דער מלחמה און פאַרדינסטן אינעם נצחון, וועלכן די אַנדערע האָבן אויסגעקעמפט. די יונגען האָבן אָנגעהייבן אראָפּצורייסן הילצערנע שילדלעך פון די קראָמען, די באַלעבאַטים פון די קרעמלעך האָבן זיך געדונגען מיט די רויבער. דאַמאָלסט האָב איך צום ערשטן מאָל פארמולירט מיין פּלאַן, בײַ וועלכן איך האָב זיך געהאַלטן אין משך פון מיין גאנצן לעבן — אַרויסצושלאָגן רווחים פון יעדן צושטאנד אין לעבן. איך גיי צו צו יעקע ווײַנגראד. אַ באַזיצער פון אַ קראָם פון וואָל־אָפּפאַל. ער דריקט די פויסטן אין אָנמעכטיקן כעס, בעת מיינע חברים

רייסן אראָפּ דעם גרויסן האָלצערנעם שילד פון זיין פענסטער.

„פּאָליציי, פּאָליציי!" שרייט ער גלאַט אין דער וועלט אריין, וואו איז די פּאָליציי? זי האָט שוין לאַנג געהאלטן פאַר קלינגער געלט צו ווערן באַלד אין אָנהייב.

איך רוף אָפּ וויינגראַדן אָן אַ זייט און גיב אים אָנצוהערן, אַז פאַר א ביסל געלט קען ער ראַטעווען זיין שילד. א צערייצטער שרייט ער אויס „שווינדעלט!".

„נאָר פינף און צוואַנציק סענט", מורמל איך, „און א נייער שילד קאָסט אַסך מער"... ער בלייבט אָן לשון איבער מיין חוצפה, אָבער דער גערויש פונם ברעכנדיקן האָלץ און די איבערגעוואַלט ארויסגעצויגענע טשוועקעס ברענגט אים תיכף צו א באַשלום.

איך רייד מיט בולקי און אויך אים געפעלט דער געדאַנק. די שילדער-צעשטערער ארבעטן איצט אונטער מיין אָנפיר; איך גיי צווישן די קרעמער און קום תיכף צוריק צו בולקי מיט דער גוואַלדיקער סומע פון פיר דאָלאַר.

„שווינדעלט!" רוף איך אויס און חזר איבער דערמיט גאַנץ אומבאַוואוסטזיניק וויינגראַדס געשאַפענעם אויסדרוק.

אָף אַזאַ אופן האָבן זיך אָנגעהייבן די אויספּרעסונגען. וואָס מיר האָבן געמאַכט איבער די קליינע קרעמער און וואָס בולקי און איך האָבן דאָס שפּעטער אויסגעאַרבעט אין אַן אמתער קונסט. בסדר און כסדר זיינען די דאָזיקע קליינע, אָבער צאָלרייכע אויספּרעסונגען געוואָרן אַ הויפּט מקור פון הכנסה פאַר אלע באַנדעס.

.4

בירגערקריג.

בולקי מיט עטלעכע פון זיינע נאָענטערע חברים האָבן זיך פאַרקליבן אין א ווינקל און שפּילן אַן איידעלן און שיינעם שפּיל:

זײ איבן זיך אײנער באַם אַנדערן אין גנבענען פֿון די קעשענעס אױך דער שלום, קענטיק, האָט זײן צײטפֿאַרטרײב... און איך זיץ אַפֿן טרעפּ פֿון אונזער הױז און פֿרײ זיך מיט די פֿיר „קוואָדערס“, װאָס איך האָב בגנבה אַראָפּגעשלעפּט פֿון די אײנגעזאַמלטע געלט און װאָס איך האָב באַהאַלטן אין די שיך. איך האָב דאָס גוט אָפּגעאַרבעט די שטיקל מלאכה! די אַנדערע האָבן געאַרבעט מיט פּיס און הענט. איך האָב אָבער אָפּגעטאָן אַ שטיקל קאָפּ־אַרבעט! די קאָפּ־אַרבעט! דאָס איז דאָס װיכטיקסטע. איך האָב מכּלומרשט פֿאַרשנורעװעט מײנע שיך און אַהין אַרײנגערוקט די עטלעכע מטבעות. אַזױ האָב איך זײ אָפּגענאַרט! און דערבײ האָב איך נאָך געגאָלטן פּאַר אַ העלד, און אַלע האָבן מיך באַװאונדערט, װײל איך האָב זײ צוגעשאַרט עטלעכע סענט, כּדי זײ זאָלן קאָנען פֿראַװענען אַ נצחון־סעודה פֿון װאורסט און זיסע זאַכן.

אָפּגעריסענע װערטער האָבן זיך געשטויסן אין מײנע חלומות. דײװי סאַלאַמאָן און אַברהם טאָלעדאָ זיצן אױף די אונ־טערשטע טרעפּלעך. זײ האָבן מיך באַגריסט, אָבער איך בין גע־װען צו פֿיל פֿאַרטאָן אין מײן עגאָאיסטישע אַלײנבאַװאונדערונג, אַז איך זאָל זײ הערן.

מײנע נאָענטסטע חברים הײבן אָן זינגען אַ פֿרײלעכן ניגון, װאָס זײ באַגלײטן צוקלאַפּנדיק מיט די פֿיס. הינקענדיק קומט אָן מיט גרױס װירדע ר׳ מענדל גערדיצקי. ער איז דער אױבער־שמש פֿון גראָדנער מנין און דער גרעסטער שונא פֿון אַלע אינגלעך, װעלכע ער שטילט אײן בעתן דאַװנען מיט זײנע באַרימטע „קאָרקנציערס“ אױף די באַקן, אױערן און אַנדערע ערטער. און זײנע קרבנות זײנען זיך אין אים נוקם, אים אָנרופֿנדיק „הינקעדי־קער שמש“ און חוזק פֿון אים בעת זײ טרעפֿן אים אױפֿן גאַס. ער טראָגט זײן באַרימטע קאַפּאָטע, װאָס די פֿאָלעס באַלבענען זיך איבער די קני װי די פֿליגלען פֿון אַ װינט־מיל. ניט די היצן פֿון זומער, ניט די קעלטן פֿון װינטער קאָנען אים צװינגען, ער זאָל אומבײטן אױף אַן אַנדער בגד זײן טראַדיציאָנעלע קאַפּאָטע, װעלכע ער טראָגט מיט גאװה װי אַ סענאַטאָרן־טאָגע. װי די

לעגענדע דערציילט זאָל די דאָזיקע קאַפּאָטע האָבן אריבערגעגאַנ־ געןֹ צו אים בירושה פון זיין זיידן, דעם גראָדנער רבין. אָבער זיין היינט־אָוונטדיקער גיינגל באַטייט עפּעס אַן אויסערגעוויינלעכע זאַך, אַ חתונה אָדער א לויה. אַפן קאָפּ — אַ צילינדערהוט. אים באַגלייט, ווי א קליינע שיפל אַ ריזיקן דאמפער, מרדכי דער מלמד, וואָס באַמיט זיך ניט אָפּצושטיין פון אים אין גאַנג.

„קומט, קינדער", זאָגט דער שמש, קומט מיט און פאַר־ דינט אַ גרויסע מצוה. קומט זייט דערביי בא ודוי־זאָגן".

„גייט, קינדער, אַ גרויסע מצוה, וואָרהאַפטיק", האַלט אים אונטער דער רבי.

דער שמש פירט אונז ארויף אַף א דאַך־שטיבל פון אַ דריי־ שטאָקיקע הויז אַף העסטער־סטריט און בעת מיר טראמפּלען נאָך אַף די טרעפּן הערן מיר פון אינעווייניק טעמפּע קולות. בולקי און די אנדערע זיינען אונז נייגיריק נאָכגעגאַנגען און זיינען איצט אָפּגעשטאַנען פון אונז, בעת מיר זיינען אריין אין דער דירה פון ר. שניידער. שכנים, מתפללים פון מנין און ניין פון שניידערס צען קינדער פילן אָן די איינגע פיר חדרדיקע דירה. נאָר אייקי שניידער, דער אינגסטער, איז ניטאָ. מיר רופן אים בייבי, וויל ער איז דער אינגסטער צווישן זיינע ברידער און שוועסטער, הגם ער איז שוין אַלט פופצען יאָר.

„איך וויל מיין „בייבי" זען", קלאָגט פרוי שניידער און ברעכט די הענט. „ברענגט דעם זינדיקן צוריק, כדי ער זאָל זיין פאָטער מחילה בעטן און באַקומען זיין ברכה"...

אַ פארצווייפלטע בלאָנדזשעט זי ארום צווישן עולם און קלאָגט: „אייקעלע, מיין אָרעמער בייבי ווערט א יתום, אַ יתום געבעך".

אייקי איז אַ אינגל, וואָס לעבט ניט אינדערהיים. אייקי איז געווען שטאָלץ, בעת ער האָט אונז אָנגעזאָגט די בשורה: „מיין טאַטע האָט מיך אַרויסגעטריבן". זיין טאַטע האָט געזאָגט: „ביז

דו ביסט געוואָרן בר־מצוה האָב איך געטראָגן די אחריות פאַר גאָט איבער דיינע עבירות. איצט קאָנסטו אַליין באַשטיין דיין שטעטל. דו בגנבסט מיך, דו ווילסט ניט לערנען און ווילסט אפילו קיין קנאָפּלאָכמאַכער ניט ווערן, דו באַגייסט זיך ווי אַ פּאַרוואָרלאָזטער, דאַן זיי טאַקע אויך אַ פאַרוואָרלאָזטער. און אייקי איז אַוועקגעגאַנגען און איז געווען זייער שטאָלץ אין פאָרהייזער צו שלאָפן און זיין עסן אויסצובעטלען אָדער צו גנבענען.

איך לויף אַראָפּ פון די טרעפּן און געפין אייקען צווישן זיינע חברים.

„קום ארויף", זאָג איך, „דיין מאַמע האַלט באַם אויס־גיין".

גייט ער צו אלדי רוחות, הלוואי זאָל ער אויסגיין! קרעכ־צעט ער. ער ווארפט אַרום נערוויז זיין איבערגעוואקסענעם גרויסן גוף, הגם גייסטיק איז ער א ניט־דערוואקסענער קינד. אין שול און אין חדר האָט אייקע גאָרנישט געקאָנט באַגרייפן, אָבער איין זאַך האָט ער זיך גוט אויסגעלערנט — ווי אזוי אַראָפּצושלעפּן פעקלעך פון די וואָגנס און זיי פארקויפן דזשעק וויינגראדן פאר אַ פּאָר סענט.

„מארש ארויף!" קאמאנדירט בולקי.

„דען מוזטו מיטגיין מיר מיר", קנייטשט זיך אייקע.

„מארש ארויף, דו פאסקודניק!" ענטפערט בולקי און דער־לאַנגט אים אַ פּאָר קרעפטיקע סטושאַקעס אין זייט: אייקע פּראָ־טעסטירט: „וואס שלאָגסטו זיך?" אבער ער גייט דאָך ארויף די טרעפּ, און בולקי מיט זיינע חברים גייען אים נאָך.

פרוי שניידער פאלט אים אפן האַלז. אָבער דער שמש נעמט זיי פאנאנדער כדי דעם אינגל צוצופירן צום בעט פון זיין גוססדיקן פאָטער.

דער גוסס שטעלט פאר מיט זיך אַ מוראדיקן בילד פון אויסצערונג. דער גבאי פון מנין זיצט אויבן אָן באַם בעט צו־קאָפּנס און שאָקלט מיטן קאָפּ. דער שמש האָט פאַנאַנדערגעשפּילט די תהילימס און מיר זאָגן תהילים מיט פארשטיקטע טענער, א געמיש פון באַס־שטימען מיט קינדער־שטימען. אייקען האָט מען

פאַראויסגעשטויסט און ער שטייט טעמפּ גלאָצענדיק מיט די אויגן אויף דער שווער־אָטעמדיקער ברוסט פון זיין פאָטער. דעם גוסס אויגן ציטערן און עפענען זיך פּאַמעלעך, אָבער אַ בליק טועענדיק אויף אייקען ווענדן זיי זיך אָפּ צוריק, פּונקט ווי ער וואלט געזען דעם מלאך־המות, ווי דער גבאי האָט עס נאָכדעם פּאָעטיש געשילדערט.

פּונקט אין דער רגע דריי איך זיך אום און דערזע מיין טאַטן, וועלכער איז נאר וואָס אריינגעקומען אין צימער — זיין פּנים דריקט אויס אימה. שניידער איז געשטאָרבן פון דער פאַבריק־קראַנקייט — פון שווינדזוכט — און דער טאַטע האָט געציטערט פאַר דער פאַבריק־קראַנקייט, די חולאת פונם דאָלאַר־לאַנד...

די ליכט זיינען אָנגעצונדן. דער מענטש איז טויט. אַ פרוי קלאָגט, און ניין קינדער טרויערן; דער צענטער קינד אָבער זאָגט: „מאַמע, גיב מיר עפּעס עסן". די שטולן ווערן איבערגעקערט און מיר זעצן זיך אויף זיי, בעת די פאַמיליען־מיטגלידער זעצן זיך אין די זאָקן אויף קעסטלעך. אַ שכן פאַרדעקט דעם שפּיגל, און די גאַנצע נאַכט האַלטן מיר וואַך באַם בר־מינן און מורמלען תהילים... די ליכט פלאַקערן... אַן אַלטער מאַן איז איינגעשלאָפן און כראָפּעט. דעבּיי לאָזט ער ארויס מאַנכעס מאָל אַ שרעקלעכן זיפץ. בולקי זיצט באַ דער טיר, ווי ער וואלט אַף עפּעס געוואַרט. ער איז קליין, יאָדערדיק און האָט צוליב זיין אויסזען באַקומען זיין צונאָמען נאָך דער „בולקע", די דאָזיקע פרישטיק ברויטלעך, וואָס עס פאַרקויפן די בעקערס פון דער געטאָ. דאָ דרייט זיך אויך אַרום זיין מוטער, אַ פאַרקלאָגטע אידענע; זי שאַרט זיך אַרום און לאָזט ארויס פון צייט צו צייט אַ זיפץ, וואָס דערמאָנט דעם סאָפּענען פון אַן אָפּגייענדיקער שיף. זי איז די בעטלערקע וואָס זיצט כסדר אַף די טרעפּלעך פונם גראָדנער מנין. ווי אַ בראָנזענע סטאַטוע; איר אָרט פאַרלאָזט זי נאָר כדי צו גיין אויף לויות; אַזוי זיצט זי און קלאַפּט מיט איר פּושקע און מורמלט ברכות, אויב זי באַקומט עפּעס. דאַגאַ דזשעקס אנגעשטריינגטער, ניגערישער פּנים זעט אויס צוליב די ליכט־שיין ווי אַ שימערנדיקע וועק־

סענע מאַסקע, וואָס שוועבט אַרום אין פעלד. ער איז אַ גוי און מאָר דעם שוועל נים אַריבערטרעטן. ער איז אַ געבאָרענער סיציליאַנער, אַ יאַט, וואָס נעמט אַף זיך די געפערלעכסטע אופגאַבן. זיין טאַטע האָט צוועלף קינדער. ער האָט אַ קליינע קרעמל פון נים און קאַשטאַנעס, זיינע ברידער זיינען ציימונגס־יונגען און זיינע שוועסטער דינען ווי שקלאַפן קרעמערשע ווייבער. אַ קריבער, אגב וואָס שטיט אונטער פּאָליציי־אופזיכט, אַ מטילעט־אַרטיסט, זיין געבאָט איז: „נעם וואָס נאָר עס לאָזט זיך" און בולקי איז זיין נביא.

אברהם מאַכט דעם אָנשטעל, אַז ער זאָגט כלומרשט אין תהילים, וואָס ליגט אַ געעפנטער אַף זיינע קני. דוד אָבער האָט ליירנשאַפטלעך און מיט יראת־הכבוד מתפלל געווען. אברהם איז אַ קאַלטער אפיקורוס, בעת דוד גלויבט אומבאַדינגט אינם געזעץ פונם גאָט פון נקמה. און דאָך זיינען זיי ביידע נים־צושיידבאַר און מען רופט זיי דער „אָנדערטהאַלבן צווילינג". ווייל דוד איז קליין און שמאָל, בעת אברהם איז הויך, קרעפטיק און גוט אַנטוויקלט. זיי זיינען ביידע גרויסע ליבהאָבער פון לייענען ביכער און די באַנדע קוקט אַף זיי מיט פאַראַכטונג. מיט זיינע שוואַרציע האָר, טונקעלע גליענדיקע אויגן און טונקלפאַרביקע הויט זעט אויס אברהם ווי אַ שפּאַניער. דוד ווידער מיט זיין ווייסן פנים, בלאָע אויגן און גאָלדענע האָר זעט אויס ווי אַ יונגער פּאָליאַק פון אַ יאָר נייַן, הגם ער איז שוין אַלט פופצן... אברהם איז אַ נייער סאָרט איד אין דער געטאָ. ער איז אָנגעקומען פונם באַלקאַן. צוערשט האָבן די שכנים געמיינט, אַז זיי זיינען גאָר קיין אידן נים, ווייל זיי האָבן נים גערעדט קיין אידיש, נאָר שפּאַניאָליש, אַ געמיש פון אַלט־קאַסטיליאַניש, העברייאיש און צוגעבראַכט מיט דעם אוניווערסאַלן לאַטיינישן לשון. אַמאָל האָבן גערעדט אַף דעם לשון די גרויסע אידישע מאַסן אין שפּאַניען, וואָס בעת זיי זיינען פאַרטריבן געוואָרן דורך דער אינקוויזיציע, האָבן זיי די שפּראַך מיט זיך אַריבערגעבראַכט אַפן באַלקאַן און אין פאַרשיידענע האַפנס פונם מיטללענדישן ים, וואו זיי האַלטן זיך ביזן היינטיקן טאָג... אברהם טאָלעדאָ איז פולקום רייף... אַ זיידענער פוך צעלייגט זיך

ווי אַ שאָטן איבער זײַן אויבערשטער ליפּ און אויף די באַקן, מיט יאָרן שפּעטער בעת איך בין געשטאַנען פֿאַר רעמבראַנדטס באַרימטן „בילד פֿון אַ ייִדן", האָב איך געטראַכט וועגן דעם דאָזיקן ספֿרדישן פּרינץ מײַנעם מיטן הויכן ליכטיקן שטערן, די גרויסע ברוינע אויגן, דעם רעגלמעסיק אינטעליגענטן פּנים, די לאַנגע שיינגעפֿורעמטע נאָז מיט די ברייטע, דיקע נאָזלעכער און די צייטיקע געוועלבטע ליפּן, די ליפּן פֿון אַ ליבהאָבער... אַברהם האָט זיך געחבֿרט מיטן אָנקל פֿיליפּ. זיי האָבן געהאַט בלויז איין געמיינזאַמען ענין: אַ פֿאַראַכטונג צו גאָט און צו אַלע רעליגיעס. און דאָך איז ער אַ זון פֿון אַ מענטשן, וואָס פֿיליפּ רופֿט „דער טאָפּלט געניטער ייִד" און וואָס איז אַזוי פֿרום, אַז ער טוט אָן יעדן טאָג בײדערליי תּפֿילין פֿון רש"י און רבינו תּם. די פֿײַנע לאַנגע רצועות פֿון די תּפֿילין רופֿט אַברהם דער „געשפּאַן פֿון דער רעליגיע". ניט געקוקט אויף דעם איז ער דאָך זייער צוגעטאָן צו אָט דעם מיאוסן, באַוואַקסענעם אַלטן מאַן מיטן פֿעטן פּנים און מערקווירדיק וואַלענע באָרד. נאָכן שול זיצט אַברהם שוין לאַנג בײַ זײַן מוטער און העלפֿט איר מיט די שוועסטערן נייען קימאָנאָס, מיט וועלכע דער פֿאָטער האַנדלט איבער די הײַזער. און דער צאַרטער און שיינער דוד הייגנט זיך אָן אַברהמען, ווי אַן אײדעלער בלום אָפּן שטאַם פֿון אַ טונקעלן בוים. ער איז דער ליבלינג פֿונם אַלטן מרדכי, ווײַל אין אים געפֿינט דער מלמד אַ רײַכן און טיפֿן ווידערקלאַנג. אויך דודס פֿאָטער איז געשטאָרבן פֿון דער שרעקלעכער „פֿאַבריק=קרײַנק", זײַן מאַמע איז אַ „רעטעך=אַלמנה", ד. ה. זי האַנדלט מיט רעטעך אויף דער לודלאָו=סטריט. אָפֿט קאָן מען זען דודן זיצן נעבן זײַן מוטער, זײַן שיינער קאָפּ אָנגעלענט אויף איר ברוסט; בעת זי דרייט די רעטעך=מילכל זינגט דוד אַ ייִדישן ניגון. אַרציע וואָטין ווערט אומרויִק... שוין לאַנג ווי ער צופּט אייקען פֿון הינטן בײַ דער פּאָלע, און אייקע איז אינגאַנצן פֿאַרחושט. ער דרייט זיך אום, ווייס אָבער ניט ווער דאָס איז געווען. אַרציע פֿילט זיך גוט, אַז ער קאָן עמיצן אָפּטאָן אַ שפּיצל. עס מעג זײַן אַפֿילו אַ האַלבן אידיאָט. זײַנע פֿינגער זײַנען לאַנג, שלאַנק און פֿלינק. דורות פֿון שנײַדערס האָבן אים

געלאָזן בירושה אַ גראבן פינגער, וואס ניט נאר עס שטערט אים באם ציען פון די קעשענעס, נייערט עס העלפט אים נאָך אונטער. ארציע איז אַ וואונדערלעכער קעשענע־גנב. חוץ דעם איז ער א מוראדיקער ליגנער, א ליגנער לשם ליגן, מחמת ער זאָגט ליגנס אויך דארטן וואו עס קאָן גילטן דער אמת. ער האט אומרואיקע, קליינע אויגעלעך, וואס שטעקן אין אַ געלבלעכן שמאלן פנים און זעט אויס ווי א קריינקלעכער קינד, בעת ער איז אין דער ווירק־לעכקייט אַ קרעפטיקער, באוועגלעכער און פעסטער יונג. ער פארשטעלט זיך נאר פאר א פחדן, קיין שום מורא — איז זיין אידעאַל. זיין פאטער ארבעט אפן פאבריק און זעט אים נאָר בעת ער האָט ניט קיין אַרבעט. ער גייט צו דער ארבעט ווען זיינע קינדער שלאָפן נאָך און אין אָוונט אַז ער קומט פון דער אַרבעט איז ער צו מיד און מוז גיין שלאָפן, כדי מאָרגן אופצושטיין אַ פרישער ווידער צו דער ארבעט. אזוי איז ארציע דערצויגן גע־ווארן דורך בולקין, ווייל זיין מוטער האָט זיך געהאט צו זארגן פאר פיר קלענערע קינדער. חברה מאַכט חוזק איבער אייקין, אים צופנדיק פון אלע זייטן און יענער שטייט ווי אַ תם און ווייס ניט וואס דאָ קומט פאר. האַרי וואָמין, ארציעס ברודער, וואָס איז ביז איצט געשטאנען בא דער וואנט, זאָגט ארציען: „עס איז שלעכט, אַ זינד צו מוטשענען אַ יתום". ארציע איז אַלט פערצען יאר און זיין ברודער איז מיט צוויי יאר עלטער פון אים. עס ווערט א סומאַטאכע צווישן דער חבריה ביז עס מישט זיך אריין דער שמש, וואס שרייט אָן: וואס טוט זיך דאָ, יונגאַטשעס, האָט איר גאָר קיין דרך־ארץ ניט פארן כבוד פון מת?"... דייווי שוידערט אוף און זאָגט ווייטער תהילים: און אפילו בולקי מורמלט מיט אַ זייטל אָדער צוויי... ענדלעך לאזט אונז אָפ דער שמש. זיינע העלפער זיינען געקומען בכדי צוצוגרייטן אף מארגן די לויה, די שניידערס בילדן אין קיך א מעלאנכאלישע גרופע און דורך די הכנות פאלן זיי אריין נאך אין אַ מער געדריקטע שטימונג. דער תהילים־זאָגן האָט זיי, ווייזט אויס, באַרואיקט. ביידע אלטע קברות־לייט, דעם שמש באהעלפערס פרעגן בא אים געשעפטלעך: „ווי קאָנען מיר דא ארבעטן, אין אזאַ איינגשאפט!"

.5

מלחמה מיט די ניט־אידן. אן ארמיי אונטער א צינערנעם דאך.

ניט אלע אינגלעך, וואס האבן אנגעהערט צו אונזער באנ־דע, זיינען געווען גנבים. א סך פון זיי זיינען געבליבן קליינע גנבים, ביז עפעס א שמארקערע השפעה האט זיך געמאכט, וואס האט זיי ארויסגעריסן פונם שמוץ. אין דער באנדע זיינען געווען פארטראטן אזעלכע, וואס זיינען ראמאנטיש געשטימט און האבן געוואלט ווערן העלדן. און אין פריען זומער האט פאסירט עפעס אזוינס, אז אלע יונגען פון דער באנדע האבן זיך צוזאמענ־גענומען און צום ערשטן מאל האט זיך דער האלבער טוץ אידי־שע באנדעס פון ניו־יארק פאראייניקט... די אופרעגונג איז געווען גרויס, ווען א אידישער גאסנהענדלער אף דער גראנדסטריט, נעבן דער גובערנאטאר סטריט איז דערהרגעט געווארן דורך א שטיין, וואס אין אים האט געווארפן א מיטגליד פון אן אירישער באנדע. א חוץ דעם זיינען א פאר פון אונזער באנדע, בעת זיי האבן זיך אומגעקערט פון באדן זיך אין איסט־ריווער, געכאפט געווארן פון דער דזשעקסאן סטריט־באנדע און מען האט זיי שטארק אנגע־בראכן די ביינער. מיט די גארילעס איז געווען נאך ערגער, מחמת זייער פירער האט באקומען א לאך אין קאפ. שמשון אליין איז געווען מוטיק, אבער ניט קלוג. מען האט אים גע־בראכט אין שפיטאל פון דער גובערנאטאר־סטריט, וואו מען האט אים פארנייט די לאך אין קאפ, און בעת ער איז ארויס פון שפיטאל האט ער אליין איבערגענומען דעם קאמף קעגן די אירי־שע יונגען, וועלכע מיר האבן גערופן די „מיקעס". ער איז ארויס קוים מיטן לעבן.

די דזשעקסאן סטריט באם איסט־ריווער איז געווען דער איינציקער ארט, וואו עס איז געווען א מין זאמד־באנק, וואס האט געמאכט באזונדערס אנגענעם דעם באדן זיך אין טייך. ווי עס זאל ניט זיין איז דער גאנצער טייך געלעגן אונם געביט פון די

„מיקעס", און צו יענער צייט ווען א איד, איז נאָך אין דער געגנט געווען אַ פרישער, האָט אַ „מיק" געהאַלטן פאַר זיין הייליקן חוב אים אָנצוקלאַפּן די זייטן. דער זומער איז געווען אַ שרעקלעך הייסער און חוץ אונזער „שוויץ־מקוה" איז דער טייך בכלל געווען אונזער איינציקער באָד־אָרט. די באַנדעס האָבן מיט חשק אופגעכאַפּט דעם מלחמה־אַרויסרוף פון די „מיקעס". דער סכסוך איז געווען פול מיט יענעם גייסט, וואָס באַגייסטערט דעם רעליגיע־קריג. די אירישע האָבן געשריען: „דערהרגעט זיי, זיי האָבן קריסטוסן אומגעבראַכט". די אידן האָבן געשריען: „אַ מפּלה די מיקעס!" ווי עס זאָל ניט זיין, האָט דאָס געהייסן, אַ מוראַדיקער נקמה־רוף. אָבער די „מיקעס" זיינען געווען אויסגעצייכנטע קריגער און די אָנגריפן פון די אידן זיינען געווען צו שוואַך. עס זעט אויס מאָדנע, וואָס צווישן די אידן און אירישע האָט דאַמאָלסט געהערשט אַזאַ שנאָה, בעת שפּעטער אַהין, ווען זיי האָבן זיך איינע מיט דער אַנדערער נאָענטער באַקענט, זיינען זיי געוואָרן באַגוטע שכנים און די שטאַרקסטע אָרטיקע באַנדעס זיינען באַשטאַנען פון אידן, אירישע און איטאַליענער. דאָך האָבן אויך דאַמאָלסט די באַנדעס געהאַט אַ באַזונדערע דאָמינירנדע נאַציאָנאַלע נאַטקע.

די לודלאָוו סטריט האָט געמאַכט אַן אַרויספאַל, זי האָט זיך אָבער געמוזט צוריקציען אַ צעקלאַפּטע. בולקי איז געווען אויסער זיך פון כעס. ער האָט זיך באַרימט פאַר שמשונען, אַז ער וועט די „מיקעס" צעטראָגן אַף שטיקלעך. אָבער די „מיקעס" זיינען געווען צו גרויס אין צאָל, אַזוי אַז אַן איינציקע באַנדע האָט זיי ניט געקאָנט באַזיגן. איך האָב גערופן צו אַ הייליקן בונט מיט די גאָרילעס, און נאָך אַפּן אַנדערן טאָג זיינען די פאַראייניקטע באַנדעס נקמה־דאָרשטיק אָנגעפאַלן אַף דער גובערנאַטאָר סטריט, הגם אָן אַ באַשטימטן פּלאַן. אין דער ערשטער רגע האָבן מיר די „מיקעס" צעטריבן. די גובערנאַטאָר סטריט איז צו שמאָל. אונזערע רייען האָבן אָפּגעשפּאַרט די גאַנצע גאַס. מיר האָבן געפּיפן און געשריען, אָבער אינם נאָענטסטן אויגנבליק זיינען מיר אַרונטערגעפאַלן אונטער אַ קוועטשיסעריי פון ציגל

און קאַלך. די „מיקעס״ האָבן פּשוט אָפּגעטראָטן אַף די רעכער, האָבן עטלעכע קוימענס צעבראָכן און האָבן אונז באַשאָטן מיט אַ רעגן פון ציגל-שטיינער. און תּיכּף אַף דעם האָט אַ צווייטע באַנדע פון האַנרי סטריט אַטאַקירט אונזערע, אין אומאָרדנונג אָפּטרעטנדיקע, רייען. עס איז געווען אַ שרעקלעכע מפּלה. מען קאָן זיך פאָרשטעלן אונזער פאַרדרוס און צאָרן; מיר האָבן זיך געהאַלטן פאַר ניט-באַזיגבאַר.

איך האָב זיך שרעקלעך געשעמט. מיין פּלאַן האָט זיך ניט איינגעגעבן. עס איז געווען מיין אויפגאַבע צו ראַטעווען מיין כּבוד און דעם כּבוד פון מיין באַנדע. דערצו איז נאָך צוגעקומען די ראַסן-שנאה. אונזער מפּלה איז געוואָרן דער געשפּרעך-אָביעקט פון דער גאַנצער געטאָ. צום ערשטן מאָל האָבן אונזערע עלטערן געגעבן זייער הסכּמה אַף אַ באַנדע-קריג. אויך דאָ האָט געווירקט די פאַרשאָלטענע ראַסן-שנאה. אויך די ביכער-ווערים פון אונזער עלטער האָבן זיך צו אונז דערנענטערט. די סטאַנטאָן-סטריט-באַנדע האָט געבעטן, מען זאָל איינאָרדנען אַ קריגס-באַראַטונג. אויך זיי האָבן פאַרזוכט דעם ביטערן טראָפּן פון דער מפּלה. איך בין געגאַנגען אַהיים און האָב זיך געחזרט אַ פּאָר פראַזעס, וואָס זיינען געווען מיין פאָרמולע אין אַלע שווערע מאָמענטן אין לעבן. באַנוץ דיין קאָפּ! שטריינג אָן דיין מוח! ס'איז פאַראַן אַן אויסוועג, אויב דו וועסט נאָר דיין מוח אָנשטריינגען! איך בין געזעסן אין קיך. די מוטער האָט געוואַשן וועש. דער קעסל איז געשטאַנען אַפן פייער. די מוטער בעט מיר איך זאָל איר ארויסזוכן דעם דעקל פון אונטערן בעט. איך האָב דעם דעקל ארויסגעשלעפּט, אריינגעשטעקט די פינגער אינם גריף און געטראָגן פאַר זיך. די מוטער לאַכט און דערציילט מיר, אַז די מכּבים, די אידישע סאָלדאַטן, פלעגן גיין אין מלחמה מיט פּאַנצערס, וואָס האָבן אויסגעזען פּונקט ווי דער צודעק פונם וואַש-קעסל. און דאָ בין איך געקומען צו אַ גלענצנדיקן איינפאַל. איך האָב מיר ארויסגעכאַפּט פון שטוב מיטן דעקל און בין ארויסגעטרעטן מיטן בלומרשטן פּאַנצער פאַר דער באַנדע. „פאָרויס״, האָב איך אויסגעשריען. „איצט וועלן מיר באַזיגן די „מיקעס״. בולקי און שמשון

און אַנדערע העלדישע יונגען האָבן מיר נאָכגעטאָן. אַלע יונגען האָט מען באַפֿוילן זיי זאָלן נעמען מיט זיך די דעקלעך פֿון זייערע מוטערס וואַש־קעסלען. און אין א קורצער צייט אַרום האָט זיך פֿאַרזאַמלט אַפֿן קאַנאַל־סקווער אַן אַרמיי מיט בלאַנקעדיקע צינערנע און קופּער פֿאַנצערס. אַנדערע ווידער זיינען אַרויפֿגעקראָכן אַף די דעכער און אָפּגעריסן בלעך־צעראַטעס, וואָס זיינען פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין פֿאַנצער־היט. די קריגס־באַראַטונג איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן, די סטאַנטאָן־סטריט איז גערופֿן געוואָרן. מען האָט אויסגעוואָרפֿן א מלחמה־פּלאַן.

און ווידער האָבן מיר מאַרשירט איבער דער גובערנאַטאָר־סטריט. ווידער זיינען די „מיקעס" אַנטלאָפֿן אַף די דעכער און האָבן אונז אָנגעהייבן צו באָמבאַרדירן מיט ציגל, קאַלך און שטיינער. אונזערע חיילות האָבן אָבער איצט מאַרשירט מיט מעטאלענע דעקלעך. מיר האָבן זיי פֿאַרטריבן פֿון די דעכער און די וואָס מיר האָבן געפּאַקט, האָבן מיר אומברחמנותדיק צעמויקט. אין דער שלאַכט איז צום ערשטן מאָל אויך באַנוצט געוואָרן אַ רעוואָלווער. שמשון האָט אים בעת זיין גרויסן צאָרן געקויפֿט און ער האָט באַשלאָסן „אוועקצולייגן" אַ פּאָר „מיקעס". צום גליק האָבן די קוילן ניט געטראָפֿן.

מיר האָבן אַרונטערמאַרשירט צום ברעג־טייך. פֿאַנאַנדערגעשטעלט אַ וואַך און פֿאָר־פּאָסטנס און האָבן זיך מחיה געווען אין די שמוציקע וואַסערן פֿון דער איסט־ריווער.

איך בין געווען גוואַלטיק שטאָלץ אַף מיין איינפֿאַל. מיין קאָפּ אַרבעט האָט אויסגענומען. אלע האָבן וועגן מיר גערעדט און מיך באַוואונדערט. פֿיליפּ האָט בלאחר־יד באַמערקט: „גוטע אידייען זיינען נאָר דאַמאָלסט גוט. ווען זיי ברענגען גוטע רעזולטאַטן. געדיינק — מען דאַרף האָבן נאָר אידייען, וואָס קאָנען עפּעס געווינען". אין דעם זעלביקן אָוונט האָט אָנקל פֿיליפּ מודיע געווען: „מאיר וועט זיין אַן אַדוואָקאַט".

6.

געשלעכטס־מיסטעריען.

איך באמי זיך מיט אלע מעגלעכקייטן צו דערמאנען, ווען זיינען מיר גאסן־יונגען פון דער גרויסער שטאט געווען אומשולדיק, עס קומט אוים ווי מיר וואלטן געבארן געווארן מיט חוהס עפל פון עץ־הדעת אין מויל. היימי רובינס באבע, וואס האט געפירט די שטוב פאר איר זון, דעם אלמן, און פאר זיינע קינדער, פלעגט זאָגן: „דו ביסט שוין אין דער מאמעס לייב געווען א גנב". איך ברייננ דאס אלס באווייז, אז אונז איז אויסגעקומען צו הערן אזעלכע זאכן, וואס האבן שוין מער קיין באזונדערן רושם אף אונז נים געמאכט.

היימי האט געהאט א באזונדערע סיבה צו זיין אין כעס אף זיין באָבען. זי איז שולדיק געווען אין דעם, וואָס ער האָט געהאט אויסגעדרייטע פיס. בעת היימי איז געבארן געווארן האָט אים זיין באָבע איינגעבונדן אין וויקעלעך, ווי דאמאלסט איז געווען דער מנהג: זי האָט אים אָבער צו פעסט פארשנורעוועט די קניען. היימי האָט נים געהאט קיין מאמען, וואס זאָל זיך פאר אים זארגן; זיין טאטע איז דעם גאנצן טאג געווען אין פאבריק און זיין באבע האָט זיך פארנומען מיט וואָרטשענען און זידלען און האט געוואוסט פון איין זאָרג: צוגרייטן אַ ווארעמע וועטשערע פאר איר זון, דעם שפייזער. נים געקוקט אָבער אַף דעם, וואָס זי האָט איר אייגענעם אייניקל געמאַכט פאר אַ קאַליקע אַפן גאַנצן לעבן, האָט מען איר גערופן פאר א בעל־יועצטע באַ אלע קימפעטאָרינס. צוליב דעם האָט היימי אינם עלטער פון צוועלף יאָר געהאט א געוויסן אויטאָריטעט בא די קינדער. חוץ דעם איז ער אינערלעך געווען איינער פון די איידלסטע קינדער, וועמען איך האב געקענט. און דאָס האָט לסוף מיטגעווירקט, מען זאָל היימין מאַכן פאר א דאָקטאָר...

און אזוי איז עס געווען... מיר האָבן טאַקע אַלץ געוואוסט... מאַנכעס מאָל זיינען געבורטן פאָרגעקומען פאר אונזערע אויגן. די

איבערגעפּאַקטע דירות האָבן געזאָרגט דערפֿאַר, אַז קיין סודות האָבן ניט געקאָנט זיין. אויסגעלאָזנקייט איז געווען אינם טאָג=סדר, אַזוי זיינען שוין געווען גענוג געריידעריִען, און אַ פּאָר ווערטער וואָס עפּעס אַ אינגל האָט אויפגעכאַפּט, איז גענוג געווען בכדי זיינע חברים זאָלן זיך דערוויסן אַ גאַנץ פּיקאַנטע געשיכטע.

דערצו איז צוגעקומען די עללען=סטריט, אַ פינסטערער פּאַסאַזש — וואָס האָט זיך געבאָדן אין שאָטן און רויך פונם דאַמף=הויכבאַן, איז איבערגעמאַכט געוואָרן אַן איבערפילטער שרייענדיקער צענטער פון פאַרקער.

אַ נידעריקע, געמיינע בריאה האָט אָפּגעדונגען די אונטערשטע שטאָקן פון די הייזער און האָט אין די פענסטערן אויסגעשטעלט לעבעדיקע סחורה, אַפילו אין אַזאַ פאַרדאָרבענער שטאָט, ווי ניו=יאָרק איז דאַמאָלסט געווען, האָט אַזאַ מין הפקרדיקער טמא מאַכן אַ באַוואוינטע גאַס אויסגעוויזן פאַרברעכעריש. קיין זאַך איז ניט געווען פאַרבאָרגן, קיין זאַך ניט פאַרטושט, קיין שום סודות. פון די פענסטערן האָבן ארויסגעקוקט די חצופות, וואָס האָבן גערופן די באַזוכער מיט חצי=פייף חצי=טשמאָקען מיט די ליפּן, וואָס זיי האָבן מיטגעבראַכט פון די גאַסן פון ווארשע און בודאַפּעשט; דאָס איז אויפגעכאַפּט געוואָרן דורך די גאַסן=יונגען, וועלכע האָבן דאָס מיט התמדה אויסגעלערנט. באַלד איז דאָס געוואָרן אַ מין ליבלינג שפּיל פון די גאַסן=יונגען: גאַנצע כאָפּטעס יונגען פון אַלע טיילן איסטסייד האָבן זיך פאַרביי־געשלייכט, האָבן געשטוינט און געגאַפט, געשפּאַסט און געלאַכט... אַ ווימלדיקער מאַרק... אַ הכנסה=אָרט פאַר סוטענערן, הויז=באַזיצער, פּאָליטיקער און פּאָליציסטן.

איסיי וויינגראַד, וואָס האָט באַוואוגן די גנבים צו ברענגען זייערע גנבות צו זיין טאַטן אין קראָם, האָט אריינגעפירט אייקי שניידער אין דער קאָמעדיע פון דער עללען=סטריט. און אַזוי האָט אייקי געהאַט אַ וויטערדיקן גרונט אַף צו גנבענען... אויך מייקע

ראָטשטיין, א וואוילער, לייכטגלויביקער יונג. וואָס האָט געהאַט מוסטערהאפטע ברידער און שוועסטער, האָט אָנגעוואָרן דעם זינגען פּאַר גוטס און שלעכטס. ער האָט פּשוט געטאָן אַלץ. ווען איסיי האָט אים אנגעוויזן וואו מען קאָן גנבענען גוטע סחורות, איז מייקע פּשוט אהין אוועק און געגנבעט. און בעת איסיי האָט אים גערופן גיין אף דער עללען סטריט, איז מייקע מיטגעגאַנגען, בכדי נאָכ־דעם אף א לאנגע צייט אריינצוואַנדערן אין שפּיטאָל... אבער מייקעס אומגליק האָט אונז ניט אָפּגעהאַלטן: עס איז תיכּף געוואָרן אַ מנהג, אַז אונזער באַנדע דאַרף באַזוכן די עללען־סטריט...

7.

רבּי צוקער. עללען־סטריט מיסטעריעס.

בעת אָנקל פיליפּ האָט זיך דערוואוסט, אַז דער גראָדנער מנין האָט אויסגעשריבן פון גראָדנע א רב, האָט עס אַף אים קיין באַזונדערן רושם ניט געמאַכט א רב האָט ער געזאָגט, איז א געלערנטער, וואָס איז אָפּגעשטאַנען טויזנט יאָר פון זיין צייט. בעת די וועלט קומט אריין אין התפּעלות פון א נייער דערפינדונג, אָדער א וויסנשאַפטלעכער אַנטדעקונג, דערקלערט א רב מיט בּיטול, אַז דאָס איז שוין אַן אַלטע באַקאַנטע זאַך, וואָס ער באַווייזט מיט ארויסדרינגעניש, בגמטריות און נוטריקנס פון די אלטע ספרים. אָדער ער באַהויפּט, אַז שלמה המלך, דער קליגסטער פון אַלע חכמים, האָט שוין דאָס לאַנג אָפּגעוואָרפן ווי הבל הבלים און אייטלקייט. דער רב לעבט אינם געדיכטן אוראַלטן וואלד פון דער גמרא און דערוועגט זיך ניט אָפּצורייסן די קלענסטע בלעטל כדי צו דערלאָזן אַ ביסל שיין. ער איז דער אויבערשטער שופט פון זיין קהלה און דער דין אין אַלע שטרייטן, רייסערייען און געשעפטלעכע סכסוכים, מאַכט שלום צווישן פיינטלעכע שכנים, פּסקנט שאלות, שטעלט איין גיימטיקע מאַסשטאַבן און צענזורירט זיטן, מנהגים און קונסט.

דער נייער רב חיים צוקער האָט טאַקע באמת אופגעהויבן דעם מצב פון גראָדנער מנין. ער האָט אהין צוגעצויגן אַ סך פרומע מיטגלידער און רייכע סוחרים האָבן געצאָלט גוט געלט פאַר א שטאָט אין מנין נעבן דעם רב. הרב צוקער האָט זיך געשטעלט פאר אַן אופגאַבע צו זאַמלען א פאָנד פאר א ישיבה. דער שמש האָט אים אומעטום באַגלייט ווי אַ געטרייער דינער און האָט אַלע נדבות ארייגעשריבן אין א גראָבן געשעפטס=בוך.

הרב צוקער איז געווען אַ זקן פון אַ יאָר זיבעציק, שלאַנק, שפיציק און אויסגעגלייכט האָט ער זיך באַוועגט מיט חשיבותפולער גראַציע. ער איז געווען ווי א פאַטריארך. זיין פנים איז געווען דורכזיכטיק בלייך און זיין לאַנגע ווייסע באָרד האָט געפלאַטערט ארום זיין פנים ווי א וואָלענער וואָלקן. זיינע גראָע אויגן זיינען געווען סטאַר און וויטזיכטיק, פול מיט ערנסט און אליינבאוואוסטזיין איז ער געגאַנגען צו זיין ציל און קיינער האָט אים ניט געוואגט צו זאָגן ניין. אפילו פיליפ האָט אים געאַכט און באַזונדערס זיין פיר. ער האָט געזאָגט, אַז עס א שאָד וואָס אַזאַ מענטש האָט זיך פארבלאָנדזשעט אינם גערדיכטן וואלד.

איינמאָל א טאָג האָט הרב צוקער אנטדעקט די עללען=סטריט. שבת נאָכן דאַווענען האָבן די חשובים פונם גראָדנער מנין אָפגעהאַלטן אַן אַסיפה. דער רב האָט געשטעלט א מערקווירדיקע פראגע. ער האָט געוואָלט וויסן, צו עמיצער פון די מתפללים האָט אַ הויז אַף דער עללען=סטריט. האַרי ריטבערג און ברוך ענגעל האָבן מודיע געווען, אַז זיי האָבן דאָרטן הייזער. „איז ערגעץ וואו אין אייער אייגנטום פאַראַן א הייזל". האָט דער רב געפרעגט.

עס איז געווען א שטורעמדיקע פאַרזאַמלונג. ריטבערג און ענגעל זיינען געווען רייך און מעכטיק, זיי האָבן זיך געפרוווט ארויסדרייען פונם רבס פראגע, דערקלערנדיק אַז זיי ווייסן ניט, וואָס זייערע איינוואוינער טוען, הגם עס איז באוואוסט געווען, אַז א טייל איינוואוינער צאָלן צענפאכיקע דירה=געלט. דער רב האָט ווייטער ניט געפרעגט און איז במשך פון דער אסיפה געווען שווייגעדיק און מאַיעסטעטיש.

אַף מאָרגן איז געווען זונטיק. דער יריד־טאָג אין עללען־סטריט. אַרום מיטיקצייט איז הרב צוקער געשטאַנען אַפן ווינקל פון קאַנאל סטריט און עללען־סטריט ווי א מאַלערישע געשטאַלט צווישן דעם המון, וואָס האָט זיך באַוועגט אַהין און אַהער. נאָכ־דעם האָט ער אָנגעהייבן צו גיין אין מיטן גאַס. די הענט אויפגע־הויבן הויך איבערן קאָפּ, ווי באַם דאַווענען, אַזוי אַז אַרום אים האָט זיך תיכף פאַרזאַמלט אַ גרופּע מאַנסבילן און יונגען.

ער איז געבליבן שטיין אין די גאַס איז געוואָרן שטום. ער האָט גענומען ריידן מיט לשון פון דער תוכחה, און זיינע ווער־טער זיינען געפאַלן ווי גליענדיקע קוילן.

„הערט, איר קינדער פון ישראל. פאַרנעמט די שטים פון גאָט און ווענדט זיך אָפּ פון רשעות.

קינדער פון ישראל, איר זייט אין א נייע לאַנד, ווי פרעמ־דע צווישן פרעמדע, און די שווערע האַנט פון משפט רוט תמיד אַפן פרעמדן.

און דאָך זייט איר אין לאַנד פון וואונדער, אין לאַנד פון לעבן און פרייהייט, וואו איר מעגט אַרבעטן, וואו און ווען איר ווילט. אינם געבענטשטן לאַנד פון פרייען ווילן, מען נעמט אייך ניט צו פון אייער גאָט און מען נעמט אייך ניט פון זיין היכל. מען צווינגט אייך ניט. מען העצט ניט קעגן אייך און מען רודפט אייך ניט.

דאָ געפינט איר די פרייד פונם גערעכטן, ווייל דאָ טרייבט מען אייך ניט דערצו, אַז איר זאָלט זיך נאָר דאַרפן זאָרגן פאַרן נפש.

אינם נאָמען פונם אַלמעכטיקן רוף איך צו אייך: זייט מפשפש אין אייערע מעשים, וואָרום איר גייט אַף שלעכטע דרכים.

הערט מיך צו, אָדער אַף אייך וועט היינגען גאָטס קללה.

עפנט אייערע אויערן און הערט, אָדער אייער טאָג וועט פאַרשאָלטן ווערן.

פאַרשאָלטן זאלן זיין אייערע שעהן, אייערע רגעים, אייערע אויגנבליקן.

אייערע אויגן וועלן ווערן ווי פייערדיקע קוילן אין אייערע קעפּ.

אייערע צונגען וועלן ווערן ווי געשמאָלצענער בליי אין אייערע מיילער און זיי וועלן אייך ווערגן און שטיקן.

אייער געביין וועט פאַנאַנדערפאַלן און פוילן"— — —

באַמאַלטע פּנימער זיינען פארשוואונדען געוואָרן, און פענס־טער האָבן זיך הילכיק פארקלאַפּט. די גאַס איז געוואָרן פוסט, מענער מיט פארשעמטע רויטע פּנימער האָבן זיך באַ די זייטן געשאַרט, בכדי אויסצוווייכן די מוראדיקע קללות פונם רבין. בלויז אַ פּאָר יונגען מיט אָפענע מיילער זיינען געבליבן שטיין נעבן דעם רב... דעם רבס אויגן זיינען געווען געווענדט צום הימל און ער האָט ניט געזען, ווי עס האָט זיך אופגעהויבן א האַנט מיט אַ טויטנשלעגער, וואָס האָט זיך אראָפּגעלאָזן אַף זיין מוח. א ווילגעצילטער קלאַפּ, און הרב צוקער איז געפאלן אפן גאַס. אַ וואונדער געשריי האָט זיך דערהערט, אָבער ניט פון ר׳ב, נייערט פונם פאַרגאַפטן המון. בעת ער האָט געזען ווי פון אַ טיפער וואונד אין שטערן האָט געשטראָמט בלוט...

.8

באַרניי פין קענן עלען סטריט.

בערל דער זאָטלער קומט אַרויס אַפן גאַס כאַפּן א ביסל פרישע לופט. איך בין געזעסן אַף די טרעפּלעך, וואָס פירן צו זיין קעלערשטוב. אָבער פיליפּ און זיינע פריינט, וועלכע מען רופט די "דיסקוטיאָניסטן", פאַרטרייבן מיר פון דאָרטן.

צווישן פיליפּס חברים איז געווען איינער, וואָס אלע האָבן געהאַט פאַר אים גרויס דרך־ארץ. דער פרעמדער איז געווען אַן אַמעריקאַנער, ניט קיין איד.

„ווער איז דער דאָזיקער גוי?" האָט געפרעגט בערל.

„ער וועט מיר אויס צו זיין אַן איירישער, אָבער באַשטימט קאָן איך דאָס ניט זאָגן. ער איז אַזוי רואיק, אַזוי אָנשטענדיק, זאָל איך אַזוי לעבן: דאָס קאָן ניט זיין קיין איירישער.

בערלס באַקאַנטשאַפט מיט די איירישע האָט זיך באַגרענצט אַף דער כוליגאַנישקייט, וואָס אַ טייל פון זיי ווייזן אַרויס אינם נייעם לאַנד בנוגע צו די „גרינע", די שמוציקע „שינים" (אידן) פאַר בערלען איז דאָס אָבער געווען גענוג, כדי מחמת דעם אָפּ־צושטעמפּלען די גאַנצע ראַסע.

„וועל", האָב איך געזאָגט, „דאָס איז טאַקע באמת אַן איירישער. ער הייסט באַרניי פין, ער איז אַ פרעמדער אין ניו־יאָרק און קומט פון אַן אַמעריקאַנער לאַנד וואָס הייסט ווערמאָנט."

„אַך, אַזוי", זאָגט בערל, „איצט פאַרשטיי איך שוין. די טויגעניכטסן וואַקסן נאָר אין אונזער פאַרשאָלטענער שטאָט."

באַרניי פין רעדט בערך אַזוי ווי ער גייט, קאַלטבלוטיק און מעסיק, ער טוט אָבער אַ סך אויף.

אין זיין רעדע האָט באַרניי אויפגעוויזן אַף דער גאַנצער שענדלעכקייט פון עללעז־סטריט און אַז די פּאָליטיקער זיינען לחלוטין ניט פאַראינטערעסירט אויסצוראָטן דעם שמוץ, מחמת די באַוואוינער פון דער געגנט זיינען ניט קיין שטים באַרעכטיקטע וויילער, נאָר גרינע „אימיגראַנטן" וואָס אַרט עס זיי, וואָס דאָס באַליידיקט אייך, ווייבאַלד איר קאָנט ניט ווילן. זיי גיבן זיך די מי צופרידן צו שטעלן און צו חנפהנען די שטימבאַרעכטיקטע וויילער, און די וויילער זייערע זיינען: די באַלעבאַטים פון די קנייפּעס, די הייזלעך אינהאַבער, ווינקל אַדוואָקאַטן, פּראָפעסיאָנעלע שולערס, גנבים, באַנדע־פירערס און סוטעניאָרן, און זיי ווידער לויפט נאָך אַגאַנצע באַנדע — אַזעלכע וועלכע דאַרפן פון זיי האָבן קליינע טובות. דאָס איז אַן עקלדיקע חבריה, און אַ מענטש מיט אַביסל אַליינאַכטונג מישט זיך ניט גערן אין דער חבריה

פון די פּאָליטיקער: דערפאַר בלייבט די פּאָליטיק פויל... די פּאָליטיקער ווייסן נאָר פון איין געזעץ: ביסטו אַ בירגער מיט שטימרעכט האָסטו אַלע רעכט.

די דאָזיקע בירגער ווילן די עללען-סטריט — זאָל זיין אַזוי, רבי צוקערס פּראָטעסט און געשפּאָלטענער מח האָבן קיין באַטייט ניט. די פּאָליטיקער זיינען ניט שולדיק אין דעם, וואָס עס איז ניט אָנשטענדיק, ווי נאָר די מערהייט פון די שטימבאַ-רעכטיקטע וועלן ווערן אָנשטענדיק, וועלן זיי דאָס אויך ווערן, דען סוף-כל-סוף זיינען זיי דאָך צוגעוויינט צו זייערע פּאָסטנס. אַ געוויינהייט, וואָס איז באַקוועם און וואָס ס'ווילט זיך ניט אופגעבן.

איך איבערזעץ בערלען פינס רעדע און ער לויבט אים.

9.

בר-מצוה.

פיליפ האָט זיך באַמיט, אַז מיין בר-מצוה זאָלן מאַכן אַ רושם. ער און מרדכי מלמד האָבן צוגעגרייט אַ דרשה אין העברייאיש, אַ קאָמפּליצירטן דרוש, אין וועלכן איך האָב גאָרנישט ניט פאַרשטאַנען.

איך האָב די דרשה אויסגעלערנט אַף אויסווייניק. פיליפ פּרוּווט מיר אוים יעדן פרימאָרגן, איידער ער גייט צו דער אַרבעט. ער וועקט מיך אוף און איידער איך פלאָנטער זיך נאָך אַרוים פון שלאָף-שפּינוועבס, באַוואַרפט ער מיך מיט קאָמפּליציר-טע שאלות. איך בין געוואָרן אַ לייט. דער טאָג פון מיין בר-מצוה איז אויסגעפאַלן אום ראש השנה, דערצו נאָך אום שבת, וואָס האָט נאָך הייליקער געמאַכט דעם טאָג. דער מנין איז פול און אונטער דער אַלגעמיינער באַוואונדערונג האָב איך דרייסט געליי-ענט מפטיר, אָן דעם מינדסטן פעלער צו מאַכן. מיין מוטער איז שטאָלץ און גליקלעך. פיליפ טשעפּעט זיך ניט, און דאָס איז

שוין אַגעגוגנדיקער לויב. דער פאָטער שפּילט די ראָלע פון אַ פאַרוואונדערטן צוזעער און מורמלט עפּעס אריין אין זיין באָרד, אַלס ענטפער אף די באַגריסונגען און ווינטשעניש.

איך גופא פיל זיך אויסגעצייכנט. איך בין וויכטיק, איך בין דער מיטלפּונקט פונם גאַנצן ענין... איך בין ווירדיק.

אין הינטער גרונט הערשט אין מיר אָבער אַ גרעסערע פרייד: איך האָב פאַרענדיקט מיטן חדר.

דריטער פּעריאָד

שיינע און גרויס=אויגיקע מיידלעך,
ווי פאַרזונקענע פּערל.
קאַראַן.

1.

עס זיינען פאַראַן מיידלעך... איך בין אָקאָרשט געוואָר געוואָרן וועגן זייער עקסיסטענץ, ביז ניט לאַנג האָב איך געלעבט אין אַ וועלט פון אינגלעך. שמעקעוודיקע בלומען האָבן אַרום מיר געבליט, אָבער איך האָב זיי צעטראָטן. דער גוטער טאָן פון דער אינגלשער וועלט האָט געפאָדערט, אַז מען זאָל די מערקווירדיקע זאַכן, וואָס מען רופט מיידלעך, באַליידיקן, זידלען און איגנאָרירן, בלויז געצערטלטע אינגלעך האָבן געהאַט מיידלעך פאַר פריינדינס. וואָס ס'איז שייך צו די ווייבער, וועלכע מיר האָבן באַזוכט אין דער עללען גאס, זיינען זיי דאָך ניט געווען קיין מיידלעך. דארט איז געווען אַ באַזונדערער אָפּטרעט אָרט, וואָס איז געמאַכט געוואָרן פאַר אַ געוויסן צוועק, אין אָנהייב זיינען מיר אהין געגאַנגען צוליב נייגיר, און ווייל מיר האָבן געהאַלטן, אַז דאָס מאַכט אונז מענעריש. איין איינציקער באַזוך האָט שוין כמעט געמאַכט פאַר אַ מאַנסביל.

אַרום דער צייט, ווען איך האָב אָנגעהייבן צו טראָגן די ערשטע לאַנגע הויזן, האָב איך אָנגעהייבן צו באַמערקן די יונגע פרויען וואָס זיינען נעבן מיר אויסגעוואַקסן, און מיין אויפמערקזאַמקייט צו זיי איז צוזאַמענגעפאַלן מיט דער פרילינגס צייט פון זייער אויפבלי. מיינע איבערלעבונגען אין דער עללען=סטריט האָבן דווקא ניט מיטגעהאָלפן דערצו, אַז מיין אינטערעס צו מיידלעך זאָל זיין, ווי עס פירט זיך באַ פופצען=יאָריקע אינגלעך: א וואַקלדיקער, אומבאַשטימטער, פאַריבערגייענדיקער געפיל. איך האָב געזען רייצנדיקע ברוסטן, היפטן,

דעם ריטם פון קערפּער־פאָרמען און באַוועגונגען. מיין אינטערעס איז געהאָדעוועט געוואָרן דורך די מעשיות פון די ליבשאַפטן מיט מיידלעך, מיט וועלכע די דאָן־זשואַנען פון לודלאָו־סטריט האָבן זיך באַרימט. איך בין נאָר בלויז געווען באַוואוסט אין מיין גע־שלעכט, נאָר איך בין אויך געווען געשלעכט־עמפּפינדלעך, ס׳איז געווען אַן אומברחמנותדיקער באַגער.

לייטישע מיידלעך האָבן אויסגעמיידט מיין חבריה. זיי זיינען אונז אַרומגעגאַנגען און האָבן געווייכט פון אונז. בולקי מיט זיינע חברים פלעגן זיי באַגריסן מיט אָפנהאַרציקע ציניזשע פאָרשלאָגן און דערמיט זיי פאַרטרייבן.

די חבריה אָבער האָט געהאַט איר אייגענע פּרוּוען סוויטע, וועלכע מען האָט גערופן „טו בייבים״. אָבער ווי איך בין ניט משוגע געווען פאַר מיידלעך האָב איך די „טו בייבים״ ניט געקאָנט סובל זיין. דאָס זיינען געווען ניט פּרוּוענהאַפטע קליינע ברואים, ניט געוואַשענע, רויע; און האָבן מיט זיך לחלוטין ניט פאַרגעשטעלט די בלומען, וואָס דאַרפן זיך פאַנאַנדערבליען, יענע זעלטענע מעלה, מיט וועלכע מיידלעך האָבן מיך פאַרכּשופט. אָבער די גוטע מיידלעך צו וועלכע מיך האָט אַזוי גע־צויגן, האָבן תמיד געדאַגהט זיי זאָלן ניט באַקומען קיין שלעכטן נאָמען, מוטערס האָבן געלאָזן זייערע אינגלעך לויפן וואוהין זיי ווילן; די מיידלעך אָבער האָבן געמוזט אָפּגעבן אַ דין וחשבון וועגן יעדן טריט. וואָס זיי האָבן געטאָן, דאָס גרעסטע, וואָס איך האָב געקאָנט דערגרייכן, איז געווען אַ קורצער שמועס אָפן טרעפּ אין אַ משך פון עטלעכע מינוטן.

איך בין ניט נאָכגעלאָפן נאָך באַשטימטע מיידלעך, נייערט נאָך מיידלעך בכלל. סעם ראַקאָווסקי, היימי רובין און איך האָבן געבילדעט אַ געהיימע חברה פון מיידל־יעגער.

מיר האָבן אָבער תיכּף געליטן אַ מפּלה, בעת די בראַווע מיידלעך האָבן זיך איינער דער אַנדערער דערציילט, אַז מיר דערלויבן זיך חוצפּהדיקע זאַכן.

חוצפּהדיקע זאַכן האָט געהייסן, אַז מיר האָבן געפּרוּאווט כאַפּן קושן, מיר האָבן זיך געקושט זעלטן, הגם געפּרואווט טאָן דאָס האָבן מיר אָפט.

סעם האָט באַקומען אַ שטעלע פּאַר אַ טעלעגראַף־אינגל, זיין וועלטלעכע דערציאונג איז געוואַקסן זייער גיך. ער איז גע־ווען באַהאַוונט אין יעדן ווינקעלע פון שטאָט. ער איז געווען אַ לעבעדיקער אַדרעס־בוך פון אַלע קנייפּעס, פּרייוואַטע הייזלעך, לאָקאַלן און טעאַטערס. ער פלעגט זיך אָנדערציילן שאַרפע מעשיות פון די קנייפּעס און מענטשן. אַ טעלעגראַף־אינגל זעט אַלץ און ווייס אַלץ, וואָס נאָר אינטערעסאַנט איז.

סעם איז פון דער נאַטור געווען אַ וואוילער יונג און גוואַלטיק נייגיריק. בעת אים איז געווען שלעכט פלעגט ער זינ־גען. ער האָט געקאָנט די לעצטע שלאָג נומערן פון די בורלעסק־און וואַריעטע קינאָס און ווען ס'איז נויטיק געווען האָט ער אויך געקאָנט טאַנצן. זיין שטרעבונג איז געווען צו ווערן אַ זינגער און אַ טענצער. מיר זיינען אַמאָל אַריינגעפאַלן אין אַ קנייפּע, וואו עס פלעגן זיך צוזאַמענקומען מערדער. סעם האָט זיך אַוועק־געשטעלט אין מיטן צימער זינגען אַ לידל, וואָס ער האָט געהערט אין אַ נעגער לאָקאַל. ער האָט שטאַרק אויסגענומען, מען האָט אונז אַלעמען מקבל־פּנים געווען ווי אַרטיסטן. סעמס שטרעבונג האָט געבראַכט דערצו, אַז מיר האָבן זיך אין די לאַנגע ווינטער אָוונטן אָנגעהייבן זיך איינצואיבן פאַרשיידענע פּרייוועטע לידלעך, אַזוי אַז די גאָרגל שניידערס האָבן סעמען צוגעוואָרפן מטבעות אַלס אָנערקענונג פאַר זיין אופטרעטן. דאָס האָט אונז אָנגעלאָקט און מיר האָבן איינגעאָרדנט אַ קליינעם קוואַרטעט־קאָנצערט. מיר האָבן פאַרלאָזן דעם לאָקאַל מיט מערערע גלעזער ביר אין די מאָגנס און אַ זעכציק סענט אין די קעשענעס. נאָכדעם האָט אונז סעם אַוועקגעפירט אין איינעם פון די שמוציקסטע ערטער פון יענעם קוואַרטאַל, וואו ס'האָבן זיך געפונען פרי אַלט געוואָרענע נקבות. שפּעטער אַז די טרינק געלטער זיינען געוואָרן גרעסער, האָט אונז סעם געפירט אין די פופציק־סענט־הייזער אין דער

מאַט און עליזאַבעט סטריט, וואו עס האָט זיך אָנגעהייבן צו באַזעצן אַבאַדייטנדיקע איטאַליענישע קאָלאָניע. אַף די גאַסן האָבן אונז אָפּגעשטעלט די אַלפאָנסן מיט די ווערטער: "אימפּאָרטירטע מיידלעך, יונג גאָר יונג." אַזוי איז דאָס טאַקע געווען. די מיידלעך זיינען געווען זייער יונג, פון צען ביז פופצן יאָר, געבראַכטע פון איטאַליען דורך די הענדלער מיט לעבעדיקע סחורה: פריילעכע מיידלעך, קינדישע גאַסן־מוזיקאַנטן, קינדישע אַקראָבאַטן, צעקאַלעטשעטע און צעפּאָרמירטע קינדער געגרייטע צום בעטלען. די לאָקאַלן פון דער עליזאַבעט סטריט זיינען געווען רויע און שמוציקע לעכער און היימי רובין, וועלכער איז געווען עמפינדלעך און גוטהאַרציק, האָט זיך אָפּגעטרייסלט פון זיי מיט עקל און האָט געזאָגט, אַז ער קאָן מער ניט אָנזען די ווייסע צעשראָקענע פּנימער פון די יונגע מיידלעך. ער האָט מוראָדיק באַליידיקט סעם ראַקאָווסקין, דערקלערנדיק, אַז די קליינע מיידלעך דערמאָנען אים סעמס שוועסטערן. (שפּעטער אַהין האָט היימי חתונה געהאַט מיט איינע פון סעמס שוועסטערן.)

2.

„מיין נאָר ניט, אַז דיין דערציאונג האָט זיך שוין פאַרענדיקט, זי האָט זיך ערשט אָנגעהייבן'.

אַזוי האָט אָנקל פיליפּ אָפּגעקילט מיין ענטוזיאַזם, בעת איך בין געקומען אַהיים מיט א דיפּלאָם, אַז איך האָב געענדיקט מיט גרויס דערפאָלג די פאָלקשול. אַזוי איז שוין פיליפּ: מיט קיין זאַך איז ער ניט צופרידן, אָבער איך אַליין האָב שוין אייגנטלעך געמעגט וויסן, וואָס פאַר א קנאַפּן באַטייט עס האָט געהאַט מיין דערציאונג אין דער פאָלקשול. מיר זיינען זייער לייכט אָנגעקומען די למודים און איך האָב זיך קיינמאָל ניט געדאַרפט אָנשטרענגען. דערוואַרבן האָבן מיר זיך אייניקע אויבערפלעכלעכע ידיעות פון פאַרשיידענע למודים. אַ האַלב יאָר כסדר האָט מיט אונז געלערנט אין איינציקע לערערין, זי האָט פינף שעה אין טאָג פאַרבראַכט

מיט פּוּפּציק יונגאַטשעס, מיט וועלכע זי האָט געוואָלט לערנען אַלע למודים פון רעכענען ביז זאָאָלאָגיע. עס איז געווען אַן אומ־זיסטיקע אַרבעט פאַר דער לערערין און לאַנגווייליק פאַר די תלמידים. ס'איז געווען מוראדיק איינטאָניק, גאַנצע טעג צו הערן די מאָנאָטאָנע שטים, וואָס האָט כסדר גערעדט וועגן דאַטעס, סומעס, שטחים און אָן אופהער געזידלט. יעדן פרימאָרגן האָבן מיר זיך געמוזט פאַרזאַמלען פאַרן אויבער־לערער ד״ר בערנער, אַ גראָבער רויטהאָריקער אָקס, וואָס האָט פאָרגעלייענט אַ פּראַגע פון תנ״ך און האָט געפאָדערט מיט רציחה אַ גוטע אופפירונג. דאָס איז געווען דער העכסטער אידעאַל פונם דאָזיקן שולמייסטער.

תלמידים שטיפערס האָט מען געשיקט אין דער קאַנצעלאַריע פונם אויבער־לערער, בכדי זיי דאָרטן צו באַשטראָפן. ד״ר בערנער האָט אַף זיין קליינעם פינגערל געטראָגן אַ שווערן זיגל־רינג, וועלכן די אינגלעך האָבן אָפט דערפילט אַף זייערע פנימער.

איך האָב גערעכנט, אַז בעתן ענדיקן די פאָלקשול וועט מען מיר אוועקזעצן בא דער אַרבעט. דער פאָטער האָט קיין סך נישט געקאָנט אַרבעטן. ער האָט דעם גרעסטן טייל פון טאָג פאַרבראַכט באַם פענסטער, וואו ער האָט געשעפּט לופט. איך האָב זייער גוט געוואוסט, אַז מיר האָבן זיך זייער גענויטיקט אין אַ ביסל זייטיקע פרנסה, אָבער אָנקל פיליפּ האָט באַשטימט: סי־טי־קאָלעדזש.

„פאַרגעס נישט, מאיר, הערסטו", האָט ער געזאָגט, „דו וועסט ווערן אַן אַדוואָקאַט".

דער סיטי קאָלעדזש איז געווען אַ שטיקל שווערע אַרבעט נאָך דעם הפקר־לעבן, וואָס איך האָב געקאָנט פירן בעתן לערנען אין שול. דאָ איז געווען גאָר עפּעס אַנדערש. סיטי קאָלעדזש... וואס איז געווען אין דער אַלטער קאַפּעלע אַף דער 23־טער גאַס, האָט אויסגעזען ווי אַ מאָנאַסטיר. די לאַנגווייליקייט פון דער פאָלק־שול איז פאַרשוואונדען. דאָ האָבן מיר געמוזט אין טאַקט מאַר־

שירן אין גיכן שריט פון די לערער. אומפייאיקע זיינען פשוט
געבליבן ליגן אפן וועג... יעדער שעה, ווען מען האט זיך גענו=
מען לערנען אן אנדער למוד, האבן מיר אריינגעמארשירט אין
אן אנדער שול=צימער און האבן זיך דערפרייט מיטן אפפרישנדיקן
איבערבייט. קיין שווינדלערייען זיינען דא נים געווען: אלץ איז
געלערנט געווארן אונטער דער אנפירונג פון ספעציאליסטן.

.3

די איסט=סייד וואקסט, בליט און פארברייטערט זיך. די קליי=
נע הילצערנע הייזלעך מיט די קרומע דעכער, די „געארגיאן"=ציגל=
הייזער מיט זייערע טורעמלעך און די כלאחר=יד געבויטע קרעמ=
לעך, זיינען פארביטן געווארן דורך הויכע הייזער, געדיכט איינע
הארט נעבן דער אנדערער, זייט בא זייט, רוקן בא רוקן מיט א
ווינציקן צווישנרוים, וואס מען האט גערופן לופטשאכט. און קוים
ווערן זיי גאר פארטיק, ווערן זיי תיכף באפעלקערט מיט מענטשן,
דער באדן איז הייליק, אדער טייער, די מוליארעס זיינען בשוף=
מאכערס. די הייזער וואקסן ארויס פונם באדן איבער נאכט, און
די צאל צימערן, וואס קומט אוים אף יעדן קוואדראט=פוס, איז
צען מאל אזוי גרוים ווי פריער. א קליינער פירעק, אפגעגרענעצט
דורך ווענט פון פאפ און גיפס הייסט א צימער. און דער וואוג=
דער פון צאלן דירה=געלט איז מעגלעך געווען דורך דעם, וואס
מען האט פארדונגען די דאזיקע צימערן צו שכנים. עס זיינען
געבויט געווארן גרויסע פאבריק=געביידעס כדי נאכצוקומען די
וואקסנדיקע פאדערונגען אין דער קליידער=אינדוסטריע. איצט האבן
מיר געהאט די זעלביקע שוויץ=קאזארמעס אינם גרויסן סטיל,
אבער דאך האט נאך תמיד געהערשט ארבעטלאזיקייט. יעדער
טאג האט געבראכט ווייטערדיקע כאפטעס „גרינע" מיט ווייניק
געלט אדער אינגאנצן אן געלט, וואס זיינען גרייט געווען צו טאן
יעדער ארבעט האלב אומזיסט.

דאס דאזיקע שטענדיקע שטראמען און וואקסן ארום מיר,
האט אף מיר געמאכט א טיפן רושם. איך האב זיך עקשנותדיק

געגריבלט ווי אזוי וועל איך מיך קאנען אריינפאסן אין דעם אלעמען. איך וואלט זייער געוואלט זיין א בכבודיקער מענטש. אז איך גיי, פיל איך ווי מען קוקט מיר נאך, און פיל ווי מען טראכט: אט גייט מאיר הירש. ער באטייט עפעס! ער וועט עפעס אופטאן! ער איז שלאנק, האט ברייטע פלייצעס, א גוטן מוח און א סך מארך אין קאפ. ווי מיר טוט דאס הנאה, וואס לייטן טראכטן! איך בין איבערצייגט, אז דאס איז דאס גרויסע אינם לעבן, אז קיין אנדער זאך איז ניטא; מען איז ניט מער ווי דאס, וואס מענטשן טראכטן וועגן אייך... די פרומע זאגן, דאס איז דער קלוגער יאט, וואס האט אזוי פליסיק געזאגט די העברייאישע דרשה, וואס האט געלייענט די הפטורה אין א פע־לער, און וואס קאן אפילו לערנען א בלאט גמרא! א קלוגן קאפ האט מיט דערפאלג באענדיקט די שול און באזוכט איצט דעם סיטי־קאלעדזש; א יונג, וואס וועט ווייט קומען אינם לעבן! די סענטימענטאלע באמערקן: ער איז א שיינדל אין דער משפחה, א בן־יחיד, אבער וואס פאר א טאלענטירטער קינד, לאנג לעבן זאל ער... און אויב זיי טראכטן ניט אזוי, טראכט איך מיר אליין אזוי... און דאס פארשאפט מיר פרייד.

אין די דאזיקע טעג האב איך מיך זעלטן געוויזן אין דער געזעלשאפט פון דער לודלאו־סטריט. די באנדע איז געוואקסן און האט אנגענומען א באשטימטן כאראקטער. זי איז געווארן א נעסט פון גנבים. איך האב שוין געדעכנט די געזעלשאפט אינגאנצן צו פארלאזן, ביז מיר איז איינגעפאלן, אז זי קאן צונויף קומען א קומענדיקן אדוואקאט, וועלכער וועט זיך קאנען דערווערבן א געריכטס־פראקטיק. פון דאמאלסט אן האב איך אין יעדן חוצפה־דיקן שוטה געזען פאר זיך א שפייז, הגם נאך ניט געשאכטן און אויסגעקאכט, אבער דאך שוין: מיינער! בולקי האט געוואוסט מיין ציל, אז איך וויל ווערן אן אדוואקאט. ער האט געהאלטן, אז פאר דער באנדע איז נוצלעך, אז איינער פון אירע זאל זיין אן אדוואקאט...

דייווי סאלאמאן האט זיך ערנסט פארנומען מיט פאעזיע. זיין פנים איז מעלאנכאליש און צעשראקן, און ער זעט אויס, ווי

ער וואלט ארומוואנדלען אין חלום. ער איז געווארן אן אנהייגער פון איינעם א געוויסן אוּאיִט אויטמאן, וואס איז געווען א מין פיראט צווישן די דיכטער. אזוי לכל הפחות האָבן אים כאראקטעריזירט די שפּראך=פּראפעסאָרן אין סיטי=קאלעדזש. איך האָב געפּרואווט אָפּריידן דייווין, ער זאָל די דיכטונג ניט מאכן פאר אַ פּראפעסיע. ער האָט זיך ניט געלאָזט איבערריידן. און זיין מוטער האָט סיי ווי געלעבט אין גרויס דחקות, ציענדיק חיונה פון דער רעטעך=מילכל. ענדלעך, האָט ער געקאָנט ארויסוואקסן פון דער פּאָעזיע. ווי ער איז ארויסגעוואקסן פון דער רעליגיע. איצט איז ער אן אטעאיסט און שטאָלצירט דערמיט. זיין מוטער איז זייער אומגליקלעך צוליב דעם און דער רבי מרדכי איז איבערצייגט, אז ער איז פארכאַפּט געווארן פון דער סטרא אחרא. ליבע איז די געטין, צו וועלכע דייווי טוט תפילה, און שיינהייט — איר קאמער=מיידל. ער איז אפשר פארליבט אין אסתר בריק, יעדנפאַלס איז זי דער הויפּט=ציל פון זיין פּאָעזיע. ער באפרידיקט זיך דערמיט. וואָס ער שרייבט איר אן א ליד... אויך אברהם פארברייגנט שעהן לאנג מיט אסתרן. משמעות, אז אויך ער איז אין איר פארליבט און ער איז גוואלטיק צופרידן, ווי זי הערט אויס זיינע טעאָריעס איבער דעם לעבן און ווי אזוי מען דאַרף לעבן אַף דער וועלט. ער איז א מין געמיש פון א פילאזאפישן אַנאַרכיסט און סאָציאַליסט. צוליב אסתרן האָב איך מיר צוגעהערט צו דייווים פּאָעזיע און אברהמס טעאָריעס; איך האָב אָבער אויך מיינע ליידנשאַפטן, גאָר פּשוטע: עפּעס אַריינכאַפּן. אסתר זאָגט, אז זי פארשטייט דייווין און אברהמען, אָבער איך בין פאַר איר אַ רעטעניש.

אסתר איז אַ מיידל פון אַ יאָר זעכצען, מיר אַלע אַכטן איר זייער. זי איז נאַטירלעך. זי האָט ניט קיין מורא צו ריידן מיט אינגלעך, אָבער מען קאָן זיך כמעט ניט פאָרשטעלן, אַז עמיצער זאָל זיך דערלויבן מיט איר צו זיין חוצפהדיק. זי שטייט ערשט אַפן שוועל פון איר פיזישער רייפקייט, אָבער זי איז ניט דער טיפּ, וואָס זאָל מיך קאָנען געשלעכטלעך אופרעגן. אזוי ווי זי האָט איינגעפונען, אַז איך בין פאַר איר אַ רעטעניש, האַלט זי

מיך פאר אינטערעסאַנט. איך באַטייט פאר איר אַ רעטעניש, ווייל איר קאָפּ איז פאַרדרייט געוואָרן פון די פּאָעטישע און טעאָרעטישע אָנזיכטן, וואָס זי האָט איבערגענומען פון די דיווים און אברהמס. וואָס האָבן אַרום איר געזשומעט ווי די פליגן. זי האָט געגלויבט אין א וועלט, וואָס האָט ניט עקזיסטירט און קאָן ניט עקזיסטירן. איך פאַרקערט האָב געפּרוּווט אין לעבן עפּעס צו דערגרייכן... אסתר האָט ניט געקאָנט באַגרייפן, ווי אַזוי איך חבר זיך מיט בולקי און זיינע נאָכלויפער און האָט מיר אויסגערעדט הלמאַי איך באַנעם זיך חוצפּהדיק מיט די מיידלעך... און דאָך איז באַ מיר געווען א שמחה זיך צו געפינען אין איר געזעלשאַפט. איך מיין, אַז מיר עגאָאיסטן האָבן איר ליב געהאַט, ווייל זי האָט זיך געקאָנט גוט צוהערן... דאַמאָלסט איז זי געווען מער ניט ווי אַ ניט-צייטיקער קליינער קינד. ערשט מיט אַ פּאָר יאָר שפּעטער איז זי אַרויסגעוואַקסן פון די קינדער-קליידער און האָט אונז האַלב נאַריש געמאַכט דורך איר אויסערגעוויינלעכער שיינקייט; אַ שיינקייט, וואָס האָט דיווים האַרץ צעבראָכן, אברהמס נשמה צעטרייסלט און מיך כּסדר געפּייניקט... דיווי אָבער איז געווען איר נביא, ווייל שוין דאַמאָלסט האָט ער איר געשילדערט ווי די שיינהייט, וועלכע זי האָט שפּעטער געזאָלט ווערן... אפשר האָט ער איר שוין דאַמאָלסט דערזען... דיכטער זיינען פאַר מיר אַ געהיימניס... אָבער הגם ער האָט אויך דאַמאָלסט געזען איר פּנים, האָט ער אָבער וועגן איר קערפּער קיינמאָל ניט געטראַכט. ער האָט פון אירע געזיכט-שטריכן גערעדט ווי פון אַן איידל געשליפענעם בריליאַנט, וואָס לייכט טאָפּלט אין ראַם פון אירע שוואַרצע האָר... פון אירע אויגן האָט ער גערעדט, וואָס גליִען און שימערירן, ווי איידלשטיינער... פון איר פּנים האָט ער געזאָגט, אַז ער האָט דעם אויסזען פון מירמל אינם פרימאָרגן-שיין. די הענט — ווי כינעזישע ליליעס. און איר שטים האָט ער געהערט ווי דעם קוש פונם זעפיר אף זילבערנע גלעקלעך.

איך בין איבערצייגט, אַז ליליע ראָזנפעלד האָט דערציילט אסתרן, אַז איך באַנעם זיך חוצפּהדיק מיט מיידלעך. ליליע איז פון די מיידלעך, וואָס קאָקעטירן מיט אַ ביין און האָבן נאָכרעד

חרטה. זי געהער צום קלאַס פון זינדיקע, וואָס באַרואיקן זייער געוויסן דערמיט, וואָס זיי שפּילן תמיד די ראָלע פון באַליידיקטן אומשולד.

ליליע איז אַן אויסערגעוויינלעכע מיידל. איר קעגנוואַרט איז ווי אַ זומערדיקער זונען=שטראַל אין קילע טונקעלע צימערן. גאָלדענע האָר, טונקעלע אויגנברעמען, טונקעלע ווימפּערן. יםגרינע אויגן, אַ ראָזאָווער פּנים און פּולבלוטיקע, רויטע ליפּן. זי איז אָבער זעכציק יאָר אַלט און דאָך איז זי אין פולן בליען און רונד אין אירע פאָרמען. זי וואַרפט ממזריש אירע שימערנדיקע לאָקן, עפנט אירע זעלטענע אויגן און פאַרמאַכט זיי ווידער אַף האַלב — מען הייבט אַוש אָן צו פאַרלירן דעם גלייכגעוויכט. די כוואַליעס פון איר גראַציעזן קערפּער קאָנען פון זינען אַראָפּפירן. און אַזוי רייצט זי אָן און פירט פאַרן נאָז. זי פליט אַראָפּ פון די טרעפּלעך, פליט אַראָפּ אינם האַלב=טונקעלן קאָרידאָר. לאָזט זיך פרייוויליק צו אונטערן טרעפּ. דאָ ווערט מען באַרוישט פון די באַטויבנדע ריחות פון האַסטיק=אָטעמדיקן ברוסט... אָבער דאָס איז אַלץ... זי זידלט און שלאָגט; און איז מען ניכטער געוואָרן, באַקומט מען צו זען אַלע זשעסטן פון באַליידיקטן אומשולד. און נאָך יעדער מפּלה שווער איך: „איך וועל דיך שוין באַקומען, „פרענטש בייבידאַל”, דו פאַרשאָלטענע פאַרפירערין, איך וועל דיך שוין באַקומען!... און איך וועל ניט זיין דער איינציקער”.

האַרי וואָטין, אַרציעס ברודער, אַ וואָגיקער ערנסטער יונגערמאַן פון ניינצען יאָר און אַ סטודענט=מעדיק, האָט זיך געשדכנט צו חנה ווײַנגראַד, די טאָכטער פון יאָזע ווײַנגראַד, וואָס האָט אים אָבער געוויזן די טיר און האָט אים גערופן שנאָרער; „דו שטיק גאָרנישט, זוכסט אַ מיידל, וואָס זאָל צאָלן פאַר דיין סטודיום”... חוץ דעם איז ווײַנגראַד געשטאַנען אין אַקטיווע געשעפטס=פאַרבינדונגען מיט אַרציען וואָטין, און ווי אַן אָנגעזעענער מתפּלל פונם מנין האָט ער ניט געוואָלט האָבן פאַר אַן איידעם אַ גנבס אַ ברודער.

בולקי קומט מיט אַ שלעכטע בשורה. אַרציע־וואָטין, דאָפּיע איקע שנײַדער און דאַגאָ זשאַק מאַרינאַרי זײַנען אַרעסטירט. אַ קלײנער אײַנברוך. באַזונדערס פֿאַרדריסט בולקין אַף אַרציען, װעלכן מען האָט אַ נאָמען געגעבן „די גון" (דער פּיסטאָלעט). דער עיקר איז בולקי אויפֿגעבראַכט אַף אַרציען, װעלכן ער האָט אַזוי גוט אויסגעלערנט ציִען פֿון די קעשענעס. אַף װאָס ער איז געװען אַזאַ מאַידים. אַלץ איבער דעם פּאַסקודניק װײַנגראָד, װאָס האָט אָנגעװיזן אַרציען אַף אַ קראָם, װעלכע מען קאָן לײַכט אײַנברעכן און באַגנבענען.

דאָ האָט זיך געהאַנדלט װעגן יונגען, װאָס האָבן ניט געהאַט קײן פּאָליטישן באַטײַט, קײן פֿאַמיליען=השפּעה און קײן געלט, כּדי זיך צו באַזאָרגן מיט גוטע אַדװאָקאַטן און צו קאָנען אונטערקויפֿן די פּאָליציי. דעריבער האָט זײ די מאַכט גונס געזען געטראָפֿן װי אַ בליץ. שױן אין אַ װאָך אַרום האָט אונז בולקי מיט װײטיק מודיע געװען, אַז מען האָט זײ אַרײַנגעזעצט אַף אַכצען חדשים.

איך האָב אָנגעהױבן צו מאַכן מײַנע פּלענער. האָב זיך אָנגעהױבן אַרומצורײַבן בײַם אַרײַנגאַנג פֿון עסעקס באַרקעט מאַגיסטראַט=געריכטהויז, דעם פּאָליצײ=טריבונאַל פֿון איסטסײַד... אַ פֿול געפּאַקטע מיל, װאו עס זײַנען צעמאָלט געװאָרן לײדנדיקע מענטשן. איך האָב זיך צוגעהערט און מען האָט מיך אָװעקגעשמועסן... איך האָב זיך װײטער אַרומגעריבן... זיך אַרומגעדרײט און בין װידער אָפּגעטראָטן... כלומרשט גלײַכגילטיק, פֿול=נײַגעריק בין איך װידער אַ מאָל צוגעקומען... אָבער תּמיד האָרכנדיק, זיך צוקוקנדיק, אויפֿפּאַסנדיק... ביז איך בין געװען ביכולת צוזאַמענצושטעלן זיך פֿון שטיקלעך פֿראַזן און פֿאַלן, נעמען, געהײמניסן... איך האָב שטודירט די מעטאָדעס פֿון די פֿלינקע שנאָרערס, װאָס פֿאַרזאָרגן די אַדװאָקאַטן מיט קליענטן. כ'האָב אויפֿגעפּאַסט װער עס זײַנען געװען די באַטײַטפֿולסטע פּאָליציסטן... האָב שטודירט

די פּאָליטיקער, וואָס תּמיד זיי שמייכלען, תּמיד זיינען זיי אייך מזכּה מיט האַנט=טרייסלען. אין אַ ווײַלע אַרום האָב אויך איך געשמייכלט און האָב געטרייסלט די הענט פון די איינפלוסרייכע, ווייל איך האָב תּיכּף איינגעפונען, אַז ניט אַלעמען קאָנען זיי, מיט וועמען זיי זיינען לפנים אַזוי פריינטלעך... און איך האָב אָנגעהייבן זיך צו בלאָזן פאַר די פּאַרציטערטע קרובֿים פון די אָרעמטירטע, וואָס האָבן באַלאַגערט די טירן פונם געריכטזאַל... דאָ האָב איך זיך אויך באַקענט מיט מאַקסי פריינד, אַ יונגערמאַן כּמעט אין איין עלטער מיט מיר, אָבער סך=הכּל צוויי יאָר אין אַמעריקע. ער האָט זיך אויך געגרייט צו אַ יורידישער קאַריערע. ער האָט מיט מיר צוזאַמען מיטגעמאַכט דעם שפּיל... זיך אָפּגעטראָגן, צוריק געקומען, מיר עפּעס אין אויער אַריינגעסודעט; נאָכדעם האָב איך לפנים=וועגן זייער וויכטיק אַריינגעשריבן אין מיין נאָטיץ=ביכל... און מיר זיינען געווען גאוהדיק, וואָס מיר האָבן געמאַכט אַן איינדרוק אַף די אויסלענדער, וואָס זיינען אַרום אונדז געשטאַנען... מיר איז אָבער דער שפּיל תּיכּף נמאס געוואָרן. איך האָב געוואָלט עפּעס ממשותדיקעס. איך האָב פיבערדיק געשטרעבט זיך אַריינצוכאַפּן אין געריכט=זאַל, וואָס איז תּמיד געווען איבערפולט. איך האָב עס פּרובירט מיט אַלע כּחות, אָבער בלעק רילי, דער שומר, האָט מיר בשום אופן ניט אַריינגעלאָזן. האָב איך מיך אָנגעהייבן חנפהנען צו בלעק רילי. דאָס איז געווען אַ גרויסער מענטש, באַזונדערס בנוגע זיין קאַרק און בויך; ער האָט געטראָגן גרויסע שוואַרצע וואָנסן און געהאַט געדיכטע ברעמען, וואָס זיינען געווען כּמעט אַזוי דיק ווי זיינע וואָנסן.

„קאָן איך, אפשר, עפּעס טאָן פאַר אייך, קאַפּיטאַן?" זאָג איך צו אים הכנעהדיק.

„וואָס קאָנען אַזעלכע ווערים טאָן פאַר מיר?" פרעגט ער.

„אַלץ וואָס איר ווילט".

„ווערי וועל, קאָנסטו מיר אפשר טאָן אַ טובה?"

„מיטן גרעסטן כּבֿוד, קאַפּיטאַן", ענטפֿער איך מיט דרייסט.

„טאָ טו מיר די טובֿה און זע, אַז דו זאָלסט גיין צו אַלדי שוואַרץ יאָר", ברומט ער.

„יעס, סער", ענטפֿער איך און טראָג מיך האַסטיק אָפּ, כּדי אָבער אין אַ פּאָר מינוטן שפּעטער ווידער אַרופֿצושווימען.

„ביסטו שוין דאָרטן געווען?" פֿרעגט ער מיר.

„יאָ", זאָג איך, „דאָרטן איז געווען זייער גוט". דאָס האָט אים הנאה געטאָן, און בעת ער לאַכט נאָך, שלײַך איך מיר פֿאַרבײַ אים אַרײַן אין געריכטסזאַל און שטופּ זיך אַרײַן צווישן צוויי ווײַבער.

איך זיץ ניט גאָר באַקוועם. צוויי עלנבויגנס שטויסן מיך פֿון ביידע זײַטן, זען קאָן איך נאָר גרויס רונדע געשטאַלטן, כ'באַוועגן זיך לאַנגזאַם שווער אָטעמדיקע קערפּערס פֿון פּאָליציסטן, אַדוואָקאַטן און דעטעקטיוון. מײַן ערשטער אײַנדרוק איז אַ מישמאַש פֿון שטימען, גראָבע און קוויטשיקע, האַרטע און ווייכע; אין דרויסן צווישן די פּאָליציי-לײַט, טומלט אין די צווישנרוימען אַ גרילצעדיקער גלאָק; אַ הייזעריקע שטים שילט צעיושעטע פֿערד; אַ שאַרפֿער קריצן פֿון אַ גרויסע אײַזערנע שליסל דרייט זיך אין אַ פֿאַרזשאַווערטן שלאָס, פֿאַרזשאַווערטע טיר-הײַנגען קרעכצן... קראַך, בום, קליק, אַ שאַרערײַ, אַ קרעכצעניש: די טיר פֿון אײַזערנע שטאַבן ווערט צוריק אַרײַנגעשפּאַרט אין שלאָס און די שליסל דרייט זיך... און אַרעסטירטע און אָנקלאָגער, מענטשן-יעגערס און פּאַרטייִדיקער און מלוכה-אַדוואָקאַטן שטייען פֿאַרן ריכטער, ברומען און שרייען, חנפֿהנען און בעטן, באַשולדיקן, פֿאַרטיידיקן, פֿאַרלייקענען און איבערטרײַבן אויף אַלערליי טאָן-אופֿנים פֿון שטילן שעפּטשען ביז צום שרייען. און פֿונעם טומל און געפּילדער דערגרייכט צו מײַנע אויערן אַ זיכערע, שטאַרקע שטים, וואָס דערהויבט זיך איבערן געטומל פֿון די שטימען, ווי דער ווינט איבערן גערויש פֿונעם פּאַלנדיקן רעגן.

איך זע מער ניט ווי רוקנס בײמן זיך פאַר מײנע אויגן.
די דאָמינירנדיקע שטים איז משמעות פונם ריכטער. ער רופט
אויס דעם ווײטערדיקן פּראָצעס. אַ רויע שטים רופט אויס דעם
נאָמען. דער געריכטס=דינער, וואָס שטײט בײַ דער שמאָלער טיר
פון דעם באַריער, נעמט אויף דעם נאָמען. ווי ער וואָלט בילן,
שרײט ער אַריבער נאָך אונטן צו די אײנצלקאַמערן, פון וואַנען אַ
נאָמען אײלט אַרײַן פונם קאָרידאָר; אַ שעמעוודיקער אַרעסטאַנט
קווטשקעט: „דאָ—דאָ—מײַן נאָמען"... אַן אומענדלעכע פּאַר=
לעזונג פון לעגאַלע פּראַזעס און ווידערהוילונגען.. גנבה.. מחמת..
מחמת... גנבה... ווײטערדיקע פּראַזן מיט מחמת... קלײדער...
יוּוועלירן... פּאַרטרויטע ווערטער... ענדלעך... און דאָס איז די
סיבה פון אַ געררודער און אופרעגונג אַף די בײנק פונם צוקוקער=
רוים... אַ פרוי שטײט אויף... „יעס, סער, מיר געהערט דאָס, ער
האָט גענבעט מײנע יוּוועליר=חפצים". אַ האַמער קלאַפּט אַפן
טיש... דער געריכטס=דינער שרײַט: „רו אינם געריכטס=זאַל!!
זיצן!"

אַ מאָנאָטאָנע רעדע... משמעות אַן אַדוואָקאַט... חורט כסדר
איבער דאָס זעלביקע און פאַרענדיקט מיט דער בקשה אָפּצולײגן
דעם פּראָצעס... דער ריכטער איז מסכים... אומרו אין זאַל...
פּראָטעסטן קעגן אָפּלײגן מצד די אָנקלאָגער און עדות... מען
גײט אַרויס... „פאַרויס, פאַרויס, היט אָנטאָן אין דרויסן"... פּראָ=
טעסטן און אַנטשולדיקונגען, און דער דורכגאַנג ווערט פרײ אָבער
דערווײל איז שוין פאַרגעקומען אַ צווײטער פּראָצעס. צוויי ווײבער
האָבן זיך צעמוּיקט. איצט שפּילן זײ בײדע גלײַכצײַטיק די ראָלע
פון אָנקלאָגער און אָנגעקלאָגטע. בײדע מוזן צוזאָגן צו לעבן
בשלום מיט אַנאַנדער... אַ גאַנצע פּראָצעסיע פון ענינים, וואָס
ווערן דערשטיקט אין ווערטער... דער אינטערעס ווערט אויס=
געלאָשן, ביז ענדלעך, דורכן זאַל גײט דורך אַ וואָרט, וואָס ווירקט
ווי אַן עלעקטרישער פונק — אַה — אַ מאָרד! דער שווער=
סטער פאַל ווערט צום שנעלסטן ערלײדיקט — פאַר די גע=
שוואָרענע... און ווידער הײבט זיך אָן אַ לאַנגע פּראָצעסיע פון
שכורים, נפשות, וואָס זײנען אַרעסטירט פאַר אומדערהערטער

אופּפירונג, גאַסנהענדלער, שלעגערייען, גנבות, איינבּרוכן... עס ווערט טונקל, די בּיינק ווערן ליידיקער. ענדלעך דערזע איך דעם ריכטער. ער מאַכט אַ בּעסערן איינדרוק, ווי פריער, ווען איך האָבּ אים ניט געקאָנט זען. „אירא גנאדען" איז געווען אַ קלענער מאַן מיט אַ גרויסן פליך און אַ קאָמישן טעמפּן נאָז. זיינע נאָענטע האָבּן אים גערופן „פּוגסיי קעלי", פונם פירטן בּאַצירק.

מאַקסי פריינט האָט געוואַרט אַף מיר. ער האָט מיך בּאַ-געגנט מיט יראת-הכבוד. וואָס מיר איז געלונגען ארייינצובאַפן זיך אינם געריכטסזאַל און דאָרטן אזוי לאנג צו פאַרבּלייבּן. „איך האָבּ איצט אַן איינפלוס", דערקלער איך אים קורץ.

אַ פּאָר טעג שפּעטער שטעלט מיך אָפּ אַ וויינענדיקע פרוי אַפן גאַס און דערציילט מיר, אַז מען האָט אַרעסטירט איר מאַן, וועלכן מען בּאַשולדיקט, אַז ער האָט ארויסגעריסן בּאַ אַ פרוי אַ האַנטבּייטל מיט איין און זיבּעציק סענט. זי דערקלערט, אַז די בּאַשולדיקונג איז לעכערלעך, ווייל איר מאַן איז אַ ניכטערער, פלייסיקער קנאָפּלאָך-נייער, און זי קאָן ניט בּאַגרייפן, פאַרוואָס מען בּאַשולדיקט דוקא אים. אומשולדיק אָדער ניט, ענדיקט זי, אָבּער איצט איז ער אַרעסטירט, און זי ווייס ניט וואָס זי זאָל אָנהייבּן צו טאָן. מיר זיינען געשטאַנען נעבּן געריכט און אַ פּאָר שלעפּערס, וואָס שאַרן צו אַדוואָקאַטן קליענטור, האָבּן דער-שמעקט דעם ענין. איינער פון זיי איז צוגעקומען און האָט אָנ-געהייבּן איבּערצוציען די פרוי אַף זיין זייט. איך האָבּ זיך אים אָבּער געשטעלט אין וועג און אריינגערומט אין אויער: „זע זיך וואָס גיכער אָפּצוטראָגן, וואָרום איך אַרבּעט פאַר בּלעק ריליי"...

ער האָט מיך פאַרוואונדערט אָנגעקוקט און איך האָבּ זיך מיט פאַראַכטונג צו אים אומגעקערט מיטן רוקן. נאָכדעם האָבּ איך געוואָרנט די פרוי, זי זאָל מיט קיינעם ניט ריידן, כ'האָבּ איר געוואָרנט פאַר די לייט וואָס דרייען זיך אַרום דער געריכטס-געבּיידע, מחמת זיי זיינען שפּיאָנעס. צו איר גליק האָט זי זיך געווענדעט צו דער ריכטיקער פּערזאָן, האָבּ איך איר פאַרזיכערט ענטוזיאַסטיש, ווייל איך האָבּ השפעה בּאַם געריכט. איך האָבּ איר אוועקגעשטעלט אַף די טרעפּלעך פון דער געריכטס-געבּיידע און

איר באַפוילן, זי זאָל וואַרטן אַף מיר. איך בין צוגעגאַנגען צו
בלעק רילײ און אַ מורמל געטאָן: „קאָנט איר מיר ניט רעקאָ=
מענדירן אַן אַדוואָקאַט? איך האָב אַן ענין... אַ קעשענע=גנב"...
רילײ קלאַפּט מיר אַפן פּלײצע: „דו ביסט געקומען צום ריכטיקן
מקור... ברײנג דײן ענין צו מאַיע לעווענסאָן, דאָ איבערן גאַס,
אינם סילווער דאָלאַר=סאַלאָן, זאָג אים, אַז דאָס איז מײן ענין און
איך וואַרט פון אים „קופּע"... יאָ, מײן זון, אינם הינטערשטן
צימער און גיב אכטונג וואָס ער וועט אַרויספרעסן"... איך האָב
אָפּגערופן די פרוי אָן אַ זײט און אַרײנגערוימט: „וועל, עס איז
זײער אַ שווערער ענין, אָבער מײן פרײנט, דער העכערער ריכ=
טער האָט מיר צוגעזאָגט צו העלפן... איצט איז דאָס וויכטיקסטע צו
געפינען דעם ריכטיקן אַדוואָקאַט, און דער ריכטיקסטער אַדוואָ=
קאַט איז תמיד דער פרײנט פונם ריכטער". אָט די לעצטע באַ=
מערקונג איז געווען דער שלאָג=וואָרט פון אַלע שלעפּערס. איך
האָב מײן אַרבעט אָפּגעטאָן ווי געהעריק, איר אוועקגעפירט אינם
הינטערצימער פון סילווער דאָלאַר=סאַלאָן און זיך נאָכגעפרעגט
אַף מאַיע לעווענסאָן, וועלכן איך האָב געפונען אין אַ פּריוואַטן
צימער באַם קאָרטנטישל. איך גיב אים איבער, אַז בלעק רילײ
האָט מיר געשיקט צו אים מיט אַן ענין. ער האָט געמײנט, אַז
איך גופא דאַרף האָבן זײן הילף. האָב איך אים געגעבן אָנצוהערן,
אַז איך און בלעק רילײ זײנען אײן האַנט, ווי דאָס וואָלט שוין
געווען אַ באַוואוסטע זאַך... מאַיע האָט זיך ניט איבעריקס דער=
פרײט; ער האָט זיך געערגערט, וואָס זײן אײגענער שלעפּער האָט
אים דעם דאָזיקן ענין ניט געקאָנט ברײנגען.

לעווענסאָן רעדט מיט דער פרוי, שאָקלט באַזאָרגט מיטן
קאָפּ און זאָגט: שרעקלעך! שרעקלעך! דאָס וועט זײן אַ האַרבער
ענין! דאָס וועט זײן זײער שווער! די פאַרצווײפלטע פרוי נעמט
אַרויס איר טיכל און ווערט בלאַס. ער ווענדט זיך צו מיר. „ווי
מײנט איר, קאָן איך מיר מיט אַזאַ ענין ווענדן צו מײן
פרײנט, דעם ריכטער? אַ מאַן וואָס האָט בײ אַ פרוי אַרויסגע=
ריסן די האַנטבײטל פון האַנט! שרעקלעך!" די פרוי בעטלט זיך
בײ אים. לעווענסאָן בלאָזט אָן די באַקן און באַמערקט: „דאָס

וועט קאָסטן א סך געלט. יאָ, א סך געלט!" די פרוי וויקלט פונאַנדער איר טיכל, נעמט ארויס צעקנייטשטע דאָלאַר-בילעטן, סך-הכל זעקס און צוואַנציק דאָלאַר. לעווענסאָן מאַכט א מוראדיק אַנטוישטן פּנים: „דאָס איז גאָרנישט!" די פרוי ציטערט: „דאָס איז אַלץ וואָס מיר האָבן". לעווענסאָן שטייט אויף, שטעקט אריין גלייכגילטיק די געלט אין קעשענע און זאָגט: „אויב איר האָט ליב אייער מאַן, גייט איצט בעטלט, באָרגט אָדער גנבעט געלט. דאָס איז דאָס איינציקע, וואָס איר קאָנט טאָן כּדי צו ראַטעווען אייער מאַן פון א לאַנגער תּפיסה. איר ווייסט דאָך, מיר זיינען אין אַמעריקע: געלט טוט אויף וואונדער"... די פרוי איז אינגאַנצן פאַרצווייפלט. „אָבער ער איז דאָך אינגאַנצן אומשולדיק", וויינט זי... „איך ווייס שוין", זאָגט לעווענסאָן טרוקן, „אַזוי זאָגן אַלע". ער גיט איר אַן עצה צו גיין צו אירע לאַנדסלייט און מאַכן א זאַמלונג כּדי צו פאַרטיידיקן איר מאַן. ער עצהט איר צו גיין צו קרובים, צו פאַרזעצן צירונג, פאַרקויפן מעבל, קורץ צו טאָן אַלץ כּדי צו באַקומען געלט... דערביי נעמט ער מיר אוועק אָן א זייט און זאָגט מיר אָן מיטצוגיין מיט דער פרוי און צו זען וואָס פאַר א מעבל זי האָט... איך גיי מיט דער פרוי צו איר אַהיים און זע א קלאַוויר. די פרוי דערציילט, אַז זי האָט א באַגאַבטן קינד, וואָס זיי האָבן פאַר אים געקויפט דעם קלאַוויר. עס איז אַ רחמנות אַפן יונגען, אָבער זי וועט דאָך פאַר קיין זאַך ניט אָפּשטעלן אַבי צו ראַטעווען איר מאַן. איך גיי צו לע-ווענסאַנען און דערצייל אים וועגן קלאַוויר. „אויסגעצייכנט", זאָגט ער, „איך וועל נעמען דעם פּיאַנא פאַר מיין מיידל, וועלכע וועט דאָס באַלד דאַרפן זיך צו לערנען שפּילן". ער שיקט מיר מיט א לאַסטוואָגן אָפּנעמען דעם פּיאַנא. אויף מאָרגן דערשיינט לע-ווענסאָן אַלס פאַרטיידיקער אַפן געריכט. זיך ניט קימערנדיק מיטן גאַנצן ענין, בעט ער אָפּלייגן דעם משפּט אויף א וואָך צייט. במשך פון דער וואָך גיט זיך איין דער פרוי אָנצוזאַמלען נאָך עלף דאָלאַר. בעת לעווענסאָן זעט, אַז ער וועט מער קיין געלט ניט קאָנען ארויסציִען, לאָזט ער ווידער קומען דעם פּראָצעס פאַרן געריכט. ווייזט זיך ארויס, אַז בעת דער קנאַפּלאַכמאַכער איז

געגאַנגען אין גאס און מען האָט געשריען „כאַפּט דעם גנבֿ!" זיינען אַ פּאָר טוץ מענטשן געלאָפֿן אף אלע זייטן. דעם האַנטבייטל האָט מען בא אים געפֿונען און די באַגנבֿעטע דערקלערט, אַז ער איז לחלוטין ניט ענלעך צום גנבֿ. מען באַפֿרייט אים און די אָרעמע פֿרוי, וואָס האָט אירע לעצטע גראָשנס אָפּגעגעבן, איר אינגלם קלאַוויר געבראַכט פֿאַר אַ קרבן און געמאַכט חובֿות בא אַלע אירע באַקאַנטע, איז געבליבן בא דער פֿעסטער איבערצייגונג, אַז נאָר דורך איר געלט איז איר מאַן באַפֿרייט געוואָרן.

אזוי האָב איך אָנגעהייבן זיך צו פֿאַרנעמען מיט געריכטס-ענינים. איך האָב זיי געבראַכט צו בלעק רילײַ, וועלכער האָט זיין חלק באַקומען פֿון לעווענסאָנען און האָט מיר אויך עפּעס געגעבן. דאָס איז געווען פּונקט אין צוויי חדשים ארום זינט מען האָט אַרייַנגעזעצט מיינע חבֿרים פֿון דער באַנדע. איך האָב וועגן דעם דערציילט בלעק רילײַ אין סילווער-דאָלאַר סאַלאָן. ער האָט אָנגעוויזן אף לעווענסאָנען, האָט גערעדט וועגן אונטערשמירן מיט געלט אין דער רעכטיקער שטעל, וועגן פֿעלשן געוויסע געריכטס-אַקטן, טעותים אין דאָקומענטן און וועגן אַרוימלאָזן זיי אפֿן סמך פֿון טעכנישע אַנווענדונגען. עס וועט קאָסטן געלט. אַזוי ווי דאָס איז אַן אייגענער ענין, וועט עס קאָסטן סך-הכל אַ דריי-הונדערט דאָלאַר. איך האָב דערקלערט לעווענסאָנען, אַז וועגן אַזאַ סומע קאָן קיין רייד ניט זיין. ער האָט באַשטעטיקט, אַז איך האָב קיין פֿאַנטאַזיע ניט. אָן פֿאַנטאַזיע קאָן מען בכלל קיין זאַך ניט דורכפֿירן. און דאַמאָלסט האָט ער מיר דערקלערט, וואָס אַזוינס ער פֿאַרשטייט אונטער פֿאַנטאַזיע.

ער מיינט אַזוי: „קודם-כל דאַרף די פֿאַנטאַזיע אונטערזאָגן ווער עס וויל ניט זיין פֿאַרוויקלט אין אַ געוויסן ענין. און נאָכדעם מוז די פֿאַנטאַזיע אונטערזאָגן ווי אַזוי מען זאָל די דאָזיקע פּערזאָן פֿאַרוויקלען אינעם ענין. און אויב עמיצן האָט שוין די פֿאַנטאַזיע אַף אַזוי פֿיל געהאָלפֿן, קאָן מען זיך שוין דאָס איבעריקע

אליין צופאנטאזירן. דאָ האָבן מיר אייער פאַל: דריי יונגע גנבים, גוט, זיי האָבן דאָך שוין פריער געגנבעט, ניט אמת? וועמען האָבן זיי פארקויפט די גנבות? ערגעץ-עמיצן דאָך! דער דאָזיקער ערגעץ-עמיצער האָט דאָך געמאַכט ריוח דערפון, וואָס זיי האָבן געגנבעט. איז דאָך קלאָר-איינצוזען, אַז דעם דאָזיקן ערגעץ-עמיצן וועט זיך זיכער ניט וועלן הייגען אפן „גרויסן גלאָק“, און ער וויל דאָך אויך ניט אופהערן לייכט געלט צו פאַרדינען, און גאַנץ באַשטימט וויל ער זיך ניט שטעלן פארן געריכט. על-כן, מיין ליבער, וועט דער דאָזיקער עמיצער וועלן, אַז מיר זאָלן שווייגן און אַט פאַר דעם שווייגן וועט ער משלמען דאָס, וואָס מען רופט „לא-יחרץ-געלט“. און בעת מען האָט פון אַזאַ ערגעץ-עמיצן אַרויסגעצויגן דאָס, וואָס עס לאָזט זיך אַרויסציען, דאַמאָלסט מוז שוין איינעם די פאַנטאַזיע אונטערזאָגן, ווי אַזוי ווייטער צו העלפן. די דריי גנבים געהערן צו אַ באַנדע, זייערע חברים האָבן רחמנות אף זיי. און אויב די דברים האָבן קיין געלט ניט, קאָנען זיי מאַכן אַן איינבראָך כדי אופצוטרייבן די געלט פאַר דער באַפרייאונג פון זייערע חברים“.

לעווענסאָנס רמזים זיינען געפאַלן אף אַ פרוכטבאַרן באָדן.

איך האָב מיר תיכף גענומען צו דער אַרבעט. האָב זיך וועגן דעם ענין דורכגערעדט מיט בולקין. ער האָט געשריען: „וועל, ווינגראַד מוז געבן די געלט! ער האָט תמיד אָפּגעהאַנדלט אַליין, וואָס חברה האָט צוזאַמענגעגנבעט. זיין זון האָט זיי געשיקט אפן איינבראָך. איך וועל גיין צו אים און וועל אַרויסרייסן פון אים די געלט!“ איך האָב געבעטן בולקין, ער זאָל מיר איבערלאָזן דעם דאָזיקן ענין. איך האָב נאָכגערעדט מיין לערער: „מען מוז האָבן פאַנטאַזיע, און אויב פאַנטאַזיע — לאָז מיר“. איך בין געווען בא ווינגראַדן. נאָכדעם ווי מיר האָבן גערעדט וועגן אַ ריי פאַרשיידענע גלייכגילטיקע ענינים, האָב איך אים אַזוי, פון דער זייט כלומרשט, אַ זאָג געטאָן, אַז איך אַרבעט באַם געריכט, און אַז איך האָב מיך פאַרשאַפט אַ סך פריינט צווישן די דעטעקטיוון. נאָכדעם האָב איך אים אַריינגעסודעט: „ווינגראַד, זייט פאָרזיכטיק, מען האָט שטאַרק אין זינען אייער ענין“... ער האָט

געעפנט מויל און אויערן און אויסגעשריען: „ווען? ווער, ווער?" „ביטע", זאג איך אים, „פרעגט מיר ווייטער נישט". ער האט זיך אבער אנגעזעצט אף מיר איך זאל אים דערציילן אלץ, וואס איך וויים. איך דערצייל אים אז איך וויל זיך ניט מישן אין קיין קרימינאל־ענינים און בין שוין צופיל אפנהארציק געווען מיט אים, וואס איך האב אים אזוי פיל געזאגט, אבער די זאך האלט שוין ווייט. איצט איז ער אינגאנצן צומישט. ער בעט מיך, איך זאל אים זאגן, וואס ער קאן טאן, כדי צו זיין זיכער, אז אים וועט נים שאטן. איך זאג אים צו צו קומען אינאווגט... ווינגראד האט זיך אבער אזוי גיך נים געשיידט מיט זיין געלט. איך האב גע־מוזט פטרן דריי טעג אים ארייגצוטרייבן אין מורא, איידער ער האט ארויסגעגעבן פון האנט די דריי הונדערט דאלאר. ער האט אף דעם מסכים געווען ערשט דאמאלסט, ווען ער איז געווען איבערצייגט, אז ער און זיין זון קאנען ארייגגעזעצט ווערן אין תפיסה, אף דער אנווייזונג פון די דריי פארשפארטע חברים.

אין קאנפע צען טעג שפעטער זיינען ארציע, אייקע און דזשעק צוריק געקומען צו זייערע אלטע שפילן און צו זייער אלטער פראפעסיע. די באנדע איז געווען מלא שמחה און האט זיי געקרוינט פאר העלדן... מיך האט מען באוואונדערט ווי א כשוף־מאכער.

מאקסי פריינט האט זיך צו מיר צוגעשארט, איז געווארן מיין רעכטע האנט. מיט פארשיידענע וואונקן און רמזים האט ער געגעבן אנצוהערן, אז איך האב א גוואלטיקע השפעה. דאס איז פאר מיר געווען זייער נוציק. מאקסי איז א מאוידים אף געבן אנצוהערעניש, רמזים אין זאכן, וועלכע ער האט באדארפט האבן, אזוי אז ער זאל נים דארפן ברענגען קיין פאקטישע בא־ווייזן כדי צו באשטעטיקן די זאך. ער האט פארשטאנען ווי אזוי אויסצוזוואקסן פלוצלונג פון הינטער בולקים רוקן. גנבים האבן פיינט צו האבן עמיצן הינטער זייער רוקן. אבער מאקסי האט דאס געמאכט אזוי געשיקט, אז ער איז מיט בולקי געווארן

פריינט. „איך געהער צו אייך, איך געהער צו אייך, אלץ איז אין דער בעסטער ארדנונג". און דערמיט ווידער האָט ער ארופּגעוואָרפן א מורא אף בולקי, וועלכער האָט געמיינט, אז מאַקסי ווייס אלץ; אין דער אמתן האָט ער גאָרנישט געוואוסט. אָבער נאָר אַף אַזאַ אופן קאָן מען ארויסנאַרן בּא מענטשן זייערע סודות.

אַ גנב, וואס איז שוין אמאל געזעסן שטייט אף דער מדרגה פון אַ געלערנטן, וואס איז געוואָרן ערן-דאָקטאָר. אַרציע האָט שוין גערעדט ווי א פולשטענדיק קלוגער מענטש. די באַנדע האָט זיך מיט יראת-הכבוד אונטערגעהערט די אלע חכמות, וואס זיי האָבן געלערנט אין דער תפיסה, ווי אזוי מען „פוצט ארוס" (באגנבעט) א שכור, ווי אַזוי מען קאָן באגזלען, ווי זיך ארויסצודרייען און „פארשווינדן", ווי מען „קנאקט" א קליינעם געלט-שראנק, אדער מיט א „קאָרקנציער", אדער מען רייסט אים אוף מיט „זופּ" (ניטראגליצערין), ווי אזוי מען עפנט טירן, שלעסער, פענסטער, וואו מען טוט אהין די גענגבעטע זאכן, וואו מען קויפט די איינברעכער געציג, ווי מען שמירט אונטער די ריכטער און די פּאָליציי און נאָך א סך ווערטפולע סודות פארן לעבנסוועג פון גנבים און איינברעכער. אַרציע האָט דערציילט, אז די ארעסטאנטן האָבן נאָך אין תפיסה זיצנדיק שוין באַקלערט פּלענער ווי אזוי און וואו צו מאכן גנבות און איינברוכן בעת זיי וועלן באפרייט ווערן. ער האָט אונז אויסדערציילט די סקאַנדאַל-געשיכטן פון תפיסה און האָט שוין לכתחילה אויסגעפירט וואס עס קומט פאר, ווען יונגע חיות זיינען צוזאמען איינגעשפּארט...

.5

די וויינגראַדס גייט זייער גוט. זייער קרעמל, וואו מען האָט פריער פארקויפט פארשיידענע שמאכטעס איז געוואָרן אַן אנגרא-קראם, און מען רעדט אַ סך וועגן דעם בויטן לעבן זייערן, זינט זיי האָבן גענומען א דינסטמיידל... וויינגראַדס לאנדס-

לייט זיינען אים שטארק מקנא, זיי פארגינען אים ניט זיינע גליקן. „זעט נאר", טענהן זיי, „ווי געשוואלן מען איז דאָס געוואָרן! זיין טאטע איז געווען א שוסטער בא אונז אין דאָרף, נעכטן נאך איז ער ארומגעגאנגען האנדלען מיט שוכבענדלעך איבער די הייזער און איז געשלאפן אף א וואגן בא גאלדשטיינען אין שטאַל"... היינט אבער איז דעם שוסטערס שנור א גאנצע דאמע און דארף שוין ניט ארבעטן. ניט געקוקט אף דעם, איז אבער די קלייד פונם גרויסן סוחרס ווייב אפגעטראגן און פארפלעקט, די געשטריקטע שאל אף אירע פלייצעס איז אין א סך ערטער צעריסן און אירע שיך זיינען אויסגעטרעטן און אָן אבצאסן.

אַף אירע פעטע פינגערן בלישטשן פייערלעך פון עשירות און פאַרשפרייטן ראָזיקע, בלאָע און אייזיקע שטראַלן. פרוי ווייַנגראַדס דימענטן באַלייכטן אָבער דעם גראָען לעבן פון די עסעקסשטריט ווייבער און דערוועקן אין זיי דעם פייער פון אייטלקייט און קנאה; און די פונקען ווידער ברענען אין די אינגעווייטן פון זייערע מענער, בא ווען די ווייבער פרעגן: „נו, איך וואָלט וועלן דערלעבן, אַז דו זאָלסט מיר אויך קויפן אַזעלכע „קנאַקערס" (דימענטן), ווי פרוי ווייַנגראַד האָט. איך מיין אָבער, אַז איידער איך וועל דאָס דערלעבן וועט גיכער קומען משיח. יאָ, בא לייטן האָט מען מזל. דימענטן און א דינסטמיידל. פאַרוואָס זאָל אַזעלכע האָבן אַזאַ מזל". —

מיינע אויגן אָבער זיינען פאַרבלענדט פון דער דינסטמיידל, גרעטל ליפסקי, אַ געזונטע, יאָדערדיקע „גרינע", וועלכע איז ניט לאַנג צוראָפּ פונם שיף, קענטיק ווייַנגראַדס אַ ווייטע קרובה. אנשטאט שכירות באַקומט זי קעסט און פרוי ווייַנגראַדס אַלטע אָפּגעטראָגענע בגדים. זי וואוינט בא די בערגשטיינס, אין אונזער הויז, ווייל ס'איז פאַר איר ניטאָ קיין אָרט בא איר ברויטגעבער, וועלבער וואוינט מיט זיין ווייב און זעקס קינדער אין אַ פיר-צימערדיקע דירה.

איך האָב איר נאָכגעקוקט. גיטל האָט אָנגעהייבן צו האָרעווען אין פריען מאָרגן און פאַרענדיקט שפּעט אין דער נאַכט,

ווען די ווײַנגראַדס פלעגן זיך קלײַבן שלאָפן... איך בין גאָר פאַרליבט אין גרעטלען. זי ווירקט ניט אַף מיר אַזוי ווי ליליע, אין וועלכער איך בין פאַרליבט נאָר בעת איך זע זי. וועגן גרעטלען מוז איך כּסדר טראַכטן. איך וואַרט שעהנלאַנג אַפן טרעפּ, בכדי אָפּצוטרעפן די רגע ווען זי וועט פאַר מיר באַשיידן פאַרבײַשוועבן. איך ציטער און טאַנץ אינעווייניק, ווי מעטאַל אונטערן מאַגנעט: איר פאַרבײַגיין אַליין מאַכט מיך נערוויז. די בלוט קומט מיר אין פּנים. מײַן האַרץ קלאַפּט. מײַנע אויגן טוען מיר אַזש וויי, אַזוי שטאַרק קוק איך איר אָן, און בעת זי איז שוין פאַרבײַגעגאַנגען, שטאַרבט אָפּ אין מיר די פלאַם און איך ווער אַ שטיק לעבנלאָזער אײַזן... איך האָב נאָך מיט איר קיין וואָרט ניט אַרויסגערעדט... איך ווייס ניט, וואָס איך זאָל איר זאָגן... דער שטורעם פון באַגערן פאַרכאַפּט מיר דעם אָטעם... איך ווייס נאָר, אַז איך גלוסט צו האָבן גרעטלען. זי באַטײַט פאַר מיר: לעבן און קראַפט; און אָן איר בין איך אַ פאַרפאַלענער. איך וויל גרעטלען, און וואָס איך וויל, מוז איך באַקומען... גרעטל באַפאַרבט דעם האָריזאָנט פון מײַן באַוואוסטזײַן מיט די פאַרבן פון זונאונטערגאַנג... איך ווייס שוין וואָס איך וויל; איך ווייס, פאַר וואָס איך דאַרף אַזוי נייטיק האָבן גרעטלען! איך דאַרף איר האָבן כּדי זיך צו באַוואָרענען פאַר די סכּנות פון מײַן גיריקייט. לעצטנס האָבן עטלעכע מײַנע חברים זיך אָנגעברענט, און איך שווידער אוף פאַרן געדאַנק, אַז מײַן גוף קאָן אויפגעפרעסן ווערן פון שלעכטע קראַנקייטן... איך באַטראַכט די ווײַסקייט, סימעטריע און געזונט פון מײַן קערפּער, ווי עפּעס הייליקס. און איך באַשליס זיך ווייט צו האַלטן פון שטינקעדיקן עפּידעמישן פײַער פון דער עליזאַבעט סטריט... ניט צוליב מײַן נשמה, נאָר צוליב מײַן גוף... און גרעטל איז אַ ווײַסער פלאַם.

גרעטל איז ניט שיין אין געוויינלעכן זינען פונם וואָרט. אירע געזיכט-שטריכן זײַנען ניט רעגלמעסיק. זי האָט גרויסע הענט און ברייטע פיס. ברייטע היפטן, אַ פולער, פעטער בוזעם. זי איז אַ יונגער, שטאַרקער בוים. ווײַכברוינע, טיפע אויגן. באַקן,

ווי צייטיקע עפל, רונד און ראָזעווידיק. אַ גלאַנציקער קאָפּ האָר, אַ האַלז, ווי אַן עלפנבייַן טורעם פון שיר השירים:

היינט אָוונט בין איך אַ גליקלעכער. גרעטל און איך האָבן זיך באַגעגנט אַפן טרעפּ. איר אָטעם האָט אריבערגעשוועבט איבער מיין פּנים, ווי אַ ווינט וואָס האָט זיך באַהאַלטן אין בליאונג. איר קלייד האָט באַרירט מיין קני. איך האָב איר אָפּגעשטעלט. עס איז טונקל, מיין האַנט האָט גערוט אַף איר וייכן אָרעם. זי וויל גיין, נאָר ענדלעך עפענען זיך מיינע ליפּן:

„גרעטל, גרעטל... תמיד אנטלויפסטו פון מיר. האָב איך דיר עפּעס געטאָן, אַז דו פאַרטראָגסט מיך ניט? ווייסטו — יעדן אָוונט האָב איך געוואַרט, נאָר כדי צו זען ווי דו גייסט פאַרביי. האָב געוואַרט און געוואַרט נאָר כדי דיך צו זען איין רגע, גרעטל, כ'בין שיעור ניט געשטאָרבן פאַר בייַנקעניש, מיט דיר צו ריידן. דו אַנטלויפסט תמיד. און איך וואָלט אַזוי שטאַרק וועלן מיט דיר ריידן און דיר זאָגן" —

איך האָב איר אריינגעסודעט אין אויער מיין אידיש, וואָס קלינגט ווי מוזיק. איך פיל די וואַרעמע רויטקייט אַף איר פּנים, הער ווי גיך עס הויבט זיך איר ברוסט... זי זאָגט, אַז זי פאַרשטייט מיך ניט... זי גלויבט ניט, אַז איך זאָל זיך אַראָפּלאָזן צו אַ דינסטמיידל... באַזונדערס, אַז זי איז אַ „גרינע" און איך בין אַן אַמעריקאַנער סטודענט... און איך זאָג איר, ווי אַזוי איך ווער פאַרברענט פון ליבע, און זי לייגט איר האַנט אַף מיין מויל און זאָגט, אַז עס איז אַן אומרעכט, זי זאָל פון מיר הערן אַזעלכע רייד... גרעטל האָט אַלץ מער צוגעוואוינט זיך צו באַגעגענען מיט מיר אַפן טרעפּ, אינם קאָרידאָר. און די זיסטע נעכט זיינען יענע, ווען מיר האָבן צוזאַמען פאַרבראַכט אַפן דאַך אינם שאָטן פון אַ קאָמין...

6.

אונזער קיך איז פול מיט דיסקוסיאָניסטן. באָרים אודעל, דער פאַציפיסט-עוואָלוציאָניסט-וועגעטאַריער-טאָלסטאָיס חסיד, האָט

מיטגענומען זיין פידל כּדי מיט מוזיק אַ ביסל איינצושטילן דעם שטורעמדיקן טייל פון די דעבאַטן. אָבער קיין שום מוזיק קאָן ניט אריבערשרייען דעם היינטיקן געשפּרעך־ענין.

— די אוניאָן!

איך ליג אין בעט און וואַרט אַף רו צום איינשלאָפן. אַבע לעווקאָוויטש, דער פייערדיקער אוניאָן־אָנהייגער, פירט די זיצונג. ער איז פאַרצווייפלט עקשנותדיק: „מיר האָבן גענוג גערעדט. איצט דאַרפן מיר טאָן!" ער האָט זיין דעוויז־שלאָגוואָרט אויסגעהאַמערט: „אַ ביסל אַ בעסערער לעבן — אַ ביסל שיינקייט אין לעבן — בעסערע לעבנס־תנאים — דאָס וועט געבן די אוניאָן". צו זיינע געפילן באַציט מען זיך מיט דרך־ארץ. אַ רגע איז שטיל, שטיל גענוג כּדי די מוטער זאָל האָבן צייט ארויסצומורמלען מיט אַ דינעם קול: „אפשר, אַז עס וואָלט געווען אַן אוניאָן, אפשר וואָלט מיין מאַן נאָך היינט געלעבט און וואָלט ניט געשטאָרבן פון דער פאַבריק־קראַנקייט"... איך האָב פאַרגעסן צו דערציילן, אַז מיין פאָטער איז טויט: ער איז ארומגעגאַנגען ווי אַ שאָטן, ווען די זון פאַרגייט. מיר קומט פאָר, ווי ער וואָלט פון תמיד שוין געווען טויט. איצט האָט זיין אָרט פאַרנומען אַן אַנדער טריבער שאָטן; איצט זיצט די מוטער אין זיין ווינקל.

באָריס ראַטנאָווסקי, דער מילדסטער צווישן דער גאַנצער פאַרזאַמלונג, איז אַן אַנאַרכיסט. ער רעדט מילד, מילד שילדערט ער די שרעקן פונם לעבן, די אַלע אכזריותדיקייטן וואָס שטייען אַפן סדר־היום, וויל רעגירונגען, אינסטיטוציעס, דינים, רעליגיעס, חתונות און טראַדיציעס האָבן איינגעשמידט דעם פרייען וואָרט. די אוניאָן וועט אויך ניט זיין מער ווי אַ ווייטערדיקע תּפיסה פאַר דער רעכט פונם פרייען וואָרט.

שמעון גאָדין, דער סאָציאַליסט, רעדט וועגן צופּאַסן דעם סאָציאַליזם פאַר די מאַסן. אויך באַרני האָט גערעדט.

פאַרוואָס אבער רעדט ניט פיליפּ, דער פייערדיקער דיסקו־סיאָניסט, סמיטש, די אָנהייבער פון די געווערקשאַפטן גרינדן

אָן אוניאָן און אָנקל פּיליפּ שווייגט !... „חברים, ווער שטייט צו ?"... לעווקאָוויטשס האַנט ציטערט בעת ער גרייט צו אַ בלייער און פּאַפּיר.

אַלע פאַרשרייבן זיך.

איצט, טראַכט איך, וועט זיך אָפּרופן אָנקל פּיליפּ. אָנ־שטאָט דעם אָבער, ווינטשט ער זיי שטיל אַ גוטע נאַכט... אַפן גאַס, אונטערן פענסטער, הער איך אויסרופן: „זאָל לעבן די אוניאָן!"

באַרניי פּין בלייבט. ער דערוואַרט נאָך, ווייזט אויס, עפּעס אינטערעסאַנטעס פון אָנקל פּיליפּן. איך הער ריידן בעני פינקל־שטיין. ער איז תמיד דער שווייגער.

פּיליפּ פאַרמאַכט די טיר מיט די ווערטער: „האָט איר זיי געהערט? „געדולד איז קראַפט" — אַזוי זאָגט דער וואָרעם".

פינקלשטיין זאָגט: „הער פּין, איר ווייסט דאָך, מיר אידן זאָגן, אויב איר וועט האָבן גענוג געדולד, וועט איר נאָך זוכה זיין צו זען משיחן".

„באַרניי", זאָגט פּיליפּ, „איר קאָנט פינקלשטיינען, אָבער דערלויבט מיר אים אייך פאָרצושטעלן: דאָס איז בעני פינקל־שטיין, דער קאַפּיטאַליסט".

„איך האָב געוואָלט זאָגן", זאָגט ווייטער פּיליפּ, „אַז איך מיט פינקלשטיינען הייבן פון מאָרגן אָן צו ווערן קאַפּיטאַליסטן".

„און די ווערים, פרעגט באַרניי, „די ווערים וועלן מיט זייער געדולד פאַר אייך דעם באָדן צוגרייטן ? אָבער בעת אייערע פאַבריקן וועלן זיין געעפנט און זיי וועלן זיך פאַנאַנדערוואַקסן, וועלן די ווערים אויך וועלן מיטפרעסן".

„און מיר וועלן טאָן דאָס וואָס מען טוט תמיד מיט ווע־רים: מיר וועלן זיי צעטרעטן און פון גאָרטן אַרויסוואַרפן", ענט־פערט פּיליפּ.

באַרניי פּין לאַכט מיט אַ מאָדנעם געלעכטער. „איר זיינט ווייניקסטנס אָפנהאַרציק", זאָגט ער.

„און פאַרוואָס זאָל איך ניט זיין אָפּנהאַרציק?“ פרעגט פיליפּ. „איך פיל די ערד אונטער זיך ווי אַ האַרטן פּאַקט. איך דער־קען די וועלט ווי א האַרבע וואָרהייט: איין הונט פרעסט דעם אַנדערן, איין מענטש פאַרשלינגט דעם צווייטן. איך קוק ניט אָפּן לעבן ווי אַף אַ פּאָעטישן חלום. איך זע נאָר, אַז מיר לעבן כּל־זמן מיר לעבן, און קיין שום אַנדער זאַך איז ניטאָ, בעת מיר האָבן אופגעהערט צו לעבן. איך זע אַלץ, וואָס מיר האָבן אָדער קאָנען באַקומען, איז דאָס, וואָס מיר קאָנען אָפּנעמען בײַ יענעם. די שטאַרקערע עלעמענטן פאַרשלינגען די שוואַכערע. די שוואַכע עקזיסטירן נאָר כּדי זיי זאָלן דערנערן די שטאַרקע. און באמת איז שטאַרק נאָר דער, וואָס גלויבט אַז ער איז שטאַרק: ער איז שטאַרק ווייל ער אנערקענט, אַז עס איז פאַראַן אַ וועלט פון שוואַכע, וואָס זיינען גרייט אים צו דינען“.

פינקלשטיין אונטערברעכט אים זאַכלעך: „קורץ און גוט. פיליפּ גאָלד און איך, מיר האָבן מאָרגן זעקס אַזייגער אינדערפרי צו ווערן „באָסעס“, מיר ווערן קליידער־פאַבריקאַנטן. ווי געפעלט אייך דער נאָמען פון אונזער פירמע „ניו־וואָרלד קלאָטינג קאָמפּאַני?“

„ס׳קלינגט שיין“, ענטפערט פין.

„האָסטו מיך געהערט, מאיר? איך — דיין אָנקל פיליפּ — בין אַ באָס“.

אַ פראַגע באַמבלט זיך אין מיין מוח און איך מוז איר ארויסזאָגן: „אַ באָס — צו וואָס?“

„תמיד פראַקטיש, תמיד די זאַכן אין אינגעווייד אריינקוקן: אַזוי איז דאָס מאיר; דאָס באַווייזט, וואָס פאַר אַ בריהדיקער אַד־וואָקאַט ער וועט זיין“.

פינקלשטיין ווייצלט זיך: „ער וויל די געשעפטס־סודות ארויסשפּיאָנירן. ווער ווייס, אפשר וויל ער אונז מאַכן קאָנקורענץ“.

„מאיר“, זאָגט פיליפּ, „צו וואָס? איך וועל דיר דאָס זאָגן: איבער די רוקנס פון די אַרבעטער“.

די מוטערס הענט קנאַקן און ציטערן, זי רופט אויס: „נאָר איבער די אַרבעטער. דאָס איז שוין געווג. נאָר איבער די אַרבעטער. דו ביסט דאָך אַליין אַן אַרבעטער, וואָס ווילסטו פון די אַרבעטער?״

„וואָס ווילן זיי פון מיר, וואָס האָבן זיי געוואָלט פון דיין מאַן? אַלץ, וואָס זיי האָבן געקאָנט באַקומען. דאָס וויל איך אויך. אַלץ, וואָס איך קאָן באַקומען!״

די מוטער ענטפערט נאָר מיט אַ טריבן זיפץ.

„וואָס איז דען מיט אייך, איר נעבעכלעך, אייך ווערים! אייך וויל איך דאָס זאָגן: איר זיינט פאַרשלאָפן, איר זעט ניט, ווי די וועלט איז געוואַקסן״.

פין הוסט. איך ווייס ער איז אַף דער מוטערס צד. סוף־כל־סוף איז ער אויך ניט מער ווי אַ בעל־חלומות, וואָס גלויבט, אַז ער האָט געפונען אַ מיטל צו היילן אַלע ווייטיקן פון דער וועלט דורך רעפאָרמעס.

פיליפ וואַרפט צוריק דעם קאָפּ מיט גאווה: איך האָב געפונען דעם סוד פון רייכקייט. דער וועג צו עשירות איז געפלאַסטערט מיט די רוקנס פון די אַרבעטער. איך וועל שפּאַנען איבער די דאָזיקע רוקנס פון די אַרבעטער. איך וועל גיין אַלץ העכער און העכער איבער דער גאַס פון עשירות ביז איך וועל דערגרייכן דעם העכסטן שפּיץ, דאָרטן וואו די דייטשע יאַהודים זיצן. איך וועל דאָס מאַכן אַזוי ווי די דאָזיקע פאַרשאָלטענע, אָנשטענדיקע דייטשע אידן טוען; אַזוי גוט, אַזוי רעספּעקטפול, אַזוי שטאָלץ: מיט זייער וואוילטאָג און זייערע רייכע טעמפּלען, וואָס צווינגען אייך, ווערים, צו פּויזן אַף די בייכער. זיי זיינען דאָס די וואָס האָבן אייך די מאָרד פון די ביינער אַרויסגעזויגן, אייערע היינטיקע מייסטערס זיינען אַזוי פיין, אַז איר זיינט שטאָלץ אַף זיי, אָבער איר ווילט ניט קיין אַנדערע מייסטערס... מיר זאָגסטו, אַז איך גופא בין אַן אַרבעטער, און דערמיט מיינסטו, אַז כ׳בין אַ וואָרעם, וואָס קריכט אין שטויב פאַרן מייסטער. איך בין אָבער ניט קיין וואָרעם. איך בין נאָך תמיד אַזוי קלוג ווי די דייטשע אידן און

איך האָב דעם געהיימניס פון זייער דערפאָלג ארויסבאַקומען. עס איז אַזוי פשוט! אַ גיכער ריוח מיט דער הילף פון ביליקע אימפּאָרטירטע אַרבעטער. זייערע פרומע דאָלאַרס, זייערע וואוילטעטיקע, אָנשטענדיקע דאָלאַרס זיינען פון אייערע לייבער ארויסגעשוויצט. אָבער איך גיי נאָך ווייטער. איך וועל זיי אין זייער אייגענעם שפּיל באַזיגן. איך בין ניט אַזוי פיין ווי זיי. איך באַהאַלט זיך ניט הינטער היפּאָקריטנטום. איך וועל מיין געלט פאַרדינען מיט די ביליקסטע „גרינע". די דייטשע אידן זיינען צו פיינפיליק, זיי זאָלן קאָנען האָבן צו טאָן דירעקט מיט די אַרבעטער. וואָס זיי זעען ניט, ווייסן זיי ניט. אַזוי דערקלערן זיי חניפהדיק, אַז זיי האָבן ניט צו טאָן מיט די אַרבעטער. זיי גיבן איבער זייערע באַשטעלונגען צו די ליפעראַנטן. און די דאָזיקע „קאָנטראַקטאָרס" גיבן דאָס איבער צו די „סוב=קאָנטראַקטאָרס". און דער דייטשער איד איז זיך אַ גוטער סוחר. דער גוטער סוחר נוצט אָבער אויס די קאָנקורענץ. דריקט ער די קאָנקורירנדיקע „קאָנטראַקטאָרס". אַ ניין, די דייטשע אידן, די קליידער=פאַבריקאַנטן, נוצן ניט אויס די אַרבעטער. ניין, דאָס טוען די ליפעראַנטן... אָבער דאָ וועל איך זיי איבערקאָזירן. איך וועל זיי ארויסשטויסן, ווייל איך שעם זיך ניט, ווייל איך האָב קיין מורא ניט. איך וועל ניט האָבן קיין צווישנרויב, וואָס דריקט אַרונטער די שכירות. איך וועל אַליין טרייבן, אויסנוצן און דריקן. איך וועל מיר צוזאַמענטרייבן די אָרעמסטע „גרינע", אַזוי ווי אין קעסטל=גאַרדען. איך וועל זיי געבן אַרבעט, קאָרמענען און לאָזן שלאָפן אין מיין פאַבריק... און זיי וועלן מיר נאָך דאַנקבאַר זיין... און איך וועל די פרויען און די קינדער אין די דירות באַשעפטיקן. זיי וועלן אין מיין פאַבריק קומען און זיין צופרידן, אַז זיי וועלן באַקומען אַרבעט אַף אינדערהיים. זיי וועלן אַרבעטן פאַר מיר בא זיך אין דערהיים און מיר פאַרשפּאָרן אָרט און דירה=געלט. און זיי וועלן האַלב אומזיסט אַרבעטן און נאָך זיין צופרידן, וואָס זיי קאָנען אַ ביסל געלט אין שטוב פאַרדינען און זיי וועלן מיר ווידער דאַנקבאַר זיין".

די מוטער, וואָס האָט תמיד מורא געהאַט פאַר איר שאַרפזיניקן ברודער, האָט באַשיידן זיך אָנגערופן: „פיליפּ, דו ביסט דאָך

אַליין אַ פאַבריק־אַרבעטער. דו זעסט דאָך וואָס עס קומט פאָר. דו האָסט דאָך געזען ווי בײַ מײַן מאַן האָט זיך דער שווייס געגאָסן טראָפּן נאָך טראָפּן ביז ער איז געשטאָרבן" — —

„און וואָס זאָל איך טאָן?!" וואַרפט ער שנײַדיק און חוזקדיק.

„אַן אוניאָן־שאָפּ עפּענען", זאָגט זי מוטלאָז. פיליפּ לאַכט הויך און די מוטער איז געבליבן זיצן אײַנגעהויקערט.

פין הויבט זיך אויף; מיט אַן אָראָפּגעלאָזטן קאָפּ גייט ער צו דער טיר, אָבער ער קערט זיך אום און זאָגט, וואָס ער האָט געטראַכט: „געוויינלעך, אַז אַ באַקאַנטער הייבט אָן אַ נײַע זאַך, ווינטשט מען אים גליק. אָבער איך קאָן דאָס ניט. בײַ מײַן לעבן, קאָן איך ניט ווינטשן גליק אַן אויסנוצער און באַדריקער". זײַן מויל פאַרציט זיך צו אַ אַ שמייכל, אָבער זײַנע אויגן זײַנען טרויעריק.

פיליפּ רופט זיך אָן: „באַרנײַ פין, כאַפּט זיך אויף. איר זײַט פאַרשלאָפן".

פינקלשטיין בלײַבט נאָך און רעדט וועגן אַ סך פּרטים, און איך קאָן ניט שלאָפן.

ענדלעך גייט פינקלשטיין אַוועק. די מוטער קריכט אַרויף אַף אַ שטול, ציט אָן דעם וואַנט־זייגער, דרייט אויס די ליכט און גייט אַוועק אין שלאָפצימער. פיליפּ פאַרשטעלט איר דעם וועג... „איך זאָג דיר, נעשקע, נעשקע, עס איז גוט וואָס איך האָב אַף זיך גענומען די דערציאונג פון דײַן זון. דו וואָלסט פון אים געמאַכט אַ וואָרעם, אַזוי ווי זײַן פאָטער איז געווען". די מוטער בויגט דעם קאָפּ פאַר זײַן פעסטן ווילן... „דו האָסט א נעבעכל פון דײַן מאַן געמאַכט — מיט דײַן פאַרשאָלטענע אָנשטענדיקייט. דײַן פאָטער האָט געקאָנט זײַן פאַר דיר א בעסערער בײַשפּיל"... די מוטער גייט צום בעט. פיליפּ לעשט אויס די לעצטע ליכט, וואַרפט זיך אַפן קאַנאַפּע און רופט: „מאיר, אָנשטענדיקייט איז אַ נאַרישקייט... האָט דיר כאָטש דײַן מאַמע געזאָגט, אַז איר טאַטע איז געווען א פערד־גנב? יאָ, דער זיידע — מײַן פאָטער, זאָל ער ליגן אין זײַן רו, איז געווען א פלינקער פערד־גנב"... דער זייגער קלאַפּט מעלאַנכאָליש, און די זיפצן, וואָס איך הער, קומען מסתמא פון מײַן מוטערס בעט. „מאיר, אין אונזער שטאָט איז

געווען אַ קליינער אינגל, וואָס האָט צו קיינעם ניט געהערט. ער איז געווען א קינד, וואָס מען האָט אים געפונען אַפן שוועל אונטערגעוואָרפן. ער איז אויסגעוואַקסן און געווען כיטרע, ווי אַ ממזר. ער פלעגט אופקויפן די פערד, וואָס דער טאַטע האָט גע־גנבט. האָט אויסגעקויפט באַ די פויערים און איז געווען רייך. מענטשן האָבן אים מקנא געווען און פלעגן אים זאָגן: „דו ביסט אַ גאָרנישט, דו האָסט אפילו ניט קיין עלטערן" און ער האָט געזאָגט: „דאָס מאַכט ניט אויס, אויב איך האָב ניט קיין על־טערן, וועל איך האָבן קינדער"... איצט איז ער אין אַמעריקע... האָט זיך משדך געווען מיט א רייכער דייטש־אידישער משפחה... ער איז רייך און אָנגעזען און זיינע קינדער וועלן קאָנען קוקן מיט שטאָלץ אַף זייער יחוס"...

פיליפ געגעצט און קערט זיך אום אַף דער אַנדער זייט. דערביי קרעכצן די שטרוי און פעדערן.

„מאיר, מיר האָבן גאָרנישט, אַף וואָס מיר זאָלן קאָנען צו־ריקקוקן מיט שטאָלץ, מיר מוזן אַליין ווערן אונזער יחוס".

פערטער פעריאד

איך האָב מיין אינערלעכסטע אַנטפּלעקט.
זשאַן זשאַק רוסאָ.

.1

איך בין געלעגן אַפן רוקן און האָב זיך צוגעהאָרכט מיט אָפענע אויגן צום טשווימשערן פונם וואָראָבײ. ענדלעך פילט מען אויך דאָ — ענדלעך פיל אפילו איך, — ס'איז פרילינג. פרילינג באַמיט פאַר מיר נים מער ווי די נייע אסתר.. יאָ, אסתרס שיינקיים איז גלייך מיטן פרילינג געבאָרן געוואָרן; אָדער דער פרילינג האָט מיר די אויגן געעפנט, אַז איך האָב די שיינע אסתר צום ערשטן מאָל דערזען? אסתר... די פויגלען זינגען פון אסתרן... נעכטן אָוונט איז אסתר געשטאַנען אַפן שוועל פון טיר. די חיותדיקע נאַכט... די לופט איז שוואַנגער פון סודות, פון ריחות און פליגל געדויש... דײווי האָט אויסגעדריקט דאָס. וואָס מיר אַלע האָבן געפילט... און אַ פולע לבנה איז אַרויסגעשוואומען פון די וואָלקנס.. אברהם האָט געזאָגט: „זע, ווי די שכינה רוט אף דיין קאָפ, אסתר"... האַרי וואטין זיצט אַף די אונטערשטע טרעפּלעך, דעם קאָפּ אָנגעשפּאַרט אַף די ווענט. חלומט ער וועגן זיין פעטע חנה ווײַנגראַד און פון איר נאָך פעטערן נדן?... ניין: אפשר האָט ער אויך דערפילט דעם פרילינג מיט דיר צאַרטע אסתר.. דײווי מורמעלט וואַלד וויטמאַנס „ווען דער לעצטער בלום האָט אין הויף געבליט". דײווי און אברהם פארגעטערן אסתרן... איך אָבער נים..

אסתר בעט דײווין, ער זאָל פאָרלייענען זיין נייעם שיר, און דײווי לייענט. דעם קאָפּ אַף הינטן צוריקגעוואָרפן, בעת זיין פּנים באָדט זיך אין לבנה=ליכט... איך זיץ באַ אסתרס פיס און אָטעם די פרישקייט פון איר קערפער.. איך פיל ווי איר קערפער צי=

מערט פול פון נייעם לעבן... און זי פלימערט מיט פאַרמאַכטע אויגן... עפנט זיי איינמאָל אויף און קוקט אַריין לאַנג און טיף אין מיינע זוכעדיקע און ברענעדיקע אויגן. און איר האַנט ציט זיך אַרויף צו איר ברוסט... און איך טראַכט — אסתר, איך בין דיר נאָענטער איידער דער דאָזיקער דיכטער און בעל־חלומות... איך ווייס, אַז דו ביסט א פרוי, און דו ווייסט, אז איך ווייס דאָס... אברהם זאָגט, אז די דאָזיקע פּאָעזיע — די־ווייס פּאָעזיע — ווייס נאָר פון איין טאַקט, דעם טאַקט פון געפיל.

ארום און אַרום רעדט מען, מען רעדט אָן אַ שיעור. און אַלץ, וואָס איך קאָן טאָן, איז אסתרן צו באַטראַכטן און איר צו באַגערן. דער גאַנצער אָוונט פאַרגייט אין ווייטערדיקע שמועסן, וועלכע אסתר הערט צו אופמערקזאַם, מיך ניט באַמערקנדיק, כאָטש זי ווייס אַז איך נעם די אויגן פון איר ניט אַראָפּ... און נאָכדעם גיי איך אַפּן דאַך, וואו גרעטל וואַרט. זי האָט צו מיר ניט קיין טענות וואָס איך לאָז איר לאַנג וואַרטן. אירע אָרעמס זיינען שטענדיק גרייט און איך געפין אַ נחמה אין זיי... און דאָך: בעת גרעטלס קושן זיינען נאָך וואַרעם אַף מיינע ליפּן, שלייך איך מיר דורכן הויף הינטער אסתרס שטוב, נעם מיך אָן פאַרן פענסטער־ברעטל, הויב זיך אַרויף און קוק דורך די שפּאַרו־נעס פונעם לאַדן אין דער טונקלקייט. די לבנה איז אונטערגע־גאַנגען הינטער די הייזער. עס איז געוואָרן פינסטער. איך זע מער ניט ווי איין העלן פלעק, וואָס איז אפשר געוואָרן א בעט... איך וואַרט... הער א רואיקן אָטעמען... לאָז זיך פאַלן אַף דער ערד און גיי שלאָפן, ברענענדיק פאַר באַגערן... שלאָף ווי אין קדחת און וואַך אויף אונטערן געשריי פון די פויגל.

.2

אַלץ איז אָפּגערעדט, האַרי וועט ווערן א קינדער־דאָקטאָר, הײמי — א פרויען־דאָקטאָר. זיי וועלן צוזאַמען אַרבעטן, ווייל דאָס וועט זיין פּראַקטיש פאַר דער פרוי און קינד. הײמי דער־ציילט אונז פון זיינע פּלענער, רייסט אָבער אינמיטן איבער: „וואו

זאָל איך אָבער נעמען שכר־למוד און ביכער און דאָס איבעריקע?״
האַרי האָט נאָך אַ יאָר פאַר זיך. די יאָרן פון אַרבעט און סטו־
דירן האָבן אים שטאַרק אויסגעמוטשעט. עס זעט אויס ווי אַ
לעבעדיקער סקעלעט. נאַכט האָט ער געניט הויזן ביז
אינדערפרי און האָט חוץ דעם סטודירט. האַרי רעדט ניט; ער
ווייס, אַז ס׳איז געוואַלטיק שווער זיך צו דערשלאָגן צו געלט...
סעם ראַקאָווסקי זאָגט: „האָב ניט קיין זאָרג, הײַמי, איך האָב אַ
אידייע, ווי אַזוי דעם זומער זיך צו דערשלאָגן אַ סך דראָט״.
הײַמי מאַכט זיך כלומרשט ניט ווייסנדיק. ער ענטפערט ניט,
סעמס אַרט ריידן ווירקט אים אויף די נערוון... סימאָן אדלער
האָט אויפגעהערט שטאָפּן ציגאַרעטן. „זוך זיך אויס אַ לײַטישן
שווינדל״, האָט געעצהט סימאָן, וועלכער האָט זיך דורכגעשמועסט
דורכן יורידישן פאַקולטעט פון דער קאָלומביאַ־אוניווערסיטעט.
סימאָן האָט אַ פײַנעם קליינעם שווינדל — מיט דער הילף פון
בולקים „ספּעציאַליסטן״ האָט ער געגנבעט די מאַנטלען פון די
פּראָפעסאָרן און סטודענטן. סימאָן האָט אַליין ניט געגנבעט, ער
האָט נאָר אַרויסגעגעבן־דבֿרט די בעסטע געלעגנהייטן דערצו...
סעם האָט אָבער זייער ליב געהאַט הײַמין און האָט געהאַט אַב־
טונג פאַר זײַן עמפינדלעכקייט. ער האָט געטענהט: איך האָב
עפּעס אויסגעצייכנטעס. ערלעכע אַרבעט. און געלט אַ מאַסע!
מען דאַרף זיך נאָר ווי געהעריק נעמען דערצו״.

סעם האָט זיך אַרופגעאַרבעט. פון אַ שיק־אינגל איז ער
געוואָרן אַ פלאַץ־אָנווײַזער און הילפס־אַרבעטער אין מאַני פּאַס־
מאָרס וואַריעטע אויף דער פערצענטער גאַס. סעם האָט געזאָגט:
„איך האָב אויסגעלערנט אַ נײַעם טאַנץ. אַן אמתע סענסאַציע! די
לײַט וועלן משוגע ווערן... איך וועל אײַך דאָס באַווײַזן, אָבער איך
מוז וואַרטן אויף אַ יאָט — על וואלף. ער איז אַן אויסרופער
פאַר די קאַנדלצוקער־פּרעמיעס אין מײַנערס טעאַטער״. יעדער
איינער, וואָס איז נאָר געווען אין מײַנערס טעאַטער, האָט גע־
קענט דעם פלאַפלער צווישנאַקטנרעדנער, וואָס האָט פאַרזיכערט
דער גאַנצער וועלט, אַז אין יעדער קעסטל איז פאַראַן אַ ווערט־
פולע פּרעמיע, הגם דער מקח איז בלויז 10 סענט. מערסטנטייל

האָבן די הערן דאָרטן געפונען אַ מיניאַטור-העמד און די דאַמען אַ שטיקל ראַזיר-זייף.

על וואלף קומט. ער האָט אַ פלאַכן פּנים מיט אַ רונדע בייכל. אַ גראָבער ציגאַר שטעקט בּאַ אים אין אַ ווינקל מויל. סעם שטעלט אונז פאָר, און על דערלויבּט אונז צו טרייסלען זיין פעטע הענטל. פאַרזיכערנדיק דערבּיי איבּערפלעכלעך, אַז ער „פרייט זיך אויסערגעוויינלעך". על זאָגט צו סעמען: „נו שים אַרויס". סעם שלעפּט אַרויס אַ מויל-האַרמאָניקל פון קעשענע און דערלאַנגט אים. „נו, עלי", זאָגט ער צו אים, „נעם זיך צו דער מלאכה. ס'איז ניט קיין לייכטע זאַך פאַר דיר — מוזיק". על מיינט: „עס איז נאָך ניטאָ די זאַך, צו וועלכע איך זאָל ניט קאָנען די מוזיק". סעם גיט מיט הענט און פיס דעם טאַקט, און על בּאַגלייט אים מיט דער האַרמאָניקע. דער יאָמער פון דער האַרמאָניקע און דער געטומל האָט צונויפגעזאַמלט אַ רעכט שיינעם עולם, מוטערס מיט קינדער-וועגלעך, גאַסן-יונגען, בּולקי מיט זיין חבריה פון לודלאָוסטריט, אסתר, לילי און חנה אַף די טרעפלעך, גרעטל קוקט אַרונטער דורכן פענסטער, אַ פּאָר גאַסן-הענדלער האָבּן נאָענטער צוגעשטופּט זייערע וועגלעך, און די קאַנאַל-סטריט פערדן-טראַמוואַי האָט זיך אָפּגעשטעלט. דער קאָנדוקטאָר האָט אויסגעפּאָרשט די סיבּה און מיטגעטיילט דעם קוטשער. דערווייל האָט דער עולם זיך צוגעקלעפּט צו די פענסטער און פרעגן איינער דעם אַנדערן וואו אייגנטלעך בּרענט עס... סעם איז גליקלעך: אַן עולם!... על האָט זיך אומגעקוקט, ווי אַ פּירער, וואָס איז געוויינט אַף זיך צו ציען די אויגן פונם המון... סעם הייבּט אָן צו טאַנצן און דער עולם ווערט טומלדיק און ענטוזיאַסטיש. סעמס פיס שפּרינגען אונטער אַזוי געשווינד דעם פינאַל, אַז אונז דוכט זיך, זיי בּאַרירן קוים די ערד. דער סוף איז אַקראָבּאַטיש. ער דרייט זיך אין אָריגינעלע וואַריאַציעס פון אַ רוסישע קאַזאַצקע און פלוצלונג שפּרינגט ער אַריבּער אַף אירישע טאַנץ-שריט, שטענדיק אין טאַקט, און רייסט זיך פלוצלונג אַריבּער אין אַ ווילדן, רוקנבּרעכערישן רוסישן טאַנץ.

על וויל פּטור ווערן פון די אַרומיקע. „מיר מוזן ריידן

געשעפטלעך", זאָגט ער... סעם קלייבט אויס היימי, דייווי און מיך, וואָס זאָלן דערבײַ זײַן. איך פֿיר זיי אַראָפּ צו בערלען אין קעלער. על באַמערקט: „סעם דו קאַנסט דאָס, וואָס מען דאַרף. דו דאַרפֿסט נאָר האָבן אַ געשיקטן „מענעדזשער". מיר אַלע האָבן געוווּסט, אַז דאָס מיינט ער זיך. ער האָט געהאַט אין זיך די אַלע פּוסט-גאַווהדיקע זעלבסט-זיכערקייט און דעם בעל-גאַווהדיקן אָנשטעל פֿון אַ בורלעסקן אימפּרעסאַריאָ. סעם שטעלט אונדז פֿאָר: „דייווי איז מײַן טענאָר מיט אַ פּרעכטיקן פֿאַלצעט. היימי איז אַ קאָמישער באַריטאָן, מאיר איז דער באַס, און איך בין אַ טענאָר אָן אַ פֿאַלצעט". על פֿאַרלאַנגט, היימי זאָל זינגען. היימי קווינקלט זיך, אָבער ענדלעך גיט ער זיך אונטער אַף סעמס בקשות. על געפֿינט אויך, אַז ער טויג פֿאַר קאָמישע זאַכן און גיט אים תּיכּף אַ סצענע-נאָמען הײַ רובע. „דו קומסט אַרויף מיט אַ גרויסע שטרויהוט אַף דער בינע, וואָס איז מיט אַ בלאָען באַנד און אַ גרויסן שלייף אונטערגעבונדן אונטערן באַק; דערצו טראָגסטו אַ גרויסן אַלט-מאָדישן מאַרק-בײַטל. מיר מוזן צופּאַסן אַ פּאָר ווערטער וועגן אַן אָרעמען לאַנד-פּאָמעראַנץ, וואָס איז אַרײַנגעפֿאַלן אין אַ גרויסער שטאָט. און נאָכדעם זינגסטו אַ לידל — אַ פּאַראָדיע אַף עפּעס אַ פּאָפּולערן מאָטיוו — ווי אַן אָרעמע לאַנדסמיידל האָט פֿאַרבראַכט אין דער בייזער שטאָט... אַ נו, פּרוּווט אַ ביסל ריידן ווי אַ מיידל... דורכן נאָז, מײַן אינגל, דורכן נאָז". היימי וויל ניט, סעם בעטלט זיך בײַ אים. על זאָגט גלײַכגילטיק: מיר דאַרפֿסטו קיין טובֿה ניט טאָן. דו ביסט ניט דער איינציקער באַריטאָן אין ניו-יאָרק. סעם זאָגט: „היימי דאָס באַטייט אַרבעט אַף אַ גאַנצן זומער. דו וועסט פֿאַרדינען גענוג געלט אַף דײַן סטודיום". „וואָס מיינסטו, מאיר?" אַפּעלירט היימי צו מיר. איך עצה אים, ער זאָל פּרובירן. על פּרובירט אונדז יעדן באַזונדער, נאָכדעם ווי אַ גאַנצן קוואַרטעט. ער איז קאַרג אַף לויב און מיינט נאָר, אַז מיר דאַרפֿן זיך פֿלײַסיק איבן... דייווי איז מסכּים, אָבער אַז ער דערהערט, אַז על, אונדזער מענעדזשער, וויל אונדז לאָזן אַרבעטן אין אַ טאַנץ-לאָקאַל אין ציגנאַטאַון, ווי „זינגעדיקע קעלנערס", ציגערט ער שטאַרק דאָס מיטצומאַכן... על ווערט

ווילד. „ס'איז אַ חוצפּה!“ זאָגט ער, „מיר צו ברענגען מילכיקע מיידל־פּנימער, איך זאָל פון זיי מאַכן אַרטיסטן“... אברהם קומט צו דער רעכטער צייט, כדי צו איבערצייגן דייווין, אַז ער מוז אַרבעטן באַ אַלע אומשטענדן, בכדי צו קאָנען ווייטער סטודירן. איצט גיט אונז על א לעקציע, אז מיר מוזן באזוכן פלייסיק מייִנערס טעאַטער. אויך דאַרף אונז סעם אַריינשמוגלען אין טאָני פּאַסטאָרס טעאַטער, כדי מיר זאָלן עפּעס קאָנען אָפּלערנען באַ פּראָפעסיאָנעלע אַרטיסטן, און ביזן זומער מוזן מיר אָן אויפהער פּרובירן. פריער וועלן מיר מוזן זינגען אומזיסט אף פּראָבע אין הינטער־צימערן און אין ראַצן־קעלערס, ווען עס וועט קומען די ריכטיקע צייט וועט ער אונז אַריינברענגען באַ פּרענטש לאַוועל, דעם באזיצער פון דעם גרעסטן טאַנץ־זאַל אין ציגאַמאַן, אָנהייב זומער גייען אוועק עטלעכע פון זיינע קעלנערס קיין קוני־אײלאנד, וואו זיי פארדינען מער געלט בא פייד רואן. „אפשר באקומט איר דעם אנגאַזשעמענט. דאמאָלסט פאַרדינט איר אויך א סך געלט“.

איידער ער גייט אַוועק גיט ער אונז אַ נאָמען „די איסט סייד פור — פרייד־ברענגער פון די פירהונדערט“. היימי הייסט „היי רובע“, סעם הייסט איצט „סייד רעליי — דער מענטשלעכער טראמבאָן“, דייווין גיט ער אַ נאָמען „דען סלעטער — דער טענאָר מיטן מלאכים־שטים“, און מיך רופט ער „מעלוויל האַרט — דער איינציקער באס־פּראפונדא אין געפאַנגענשאַפט“. מיט זייִנע נעמען מאַכט ער אונז שפּאַס און פאַרזיכערט אונז, אז מיר וועלן אונטער זיין אָנפירונג ווערן וועלט־באַרימטע אַרטיסטן. מיר דאַרפן זיך נאָר פאַרלאָזן אַף אים. איך וואָלט זיין צופרידן, ווען איך זאָל קאָנען פאַרדינען גענוג, בכדי ווי ניט איז דורכצושטופּן מיין סטודיום.

.3

מאַקסי פריינד קומט און סודעט מיר עפּעס אַריין אין אויער. ער האָט אַנדעקט אַ קראָם, אינם אונטערשטן טייל פון שטאָט, ניט ווייט פונם געריכט, וואו עס זיינען אויסגעשטעלט

אַנטיקוואַרע געזעץ־ביכער. ער גיט מיר אָנצוהערן, אַז ס'איז אַ
יקר המציאות, אַזעלכע ביכער איז ניט צו באַקומען און זיי פאַר־
קויפן זיך צוליב אַ געלעגנהייט. איך דאַרף ניט דורכלאָזן די דאָ־
זיקע געלעגנהייט. בכלל טראַכט ער אַפילו ניט, אַז מען קאָן די
ביכער אַוועקגנבענען. אָבער דאָך גיט ער אַ וואונק, אַז בולקי
וואָלט מיר אפשר געקאָנט פאַרשאַפן די ביכער. בולקי האָט דעם
ענין איבערגעגעבן ליטל דזשאָע און ביג דזשאָע, געשיקטע קראָם־
גנבים, זיי זאָלן ברענגען א פּאָר פּראָבעס פון די ביכער. מאַקסי
בלעטערט דורך די ביכער, כאַפּט התפּעלותן און דערקלערט, אַז
זיי זײַנען גוט. אין א קורצער צײַט האָב איך און מאַקסי א
היבשע ביבליאָטעק... מאַקסי פרײַנד האַלט, אַז סטודירן רעכט
איז אַ קינדער־שפּיל קעגן די קאָפּ־ברעכערישע שווערקייטן פון
דער גמרא. מאַקסי האָט קיינמאָל ניט געלערנט אין א שול, חוץ
אינם רוסיש־פּויליש חדר, אָבער יעדן אָוונט נאָכן קומען פון
דער העמדער־פאַבריק, דאָט ער זיך געגרייט צו די עקזאַמענס
אין דער שול פון רעכט. בעת אין פאַבריק איז געווען שוואַך מיט
אַרבעט, האָט ער דעם גאַנצן טאָג פאַרבראַכט אינם הויכן־געריכט,
וואו ער האָט געהאַט מער פאַרגעניגן, איידער די אינגלעך אינם
צירק. ער איז איינער אליין אין אַמעריקע און האָט אַ חבר, אַ
קאַץ, מיט וועלכער ער מאַכט עקספּערימענטן. ער דערציילט מיר
אַז וואָס מער די קאַץ וואַרפט זיך און מיאוקעט, אלץ רואיקער
ווערט ער. נאָך א ווײַלע ריידן צו דער קאַץ, פאַרהיפּנאָטיזירט
ער איר מיט זײַן ווײַז־פינגער. ער דערקלערט, אַז ער וועט זײַן
א נײַער אַרט אַדוואָקאַט, אַ רואיקער אַדוואָקאַט, וואָס וועט מיט
זײַן רו און היפּנאָטישן ווירקן קאָנען באַאײַנפלוסן דעם שטרײַנגסטן
ריכטער... ער לייגט מיר פאָר צו אַרבעטן בשותּפות, ער מיינט
אַז מיר פּאַסן זיך אויסגעצייכנט איינער צום אַנדערן. איך זאָל
אויסשמעקן די געריכטס־ענינים, ארויסציען יעדן דאָלאַר, וואָס
עס לאָזט זיך נאָר ארויסציען און ער וועט די ענינים פאַרטראָגן
פאַרן געריכט. דער פּלאַן שײַנט צו זײַן גאָרניט קרום...

איך האָב מאָע לעווענסאָנען צוגעשאַרט אַ געשמאַקע שטיקל
אַרבעט און דערפאַר האָט ער מיר צוגעזאָגט צו שווערן, אַז איך

האָב אַלס געהילף געאַרבעט בא אים אין ביוראָ, וואָס האָט מיר פאַרשפּאָרט א גאַנצן יאָר.

פיליפּן זע איך ווייניק. ער רעדט קוים צו מיר! נאָר מאַנכעס מאָל וואָרנט ער מיר: „שטעק דיין נאָז אין די ביכער". ער האָט קיין צייט ניט צו ריידן. ער שטייט אויף מיטן טאָגליכט און קומט אַהיים שפּעט נאָך האַלבער נאַכט. זיינע אַמאָליקע פריינט, די דיסקוסיאָניסטן, האָבן זיך דערווייטערט פון אים. זיין געשעפט ווערט גערעכנט פאַר דער ערגסטער „שוויצקראָם". און וואָס נאָך ערגער איז, מען האַלט, אַז ער האָט איינגעפירט דעם סיסטעם פון שטוב־אַרבעט פאַר פרויען און קינדער.

באַרני פּין שוועבט דורך די גאַסן פון דער געטאָ ווי א אַ מעלאַנכאָלישער האַמלעט... איך קוק אים נאָך. איך האָב ניט לאַנג באַקומען די מערקווירדיקע ידיעה, אַז ער האָט געהאַלטן עקזאַמען אַפן ערשטן סעמעסטער פונם יורידישן פאַקולטעט פון דער קאָלומביא־אוניווערסיטעט; זיין הויכער וואוקס און עלטער מאַכן אים אומאַנגענעם אויפפאַלענד אין דער סביבה פון די דאָזיקע יונגטלעכע. אָבער איך האָב אים ניי־געריק באַטראַכט. ער איז פאַרליבט אין אסתרן, זי האָט מיר דערציילט. אַז פּין האָט אָנגעהייבן צו סטודירן רעכט בכדי צו קאָנען פאָרמולירן זיינע אייגענע רעפאָרם־געזעצן און כדי צו קאָנען פאַרטיידיקן אין געריכט די עניים פון די אָרימע.

נאָר זעלטן האָב איך א מעגלעכקייט צו פאַרבלייבן אַליין מיט אסתרן. זי לערנט אין לערערין־סעמינאַר. אין אָוונט אַף די טרעפן איז זי תמיד אַרומגערינגלט פון א חבריה מיידלעך און פון דייווין מיט אברהמען. לעצטנס איז צו דער גרופּע צוגעשמאַנען אויך באַרני פּין. איך בין איבערצייגט. אַז זיי זיינען אַלע פאַרליבט אין איר, און מיר קומען זיי פאָר ווי איינגאַרטיקע פאַרליבטע. זיי טוען גאָרנישט. דייווי ווערט אינספּירירט פון איר און זיינע לידער זיינען אומדירעקטע ליבע־דערקלערונגען. אברהם האַלט זיך אין הינטערגרונט, ווי ער וואָלט ניט וועלן שטערן דייווין. זיין האַלטונג קאָן מען באַצייכענען ווי א גלענצנדיקן בייש־

פֿיל פֿון נישט־עגאָאיסטישער חברשאַפֿט. איך ווייס שוין פֿון לאַנג, אַז זיין פּאָזיטיוו און לעבהאַפֿט איז נישט אין אברהמס כאַראַקטער. איך האָב שוין גענוג אָפֿט באַמערקט, אַז גוטמוטיקייט איז בלויז אַן אַנדער וואָרט פֿאַר ווייכקייט און שוואַכקייט... און באַרני פֿין האָט טיף אַריינגעקוקט אין אסתרס אויגן און האָט מיט אַ סך האָפֿענונג געשמועסט וועגן זיינע פּלענער, מיטן רויען מאַטעריאַל פֿון אייראָפּע אויפֿצובויען אַ גרעסערע און בעסערע אַמעריקע... אסתר איז זייער געטין, וואָס פֿאַר איר מזבח ברענגען זיי אַ קרבן זייערע אידעאַלן. זי באַגייסטערט זיי צו גרויסע פּלענער; איך האָב זי אָבער באַטראַכט נישט ווי אַ געטין, נייערט ווי אַ מענטשלעך וועזן. איך האַלט, אַז אידעאַליזם אין דער סימן פֿון אומפּייאיקייט. די אמתע טרייבקראַפֿט פֿונם לעבן זיינען צו האַרב פֿאַר זיי, און אַזוי חלומען זיי וועגן אַ לייכטערער עקסיסטענץ...

אָבער קיינמאָל האָב איך נישט געהאַט קיין געלעגנהייט צו בלייבן מיט אסתר אַליין. איך האַלט, אַז קיין פֿרוי קאָן מיר נישט ביישטיין, ווען עס איז נאָר דערצו פֿאַראַן אַ געלעגנהייט פֿון אָרט און צייט. אַמאָל שבת נאָכמיטיק האָב איך געזען, ווי אסתרס עלטערן זיינען אַוועקגעגאַנגען שפּאַצירן אויף איסט־בראָדוויי, דער שבתדיקער שפּאַציר־אָרט פֿון דער געטאָ. איך האָב געוואַרט, אָבער אסתר איז זיי נישט נאָכגעגאַנגען. איך האָב אָנגעקלאַפּט. זי עפֿנט מיר די טיר. איך בין אַריין, האָב הינטער מיר פֿאַרמאַכט די טיר. זי איז געווען איבעראַשט, ווייל כ'האָב זיך צו גיך אַריינגעדרייט, זי זאָל מיר קאָנען שטערן. איך האָב זיך נאָכגעפֿרעגט אויף איר פֿאָטער. זי ענטפֿערט, אַז ער איז נאָר וואָס אַוועקגעגאַנגען. איך קוק איר אָן. איר שיינקייט האָט מיך באַצוימט. איך בין געפֿאַלן אויף די קני. זי איז צוריקגעטראָטן. די בלוט האָט איר אַ שלאָג געטאָן אין האַלז... איר הענט האָבן אַרויפֿגעפֿלאַטערט צו אירע האָר. איך בין צו איר צוגעקראָכן אויף די קני, האָב אַרומגענומען אירע פֿיס און צוגעדריקט מיין קאָפּ צו אירע קני. זי האָט מיט שרעק געשעפּטשעט: „מאיר, — מאיר — וואָס טוסטו?“... אַזוי שטאַרק האָב איך צוגעדריקט אירע קני, אַז זי האָט געמוזט פֿאַר מיך זיך אַראָפּלאָזן. איך האָב

אַרומגענומען אירע הענט און זיך דערנענטערט צו איר פּנים. גוטסקייט... גוטמוטיקייט... דאָס בּאַטייט שוואַכקייט. זי האָט צו מיר גערעדט צערטלעך... און איר זילבּערגלעקל שטים האָט מיך נאָך מער אויפגערעגט. — איך האָב איר צוגעדריקט צו דער פּאָדלאָגע, האָרט איבּער איר צוריקגעבּויגענעם קאָפּ, האָב איך גערעדט מיט אַלע ליידנשאַפטן, וואָס האָבּן אין מיר געבּרענט... דאַן האָב איך דערהערט שטימען אַפן טרעפּ, שריט... דער פאָרזיכטיקער מאַן איז אין מיר וואַך געוועז, האָט מיך געוואָרנט פאַר א געפאַר... איך האָב איר אָפּגעלאָזן... זי האָט מיך פאַרוואונדערט אָנגעקוקט... מיט מיטגעפיל אפילו, דען זי איז געוועז אסתר. דאָס איז געווען איר ערשטע בּאַגעגניש מיט דער געוואַלט פון תאווה...

און מיט מיין גרויסן הונגער בּין איך געגאַנגען צו גרעטלען... איך האָב זיך געזעגנט מיט אסתרן... און מיין הונגער נאָך אסתרן איז נאָך גרעסער געוואָרן...

.4

מיך האָבּן בּאהערשט שלעכטע שטימונגען... איך האָב געמיינט, אַז אסתר ווייכט פון מיר, פאַראַכט מיך... אפשר האָט זי טאַקע מורא פאַר מיר. זי איז אַן אומשולדיקע און איך האָב אין איר דערוועקט די פרוי, איז דאָס געווען אַן אויפוואַכנדיקער פייער, וואָס איך האָב געזען צום ערשטן מאָל אויפפלאַקערן אין אירע אויגן, וואָס האָבּן זיך פאַרבּאָרגן הינטערן פיינעם פאָרהאַנג פון אירע אויגנלידער? ניין, ניין. זי אַליין דערלויבּט זיך ניט צו גלויבּן, אַז זי איז א פרוי. זי וויל בּעסער בּלייבּן דער פּלאַטאָנישער אידעאַל פון די בּעלי־חלומות — אידיאָטן. אָבּער זי איז דאָך אַ פרוי און איך האָב מורא, אַז זי וועט אָנקומען צו אברהמען, דעם שטאַרקן, שיינעם, בּאַריידעוודיקן און ליבּלעכן... אויך האָב איך געגלויבּט, אַז דאָס איז דייווי מיט זיינע בּלאָנדע לאָקן און זיינע וואָלקנדיקע בּלאָע אויגן, א מענטש וואָס איז ווי

צוגעפּאַסט צו דערוועקן די מוטערלעכקייט, שטאַמט פונם סעקסוס... און ווידער האָב איך געטראַכט, אַז איר וועט באַקומען באַרניי פּין, ער האָט דעם שטילן כאַראַקטער און די רו פונם ניט=אידן, מעלות וואָס אַפּעלירן שטאַרק צו דעם פּיינעם און עמאָציאָנעלן וועזן פון דער איסט=סייד מיידל...

ס'איז זונטיק פרי. דער קוואַרטעט פּראָבירט אין בערלס קעלער. איך מאַך מיט מעכאַניש. איך באַמי זיך, אַף על וואָלפּס אויפפאָדערונגען צו זיין לעבעדיקער, מיטצוהאַלטן דעם טאַקט... אָבער אַלץ איז אַסתּר. זי ציט מיך אָפּ פון אַלץ. איך ווער אין כּעס אַף איר: „זאָל זי גיין צו אַלדי"... איך דערמאָן מיך אָבער אירן אַ בליק, אַ רחמנות בליק... רחמנות — וואַרט דו נאָר — וואַרט, איך וועל אַף דיר קיין רחמנות ניט האָבן. רחמנות איז פאַרן שטאָלצן אַ שווערע באַליידיקונג. און איך שווער, אַז זי וועט נאָך פאַר מיר קריכן אַף אַלע פיר און בעטלען מיין ליבע. על סטודירט איין מיט אונז, ווי אַ מוזיק. בערל איז אַזש אין התפּעלות. ער האַלט, אַז ס'איז בעסער פאַרן קישענעווער כאָר. עלס פאָטער איז אַ חזן, און בּאַ אים האָט ער געלערנט איינשטעלן אַ כאָר. על האָט אָבער די שול פאַרביטן אַפן טעאַטער. דער פאָטער קאָן אים דאָס ניט מוחל זיין: סטיימש אַזאַ בזיון אַף די עלטערע יאָרן! וואָלף דערמאָנט, אַז שבת טרעטן מיר אויף אַף פראָבע אין דוץ ווילאַזש רעסטאָראַן.

סעם איז גליקלעך. דער חלום פון זיין לעבן ווערט פאַרווירקלעכט. תּיכּף ווערט ער אָבער אומעטיק. ער זאָגט: „זאָג נאָר, מאיר, וואָס זאָלן מיר טאָן? על ווייס ניט, אַז מיר האָבן ניט קיין געלט פאַר שמינקע און קאָסטיומען. מיר פאַלט איין אַ פּלאַן, מען זאָל נעמען עטלעכע חברה פון דער לודלאָוו סטריט, וואָס זאָלן אונז מאַכן די רעקלאַמע, בעת מיר וועלן אויפטרעטן אין רעסטאָראַן. מען דאַרף נאָר געבן די חבריה אַ ביסל געלט. זיי זאָלן קאָנען באַשטעלן משקאות און זאָלן עטלעכע מטבעות צוואַרפן אונז, די אַקטיאָרן.

בערל באַגריסט אַ נייעם גאַסט. דאָס איז לעווקאָוויטש, דער

אומדערמידלעכער, אַפּט געשלאָגענער אַרבעטער-אָרגאַניזאַטאָר, איצט דערפֿילט ער די שליחות פֿון העלפֿן זיין שכן. ער בעט בײַ בערלען אַ שטיקל קאַרטאָן. ער דאַרף דאָס האָבן איינצואָרדענען אַ לאָטעריי. עס פֿלעט זיך אַ גאָלדענער זייגער און דער ריינער ריוח גייט אַף העלפֿן אַ שווינדזיכטיקן מיטגליד פֿון דער יוניאָן. בין איך תּיכּף געפֿאַלן אַף אַ פּלאַן, מיר זאָלן אויך מאַכן אַזאַ לאָטעריי און כּלומרשט פֿלעטן אַ גאָלדענעם זייגער... די גאַנצע זאָרג איז נאָר דער פֿאַרקויפֿן פּלעטן, בפֿרט אַז קיין געווינס וועט בכלל ניט זיין...

איך זוך אויף בולקין און דערקלער אים, אַז איך האָב אַ פּלאַן, מיר ביידע זאָלן פֿאַרדינען אַ ביסל געלט און דערצו נאָך זאָלן אונזערע חברים דעם קומעדיקן שבת קאָנען פֿיין פֿאַרברענגען בײַ אַ גלעזל משקה אין דוץ ווילאַזש רעסטאָראַן. מיר מאַכן אַ לאָטעריי פֿאַר אַ קראַנקען פֿריינט. מיר פּלעטן אַ גאָלדענעם זייגער. פֿינף און צוואַנציק סענט אַ פּלעט. בולקי זאָל אַ לאָז טאָן זיין באַנדע מיט בילעטן צו די הויזבאַזיצערס, סוחרים, גאַסנהענדלער און אַזוי ווייטער. זיי ווייסן, אַז ס'איז קליגער מיט אים צו לעבן בשלום. פֿון צייט צו צייט מוזן זיי דאָך געבן שוצגעלט. דעם אַנדער מאָל וועלן מיר מאַכן אַ באַל, אָדער עפּעס אַנדערש. בולקין געפֿעלט אַזוי שטאַרק דער פּלאַן, אַז ער וויל זיך אונטערנעמען אַליין צו פֿאַרקויפֿן די בילעטן. אַף מאָרגן האָב איך אים געבראַכט די געדרוקטע קאַרטן און אין משך פֿון אַ פּאָר שעה האָט ער פֿאַרקויפֿט הונדערט מיט פֿינף און צוואַנציק שטיק. מיר האָבן זיך געטיילט מיטן געלט און בולקי האָט דערביי צוגעזאָגט שבת באַנאַכט אַליין צו באַצאָלן פֿאַר דער חבֿרה אין רעסטאָראַן.

סעם און איך האָבן פֿאַרבראַכט אַ גליקלעכן אָוונט בײַם האַנדלען פֿאַרשיידענע קאָסטיומען בײַ די אַלטוואַרג הענדלערס אין הוסטאָן סטריט. ליטל דזשאָע איז געגאַנגען מיט אונז און האָט געגנבֿעט אַן אויסגעצייכנטן באָרד פֿאַר סעמען, אַ זעלטענע פּאָר וואָנסן און אַ ציגענע בערדל פֿאַר מיר. ליטל דזשאָעס סיסטעם

פון גנבענען איז געווען וואונדערבאַר. ער האָט דירעקט באַם
פאַרקויפער אונטערן נאָז צוגענומען די זאַכן.

דער דוץ ווילאַזש איז אַ טייערער לאָקאַל, אין צוויי אָפּ=
טיילונגען. אויבן גלאַנצט דער שיין פון בּיליקער עלעגאַנץ לויטן
„גוטן גיַעשמאַק" פונם טאָג: ראָזע לאָמפּן, פּאַלמען, מיט טעפּיכער
אויסגעבּעטע דורכגיינג, טישטיכער, קעלנערס אין פראַקן און אַ
סטרונען=אָרקעסטער. חשודיק געקליידטע פרויען, צוגעפּאַסט צום
געשמאַק פון טאָג, זיי שוועבן פאַרבּיי די טישן, רוישנדיק מיט די
זיידענע אונטערקליידער און פאַרשפּרייטן וואָלקנס פון שווערע
פּאַרפום=ריחות; העפלעך און באַשיידן פרעגן זיי צו ס'איז אָנגע=
נעם זייער געזעלשאַפט... אין דער זעלבּיקער צייט שפּילט איינ=
געהאַלטן און העפלעך דער אָרקעסטער. וואָס איז באַהאַלטן ער=
גען אַף א באַלקאָן, ס'דערשיינט אַ טענאָר מיט אַ געבּראָכענער
שטים, און א שלעכט ארופגעזעצטן פּאַריק און מיט אָנגעוויקסטע
וואָנסן, און אַן אַלטע זינגערין, אַ שרעקלעך פאַרשנורטע פיגור,
וואָס האָט, ווייזט אויס אַ פאַרצווייפלטע זיך באַמיט צו באַמאָלן
אירע יאָרן מיט שמינקע; זיי קומען צוזאַמען אָדער באַזונדערס,
זינגען איבּערטריבּענע אַריעס... אונטן אָבּער, אינם רעסטאָראַן=
קעלער איז עס גאָר אַנדערש. דאָ זיינען ניטאָ, ניט קיין טעפּי=
כער, ניט קיין טישטיכער. דער קעלער מאַכט אַ בּיליקן און היי=
מישן איינדרוק. אַנשטאָט טענאָרן זיינען דאָ פאַראַן סאָפּראַנאָ=
זינגערינס און אַנשטאָט דעם סטרונען=אָרקעסטער זינגט מען דאָ
נעגערלידער און ס'לאַרעמט אַ דזשאַז=באַנד, וואָס באַשטייט פון
אַ פידל, אַ פּיאַנאָ און אַ גרויסע פּויק (דער עיקר איז די פּויק).
די מיידלעך, וואָס ליגן דאָ פאַר זייער געזעלשאַפט, זיינען ניט
אַזוי עלעגאַנט און ניט אַזוי וויכטיק, זיי זיינען אָבּער גוטמוטיק,
נאַטירלעך און אינם בּעסטן זינען פון וואָרט ניו=יאָרקיש. זיי זעצן
זיך צום טיש, פאַרשטייען א שפּאַס, מאַכן אַליין שפּאַס און טראָגן
זיך אָפּ צו אַ צווייטן טיש, בּעת זיי זעען, אַז זיי זיינען איבּעריק.
דאָ קאָן מען אינטים פאַרבּרענגען, ווי לאַנג די פּאָר סענט זיינען
פאַראַן. דער דוץ ווילאַזש ווערט קיינמאָל ניט געשלאָסן.

על האט באשטימט די צייט פון אונזער ערשטן אופטריט אף האלבער נאכט. ער האט געדארפט א פול-געפאקטן זאל און אן עולם, וואס זיין געשמאק איז א ביסל פארטעמפט... ער באווייזט אונז פרענטש לעוועל, וואס זיצט אין א ווינקל, און מיר זעען א שווערן מענטשן מיט א פעטן פנים מיט פארלאשענע אויגן.

די פויק הייבט אן צו קלאפן. על גייט ארויף אף דער בינע און הייבט אן: „מיינע דאמען און הערן"... עמיצער מיאוקעט. א צווייטער ניסט בכיון. א דריטער קוויטשעט ווי א קינד. על הויבט אוף די האנט... „לאזט אים דאך ריידן!" הערט מען דא און דארט. מייסטנס פון אונזערע פריינט פון דער לודלאו סטריט. „ער איז דאך אויסגעצייכנט"... על פארט ארויס מיט זיין דרשה און שרייט אריבער די צווישנרופן.

„אין נאמען פון דער דירעקציע האב איך דעם כבוד אייך היינט צו באווייזן א נייע אטראקציע, א סענסאציע. וועלכע די דירעקציע האט אנגאזשירט ניט אפשטעלנדיק זיך פאר די גרעסטע הוצאות און וואס מען באקומט בכלל היינט דעם ערשטן מאל צו זען. איך האב דעם כבוד אייך פארצושטעלן די „איסט-סייד פור", א קווארטעט טענצערס און קאמיקער מיט א סך נייעס אונטער דער פערזענלעכער דירעקציע פון על וואלף. מיינע דאמען און הערן, די „איסט-סייד פור" — פרייד-ברענגער פון די פירהונדערט, איך רוף זיי איצט ארויס פארצוברענגען זייער פראגראם". מיר זענען איינציקווייז ארויף אף דער בינע און זענען פארגעשטעלט געווארן יעדערער מיט זיין סצענישן צונאמען... די אפלאדיסמענטן האבן זיך תיכף אנגעהויבן, פארשטענדלעך אז פון אונזער חבריה, וואס האבן זיך צעטיילט איבערן גאנצן זאל. ס'האט אויסגעזען, אז אלץ גייט כשורה.

על זיצט זיך באם פיאנא און שפילט די איינלייטונגס-טאקטן צו סעמס טאנץ, צום גרויסן וואונדער פון די צוזעער, גרייט זיך סעם צו פאר אלעמען אין די אויגן, בעת ער הייבט זיך אן דעם בארד, טוט אן דעם קאמעדיאנטן-ראק און דריקט ארויף אפן אויער

דעם האַרטן הוט, לאָזט ער אין גאַנג אַן איריש־אידישן וויץ, וואָס איז אַריינגעפלאָכטן אין אַ מין געשיכטע, וועלכע על באַגלייט אַפּן קלאַוויר. נאָכדעם הייבט ער אָן זיין טאַנץ און זאָגט: „נו אָבער אויפגעפּאַסט. ניו־יאָרקס נאַציאָנאַל־טאַנץ — איריש־אידיש"... רווישנדיקע אָוואַציעס. דער שווערוואָגיקער טאַנץ, אַ מערקווירדיקער געמיש פון אירישן דזשיג מיט אַ אידישן טאַנץ, באַגייסטערט דעם עולם, און די לאַנגע אַפּלאָדיסמענטן מיט די געשרייען „דאַ קאַפּאָ" האָבן באַקרוינט דעם דערפאָלג. דער אורטייל איז געווען אַ גוטער. כדי צו געבן סעמען די מעגלעכקייט איבערצוכאַפּן דעם אָטעם, זינגט דער כאָר „פּעדי ריילי דעז דזשואיש ווידינג דאַנס", מוזיק פון סעם ראַקאָווסקי, ווערטער פון על וואָלף... דווערנדיקע אַפּלאָדיסמענטן. אונזער קוואַרטעט איז געווען באמת גוט איינסטודירט און גלענצנדיק איינגעשטימט, און דער עפעקט פון גלאָקן האָט גאָר געמאַכט אַ טיפן רושם אַף אונזערע צוהערער, ווייל ניו־יאָרק איז דאַמאָלסט געווען משוגע אַף קוואַרטעטן... דער פּיקלער און פידלער האָבן אויפגעכאַפּט די לייכטע מעלאָדיע, וואָס איז אין עצם באַשטאַנען ניט מער ווי פונם אירישן רייל און דעם אידישן כּשר־טאַנץ, זייער פלינק אַראַנזשירט און צוגעפּאַסט. סעם האָט ווידער אַמאָל געטאַנצט, און אַז ער האָט זיך אַוועקגעלאָזן אין דעם קאַפּבּרעכערישן געדריידל איז דער עולם אַריין אין אומבאַשרייבלעכער התפעלות. פאַר דייוויס אויפטריט האָט על געשפּילט אַן אינטראָדוקציע. דייווי איז לחלוטין ניט געווען געשמינקט, נאָר זיין צאַרטע שיינקייט און דער עפּירישער אויסדרוק אַף זיין פּנים האָט אויסגענומען. דייווי האָט אָנגעהויבן צו זינגען. זיין ריינע, פולע און קלינגעדיקע שטים האָט געבראַכט דערצו, דער עולם זאָל אַנטשוויגן ווערן. ער האָט געזונגען אַ סענטימענטאַלע באַלאַדע, אַ מוטערליד. ער האָט אין איר אַריינגעלייגט אַ סך צאַרטקייט און געפיל. אַזוי אַז עס האָט שטאַרק צענומען דעם עולם, באַזונדערס ווען ער האָט איר פּלוצלונג איבערגעהאַקט מיט אַ שלוכצן — עלס אַן איינפאַל. די געקלאַפּעריי אַף די טישן און דער טופּן מיט די פיס האָט באַוויזן אַף אונזער גרויסן דערפאָלג... היי רובין האָט שיִעור ניט

אַרײַנגעבראַכט דעם עולם אין אַ היסטעריקע, בעת ער האָט זיך באַוויזן אַף דער בינע אין אַ דאַמענהוט און קלייד. פון אונטן האָבן זיך אַרויסגעזען זײַנע הויזן. ער האָט געטראָגן אַ מאַרקקערבל. זײַן דריבנער גײַנגל און קוויטשיקע שטים זײַנען געווען אויסגעצייכנט. ער האָט געזונגען אַ ספּעציעל צוגעשניטענעם לידל, וואָס זײַן אינהאַלט קאָן מען ניט איבערגעבן אפילו אין אַן אָפּנהאַרציקן בוך. איך בין געווען דער מחבר פונם טעקסט, צו וועלכן כ׳האָב צוגעפּאַסט אַ מעלאָדיע, וואָס איז צו יענער צײַט געווען זייער פּאָפּולער. די ליד האָט געהייסן: „אַז ס׳איז אײנמאָל געשען, וועט עס נאָכאַמאָל געשען". און הײַמי האָט עס אַרויסגעזאָגט אין אַזאַ יאַמערלעכן טאָן, אַז ס׳איז געווען אָן אַ שיעור קאָמיש. נאָכדעם איז ער זיך דורכגעגאַנגען צווישן עולם, וועלכער האָט זיך ממש מחיה געווען. איך גופא האָב קיין סאָלאָ־נומער ניט געהאַט. איך בין געווען בלויז דער באַס אינם כאָר. מען האָט אונז באַשאָטן מיט מטבעות. מען האָט אונז פאַרבעטן מיטצוטרינקען און ענדלעך האָט אונז על געבראַכט אַ פרײלעכע בשורה פון פרענטש. מיר זײַנען געשפּרונגען פאַר שמחה: פון מאָנטיק אָן זײַנען מיר אײַנגעלאַדן אַלס באַשטענדיקע זינגענדיקע קעלנערס.

אונזער עובדה איז באַשטאַנען אין דעם, אַז בעת די אַנדערע נומערן האָבן מיר זיך געמוזט אַרומדרייען צווישן עולם און „אַרבעטן פאַרן לאָקאַל", דאָס הייסט, אַז מיר האָבן געדאַרפט באַשטעלן טײַערע משקאות פאַר די געסט, וואָס האָבן אונז פאַרבעטן צו די טישן. סעם און הײַמי זײַנען געווען שכּור און אַז ס׳האָט אָנגעהויבן צו טאָגן, האָבן מיר זיי געמוזט אוועקלייגן הינטערן פּיאַנאָ כּדי זיי זאָלן קאָנען זיך אויסשלאָפן און אויסניכטערן. על איז געבליבן בײַ די ביר און איז געווען ניכטער. איצט האָבן מיר זיך אויך דערוואוסט דעם סוד, ווי אַזוי ער האָט פאַר אונז געקאָנט באַקומען דעם אָרט צו מאַכן די ערשטע פּראָבע. מאַצי לאָן, די ערשטע זינגערין, איז אין אים געווען פאַרליבט. מאַצי לאָן, וועלכע איז שוין געווען היבשלעך שכּור האָט יעדערן אָן אַן אויפהער געפרעגט, קוקנדיק מיט באַגײַסטערונג אַפן פעטן, פײַכטן

און שוויסיקן על: „איז ער ניט קאָלאָסאַל? איז ער ניט קאָלאָסאַל?"
אינם לאָקאַל האָט אויך ארומגעוואנדערט אהין און צוריק אַ מיידל,
וואָס האָט מיר שטאַרק דערמאָנט אסתּרן. איך האָב באמערקט,
אַז זי איז פאַרליבט אין דייווי. זי האָט געהייסן בילי. זי האָט זיך
שוין אָפּגעזאָגט פון אַ פּאָר איינלאַדונגען אַף אַ גאנצע נאַכט און
האָט זיך געדרייט ארום דייווין, איר ענלעכקייט צו אסתּרן האָט
צעפּלאַקערט מיין אייפערזוכט אַף דייווין. דייווי איז אָבער געווען
אינגאַנצן מטושטש אין דער דאָזיקער סביבה. אַ פלאש ווייַן, וואָס
ער האָט געטרונקען, האָט פארשפּיצט זיינע אויגן. ער האָט בילין
קוים באַמערקט. זי איז געווען זייער באַליבט. זי האָט זיך איינ-
גערעדט, אַז דייווי באמערקט איר ניט בכיון און ער וויל איר
באַליידיקן. אַ צערייצטע האָט זי אים געוואָרפן אַ גלאָז אין פּנים.
א גלאָז איז אַראָפּגעפאלן פון טיש און צעבראָכן געוואָרן אַף דער
פּאָדלאָגע. דער קלאוויר איז שטיל געוואָרן, א פארשכּורטע
שטילקייט האָט זיך געפילט איבערן לאָקאַל. עס איז שוין געווען
אין יענע פרימאָרגן-שעהן, ווען אַפילו די שרייענדיקע שכּורים
הייבן זיך אָן צו שעפּטשען. דייווי האָט זיך אופגעהויבן, האָט
אויסגעצויגן זיין האַנט און געפרעגט מיט אַ בעטנדיקער שטים:
„וואָס האָב איך דיר דען געטאָן?" בילי האָט זיך פאַר אים אַף
די קני געוואָרפן: „דאָס האָב איך ניט געוואָלט... דיין גאָלדענע
שטים האָט מיך משוגע געמאַכט"... דייווי האָט איר אופגעהויבן
און אוועקגעזעצט אַף א שטול נעבן זיך. גערעדט האָט מען אַף
בילין, אַז זי איז א מאָל געווען געריירט פון זינגען, זי שטאמט
פון א גוטער פאמיליע, אז זי האָט צופיל טעמפּעראמענט און
אייגנזיניקייט אַף צו זיין א גאסן-פרוי... חוץ דעם האָט זי אפילו
ניט קיין „באשיצער"... די אנדערע נקבות האָבן אַף איר חשבון
געמאַכט פארשיידענע באמערקונגען. זיי האָבן מקנא געווען איר
שיינעם פּנים און עלעגאנטן ווערן... אבער מער פון אלץ האָט זיי
גערייצט, וואָס די בעסטע באזוכער, וואָס האָבן באמת געפּטרט
געלט, האָבן געזוכט צו פאראינטערעסירן בילין... בילין האָט מען
ערשט אָנגעהייבן צו באמערקן. בולקי איז געווען שטארק שכּור.
ער האָט זיך געפּרואווט צושדכנען צו בילין. דאָס איז אים

אָבער ניט געלונגען און ער איז געווען בייז. ער האָט זיך צוגעשלעפּט צו איר און אָנגעהייבן פרעגן, וואָס אייגנטלעך האָט זי געוואָלט דערמיט, וואָס זי איז אָנגעפאלן אף איינעם פון זיינע חברים. ער האָט געזאָגט, אז ער האָט גרויס חשק איר דערפאר צו רייבן א מאָרדע. בילי האָט געעפנט איר האנט-טאש, האָט ארויסגענומען א קליינעם רעוואָלווער און האָט געזאָגט קאלטבלוטיק: „פּרוּאוו נאָר אָקאָרשט, דו פאָרלעץ". דייווי איז געווען אומגליקלעך. ער האָט זיך געבעטן, עס זאָל זיין שלום, ער האָט דערקלערט, אז דאָס האָט קיין שום באטייט ניט. און בילקי האָט זיך צוריקגעצויגן פארן רעוואָלווער, זאָגנדיק: „נו, גוט, קוים זאָגט מיין פריינט, אז אלץ איז אין אָרדנונג, זאָל עס דערביי בלייבן". איך האָב זיך צוגעקוקט מיט נייגיר, וואָס וועט ארויסקומען פון א ריינעם אידעאליסט-אין די הענט פון א פארליבטער נקבה. דייווי האָט געטרונקען נאָך א פלאש וויין, בילי האָט געזופּט אבסענט. זי האָט זיך באשטעלט א צווייטן, בעת דייווי האָט געטרונקען זיין צווייטע גלאָז. בילי האָט אריינגעגאָסן די אבסענט ניט-געמישט. די בלאסקייט פון איר פנים איז געוואָרן נאָכמער אופפאלנד. אירע דינע ווייסע פינגער האָבן זיך אומרואיק באוועגט אפן טיש. זי האָט געבעטן דייווין, ער זאָל זינגען. דער וויין האָט אים געשלאָגן אין קאָפּ. ער האָט געזונגען: „טרינק מיר צו, נאָר מיט דיינע אויגן". בילי איז געווען אויסער זיך פון אנטציקונג און אירע אויגן האָבן זיך אָנגעפולט מיט טרערן. און דייווי האָט ווידער און ווידער געזונגען, וואונדער איבער וואונדער, שובערטס א ליבע ליד, וואָס האָט ווילד געמאכט דעם עולם פון באגייסטערונג. על האָט געמאָנט, אז דער עולם איז גענוג שכור, כדי אים זאָל געפעלן ווערן אלץ, וואָס עס זינגט דער, וואָס האָט זיין הארץ געפאנגען בעת ער איז נאָך געווען ניכטער.. און בילי האָט געטרונקען אבסענט... די אנדערע מיידלעך האָבן גערעדט: „פאסט אויף אף איר, ווען זי נעמט זיך צום אמתן שכורן, זי ווערט דאמאָלסט משוגע". איך האָב געטרונקען מיין וויסקי ניט געמישט, ווי אן אלטער טרינקער. איך האָב באמערקט, אז ער מאכט מיך בייז און מרה-שחורהדיק. איך האָב געטרונקען

די משקה אָן וואסער, ווייל כ'האב געהאָפט, אז דאָס וועט מיך אופמונטערן; אנשטאָט דעם האָבן אָבער מיינע געדאנקען ווי אָנ־געגליטע נאָדלען מיך ארופגעפירט אף אסתרן. איז דאָך אויך דאָ געווען בילי, וואָס האָט מיך דערמאָנט אָן איר... איך האָב זיך צוגעזעצט צו דייוויס טיש. ער האָט פאר בילי רעציטירט וואלט וואיטמען. זי האָט זיך צוגעהערט מיט א פלאמעדיקן פּנים. און דייווי האָט איר דערקלערט וואלט וואיטמען, ער האָט איר פאָר־געלייענט וואיטמענס א ליד וועגן א גאסן־מיידל... און בילי האָט געזופט איר אבסענט, און איך האָב געגאָסן מיין שטארקע משקה, בעת דייווי האָט געשעפטשעט וועגן דעם, וואָס פאר א דיכטער ער וועט א מאָל ווערן...

דאָס איז געווען די מיאוסטע שעה. די קעלנערס זיינען באשעפטיקט מיט זייער' פרישטיק. אנרי מעקעלהיימער, דער באַ־לעבאָס, קומט און ציילט דעם פדיון, ס'איז פרימאָרגן. די לופט ווערט קלערער. די שטים פון א יונגע מיידל קלינגט: „פאפאי"... מעקעלהיימערס שטים ענטפערט: „אָט בין איך, אונטן"... א פלאקסהאָריקע מיידל דערשיינט, מיט פרישע אויסגעשלאָפענע אויגן. דאָס איז הענריעטע מעקעלהיימער. איך קוק איר אָן און וואונדער זיך, וואָס אזא בלום קאָן וואקסן אף אזא מיסט. די מעקעלהיי־מערס וואוינען איבערן דויז־ווילאזש... אָבער כ'האָב הענריעטע מעקעלהיימער ווידער געזען מיט צוואנציק יאָר שפעטער. מען האָט זי פאָרגעפירט פאר מיר אפן געריכט. זי איז באשולדיקט געווען אין בארויבן א מאַן. זי איז געווען אָן פריינט, אָן א היים און אָן געלט און א האָפענונגסלאָזע מאָרפיניסטקע. איך האָב זי אָפּגעשיקט אין מלוכה־תפיסה...

מען האָט אָנגעהייבן אויסצוקערן, און מיר האָבן אופגעוועקט היימי און סעמען, זיי ארייגעפאַקט אין א קעב און נאָכגעפאָרן אַף א דראָשקע. בילי האָט אונז נאָכגעקוקט און ווען די דראָש־קע האָט זיך גענומען רירן האָט זי אונז נאָכגעשריען: „געדיינקט, באָיס, מיר טרעפן זיך אונטן בא פרענטש לעווע׳לי".

איך האָב באמערקט דייווין: „זי וויל דיך זען, מער קיינעם

ניט׳. די אײפערזוכט האָט מיך געקוועלט. דײווי האָט געענטפערט: „איר געפעלט אונזער ארבעט... ס׳וועט מיך פרײען איר װידער צו זען״...

.5

מאָנטיק אינדערפרי האָט אונז על געווין דעם וועג ארונ־טער צו דער בויערי־סטריט. איבער א לאַנגען וועג פאַרבײ קניי־פּעס, אכסניות, צוויסענט־קאָפּע־לאָקאַלן, אלטוואַרג־קראָמען, מיסיאָ־נען און געשעפטן מיט אַלטע שיך... אונטער אונזערע פיס איז גלאַט פון אויסגעשפּײגענע טאַבאַק־זאַפט. יעדערער שפּײט. באַנ־דיטן שאַרן זיך אין די טירן פון די אַכסניות און אַף די ווינק־לען. שנאָרערס קוקן אוים צוזאַגנדיקע געשטאַלטן. פאַלשע קאַלי־קעס און בלינדע באַטן אָן בלײפעדערס און שיך שנירלעך. א שכור מורמלט פאַר זיך, אַ צווײטער האַלט אַ רעדע, אײנער זינגט, אײנער שילט. און אַן אַנדערער ליגט אַפן טראָטואַר. נאָר קײנער מאַכט זיך ניט וויסנדיק. מאַטראָזן, נײגעריקע, לא יוצלחס, פײערלעשער, באַנדיטן און נקבות שטײען ארום אַפן טראָטואַר, יונגען פון לאַנד צעריסן און הונגעריק, גליקזוכער. וואָס זײנען אַרונטערגעקומען אין דער גרויסער שטאָט, און מידע אַרבעטס־לאָזע מענער וואַנדערן פון ערגעץ אַרום אין דער דאָזיקער לאַנד פון די האָפענונגסלאָזע... דאָס איז דער אָפּפאַל פון שטאָט, איר מיסטקאַסטן... באַם פּארק ראָו, דער המשך פון באָיערי, באַ דער דאָווער סטריט, וואו עס הײבט זיך אָן צינאַטאון, דאָ איז פּרענ־טשי לעוועלס טאַנץ־לאָקאַל.

פּרענטשיס באַרקיפּער וואַרט אף אונז און פירט אונז אריין אין טאַנץ־זאַל. ס׳איז פינסטער ווי אין אַ גרוב. נאָר אינם ווײטסטן ווינקל איבערן פּיאַנאָ ברענט א טריבער, בלאָלעך־געלער גאַז־פלאַם. איבערן פּיאַנא בויגט זיך א פּליכעוואַטער קאָפּ מיט אײנ־צעלנע בינטלעך פאַרווילדעטע ווײסע האָר. א פולע גלאָז בראָנפן שטײט אַפן נאָטן־שטענדער. דער קאָפּ איז פולקום אומבאַוועגלעך.

די הענט קריכן טאָנלאָז, זוכנדיק איבער די קלאַווישן... א פּאָר צוועקלאָזע נאָטן; און ווידער שטיל. די טיר פאַרמאַכט זיך הינטער אונז. ס'הייבט אָן שפּילן די מוזיק... על שעפּטשעט: „וואַרט אַ ביסל. ער ווייס ניט, אַז עמיצער איז דאָ פאַראַן, ער וועט שפּילן ווי איר האָט אין אייער לעבן ניט געהערט, אָ, גאָט, קאָן ער שפּילן!"... די מוזיק — וואַסער טראָפּנס אַף אַ שטילן טייך; לויפנדיקע טעמעס, וואָס טוּכן אוף, פאַרשווינדן; קראַכנדיקע קאַדענצן פון פאַרצווייפלונג; כעס, פּראָטעסט; פאַנטאַסטישע שטימונגען; זיך בייטנדיקע אופשוואונקען, קאַלט, ביטער, זיך פארגעסנדיק; און ווידער וואַסערטראָפּנס אַפן שטילן טייך... דיווי איז צערודערט, ער זאָגט: „איך ווייס וו(אָ)ס ער טוט: ער טראַכט איין מוזיק"..

דער באַרקיפּער גייט צו, ער ברייננט אַ גלאָז בראָנפן. „אַ ביסל אייל פאַר דער קאַטערינקע", דערקלערט ער. מיר גייען צו צום פּיאַנאָ, דער אלטער מאַן טרינקט אוים זיין ווישקי, און דער באַרקיפּער שטעלט אַוועק אַ פולע גלאָז אַפן נאָטן־שטענדער... דאָס איז, הייסט עס, דער באַרימטער „פּיאַנאָ אָ' בריען", וועלכן על האָט אונז אַזוי שטאַרק פאַרליבט. ער דאַרף ניט קיין נאָטן, ווישקי איז פאַר אים נאָטן, און ער שפּילט ניט, ביז מען שטעלט ניט אוועק א פולן כוס.

פּיאַנא א' בריען הויבט זיך אוף, באַגריסט אונז לייכט פאַרבויגנדיק פון זאָגט: „גוט מארגן, מיינע הערן, איך האָב געוואַרט אַף אייך"... על דריקט אים די האַנט און שטעלט אונז פאָר... דעם אוונט האָבן מיר אָנגעהייבן צו ארבעטן אלס „זינגעדיקע קעלנער".

די קונסט פון די „זינגעדיקע קעלנער" איז א שווערע. זי באַשטייט אין זינגען אַ ליד, בעת עס ווערן אָפּגעטאָן גלייכצייטיק אַ טוץ אַנדערע זאַכן: באַשטעלונגען, באַפעלן, באַדינען, בייטן, קאַסירן, אַפּרוימען, דאָס אַלץ מוז ערלייִדיקט ווערן בעתן זינגען, מען האַקט איבער אַ ליד, בעת מען מוז איבערגעבן אַ באַשטעלונג, נאָכדעם מוז מען ווידער אָנהייבן אַפן זעלביקן אָרט, וואו מען האָט איבערגעהאַקט, בעתן סאַמע האַרצרייסנדיקן אָרט אינם

ליד מוז מען איבערדרייסן, כדי אויסצובייטן א צוויי דאָלאַר־שיין, אויסרעכענען וויפיל דער באַזוכער איז שולדיק, געבן אויסגאָב, באַקומען טרינקגעלט. לויפן צום נאָענסטן טיש, אים אָפּווישן, אָפּטראָגן די אויסגעליידיקטע כוסות, אריינשרייען אַ נייע באַשטעלונג דורכן קליינעם פענסטערל אין וואַנט, איבערגעבן דעם פאַרוואַלטער די נויטיקע מאַרקעס, באַגריסן מיט אַ שמייכל אַ באַקענטן באַזוכער, אַ וויץ באַגלייטן מיט א געלעכטער, זיך בויגן פאַר אַ מטבע, וואָס עמיצער האָט באַקומען אַלס אָנערקענונג פאַר דער קונסט פון זיין זינגען. און בעת עס קומט די ריי צום צווייטן רעפריין, נעמען מיר זיך ווידער אלע פיר צום קווארטעט, ניט געקוקט אף דעם ווי ווייט מיר זיינען אַוועק איינער פונם אַנדערן.

פיאַנאָ אָ'בריענס געשיקטע סיגנאלן האַלטן אונז צוזאַמען. ער איז מער איידער אַ באַגלייטער. ער איז אונזער פירנדיקער זשעניע, ער באַגלייט יעדע באַוועגונג אונזערע מיט טעלעפּאַטישע אַקאָרדן. און אזוי זיצט ער במשך פון דער גאַנצער נאַכט, לייכט אַריבערגעבויגן באַגלייט ער די זינגערס, שפּילט אַ רוּאיקן אָדער אַ ווילדן צווישנשפּיל, גייט מיטן פידלער, דעם קאָרנעט און דעם פייקלער. און זיינע אויגן זיינען ווי פאַרטרונקען פונם אייביקן קוואַל פון ווישקי, וואָס שטייט אפן נאָטן־שטענדער. שוין אַ סך יאָרן ווי ער איז שטענדיק פאַרשכורט, אָבער קיינמאָל ניט שכור. זיינע קליינע אויגן זעען אויס, ווי ווייכע מושלען געווייקט אין בראַנפן. זיינע דינע ליפּן זיינען צוזאַמענגעצויגן אין אַ שמאָלע פּורפּור־ליניע. זיין הויט איז איינגעקאָרטשעט ווי בײַ אַ מומיע. נאָר זיינע הענט זיינען באַוועגלעך און ווי צוזאַמענגעוואַקסן מיט דער פיאַנאָ. פאַר דער וועלט עקזיסטירט ער ניט, ער איז בלויז אַ טייל פונם פיאַנאָ. דערפאַר הייסט ער פיאַנאָ אָ'בריען. ווער ער איז — ווייס קיינער ניט. פון געציילטע ווערטער, געזאָגטע בײַ פאַרשיידענע געלעגנהייטן, לאָזט זיך גלויבן, אַז ער איז געווען אַ יעזואיט... אָבער דייווי סאָלאָמאָן האָט דערוועקט די פונקען פונם מענטשן, וואָס ער איז אַמאָל געווען. אין דייווי האָט ער באַגעגנט אַ מענטשלעכן פילן, און דאָס האָט אַראָפּגענומען פון אים די

חתימה פון אייביקן שווייגן... איינמאָל האָט ער גערעדט העברע־איש, דעם אָן־פעלערדיקן העברעיאיש פון א געלערנטן... דער תמיד נייגיריקער היימי האָט אים באַגריסט אין איטאַליעניש. און אָ׳בריען האָט זיך צורעדט אַפן אַלטן קלאַסישן לאַטייניש. מאַקסי פריינד, וואָס פלעגט מיר מאַנכעס מאָל באַגלייטן אַף די פראָבן, האָט זיי־ער געאַכט לאַטייניש, ווי די שפראַך, אַף וועלכער די געזעצן זיינען געשאַפן געוואָרן, האָט ער די באַזוכן פארוואנדלט אין גרינטלעכע לערנען לאַטייניש. אָ׳בריען איז געווען א גלענצנדיקער לערער. סעם, וועלכער האָט ביז דאַמאָלסט בלויז געקאָנט סטאָל־פערן מיט צוויי פינגער אַף דער פיאַנאָ, האָט זיך געלערנט שפילן מיט אַלע פינגער. אויך דאָ האָט צוגעהאָלפן אָ׳בריען.

די וועלט קומט צו לאוועל — א וועלט פון מענער.

די מזרח־זייט און די מערב־זייט אופטאָן און דאָונטאָן, האָט אַהערצו געצויגן, איינציקווייז און אין פריילעכע קאָמפּאַניעס.

די הויפּט אַטראַקציע זיינען, נאַטירלעך, געווען די מיידלעך, וואָס האָבן זיך געדרייט צווישן די טישלעך, ווי א זעלטענע גיר־ליאַנדע פון מערקווירדיק געפלאָכטענע, גרעלע־בלומען. די דאָזיקע גירליאַנדע איז צעריסן געוואָרן דורך דער שמוץ פון א סך גאַסן... דאָך בלומען בלייבן בלומען... אַפילו ווען זיי ווערן צע־דריקט און פאַרוועלקט, באַשמוצט און גייען פון האַנט צו האַנט. אַפילו ווען זיי בליען שוין מער ניט ווי א מאָל, איז נאָך אין זיי עפּעס פאַראַן פונם פריערדיקן אַראָמאַט און שיינקייט... איצט זיי־נען דאָס געווען די אַרונטערגעקומענע בלומען פון דאָונטאָן, וועל־כע די חשובע אופטאָן האָט אוועקגעוואָרפן. שפּעטער האָט זיי אַראָפּגעשווינקט דער וואַסער פון די שמוץ־קאַנאַוועס אין דער 14־טער גאַס, נאָכדעם זיינען זיי פאַרוואָרפן געוואָרן אין דער בויערי־און אינם לאָוועלעס לאָקאַל, ביז זיי קומען אַוועק אין די אָפּפאַל־קאַסטנס פון פייף־פּלאַניטס, מולבערי בענד און די הינטער־צימערן פון די שפּיטאָלן. דער קבר אַף פּאָטער פילד איז זייער לעצטע סטאַנציע...

אין לאַוועלעס לאָקאַל איז געווען לוסטיק. מען האָט זיך פריילעך געמאַכט אויך מיט אונזערע צווידייטיקע לידלעך און שמוציקע וויצן.

עס איז פרימאָרגן, די שעה ווען מען דאַרף אַוועקגיין. די ליכט זיינען פארלאָשן געוואָרן, חוץ איינע איבערן קלאַוויר. דאָ און דאָרטן איז א פארשכורטער איינגעשלאָפן איבערן טיש. אַן אַלטע כינעזערין קומט, מיט אַן אויסגעבלייכטן פנים און קינדישער פיגור, זי וואַרט באַשיידן נאָענט באַ דער פיאַנאָ. דאָס איז אָ.בריענס פרוי. וואָס קומט פינקטלעך יעדן פרימאָרגן אָפּצונעמען איר מאַן. אָ'בריען איז כמעט בלינד. דייווי פארבויגט זיך פאַר איר און זי — פאַר אים. א שטול ווערט צוגעשאַרט; גיכע, קאַצנווייכע טריט, און בילי דערשיינט. אירע אויגן זיינען ווי שטערן אינם נעפל און איר פנים האָט די שטראַלנדיקע ווייסקייט פון דער זונדורכגעלייכטער מאָרגנלופט.

בילי קומט צו. זי שטעלט די פראַגע, וואָס זי פרעגט יעדן פרימאָרגן: „דייווי, גייסטו מיט מיר אהיים?"... די פראַגע מאַכט מיך תמיד לאַכן אין זיך. יעדער מענטש האָט אהיים. אפילו בילי, די טעמפעראַמענטפולע נקבה. איר היים — אוודאַי אַ נאַקעטער צימערל ערגעץ וואו אין העלם קיטשען. און יעדן פרימאָרגן ענטפערט דייווי גוט און געדולדיק: „מיין מוטער, בילי. כ'קאָן מיין מוטער ניט לאָזן אליין"... איצט פרעגט זי: „מיינסט עס ערלעך, די פאָרצעליינער יעזוס; מיינסט עס ערלעך, אָדער דו פירסט מיך פארן נאָז?"... דייווי לאַכט צערטלעך און גייט צו נאָענט צו בילין. זי קוקט אים אַריין אין די אויגן און אירע ברעמען פלאַטערן. אירע הענט פרעסט זי צו צום ברוסט. דייווי וואָס האָט זיך באַפרייט פון דער גאָט־אידייע, האָט איר פארביטן מיט אַן אַנדער אידייע, ווי מיר טוען דאָס תמיד. זאָל געשען מיטן גוף, וואָס עס וויל, די נשמה אָבער בלייבט ריין... דייווי האָט גענומען בילין אונטער אָרעם און זאָגט: „גלויב מיר, בילי, איך ליב דיך"... עס איז געווען זייער פשוט. דייווי האָט געליבט בילין, ווייל זי האָט זיך אין אים גענויטיקט... בילי האָט פאַרוואָרפן איר

אָרעם איבער זיין נאַקן און האָט ליידנשאַפטלעך געשעפּטשעט: שטעל מיך אַף דער פּראָבע, דייווי. איך טו אַלץ פאַר דיר. שטעל מיך אַף דער פראָבע, דייווי".

.6

דער ראַגטיים־מאָטיוו האָט געהאַט גרויס דערפאָלג. פון דער שיקאַגער אויסשטעלונג האָבן זיך די סינקאָפּירטע ריטמען פאַר־שפּרייט איבער גאַנץ אַמעריקע. דער נעגער האָט געשאָנקען אַמעריקע זיין מוזיק. באַלד האָבן אָבער די ווייסע אָנגעהייבן צו גנבענען דעם נעגערס מוזיק און געמאַכט פאַר זייער אייגנס. קולטורעלע מענטשן האָבן איר פאַראַכט. באָסטאָן, וואָס איז נאָך דאַמאָלסט געווען דער צענטער פון קולטור, האָט זיך פאַרשטאָפּט די אויערן. מוזיקער, וואָס האָבן זייער קונסט געשטעמפּלט פאַר אַ רעליגיעזער דאָגמע, האָבן מיט שרעק און עקל פּראָטעסטירט קעגן דעם. די אויסדערוויילטע, גוטדערצויגענע און איידעלע האָבן פאַראַכט דעם ראַגטיים און פאָרויסגעזאָגט זיין גיכן סוף. ראַגטיים האָט אָבער פאַרמאָגט די לעבעדיקייט פון פאָלקס־מוזיק, און די גאַנצע לאַנד האָט געזשומעט, געזונגען, געפיפן און געטאַנצט און זיך געריסן צו נאָך ווילדערע ריטמען און מעלאָדיעס.

דער ראַגטיים־געטומל האָט מיטגעהאָלפן, אַז לאַוועלעס לאָקאַל איז אלע נאַכט געווען געפּאַקט. איך האָב זיך באַמיט צו איבערצייגן לאַוועלן, אַז דעם גרויסן דערפאָלג האָט ער צו פאַר־דאַנקען די זינגעדיקע קעלנערס, זייער אויסגעצייכנטער אַרבעט מיט די סך נייסן און אויסבעסערונגען, וואָס האָבן זיינע ערגסטע ציימן אין יאָר פאַרוואַנדלט אין די בעסטע. די „חשובע וועלט". פרויען און מענער אין אָוונט־טואַלעטן, זיינען כסדר אַלץ מער און מער געקומען. זיי זיינען אופגענומען געוואָרן ווי גוטע געסט, ווייל זיי האָבן זיך געלאָזט קאָסטן אַ סך געלט. אַף מיין פאָר־שלאַג האָט לאַוועל פאַר זיי געדרוקט ספּעציעלע וויין־קאַרטעס מיט העכערע פרייזן, צו דער זעלביקער צייט האָב איך מיט עלן

איבערגענומען די דירעקציע פונם לאָקאַל אפֿן יסוד פֿון א פּראָ־צענט־חלק, על האָט פֿאַרוואַלטעט מיט די אַרטיסטן, און איך האָב זיך פֿאַרנומען מיט די איבעריקע ענינים.

על האָט באַאַרבעט דעם אָרקעסטער: ער האָט פֿון יעדן מוזיקאַנט געמאַכט אַן אַרטיסט. ער האָט באַוויזן דעם פּויקלער, ער זאָל דעם שלאָג־שטעקל וואַרפֿן אין דער לופֿטן און אים צוריק כאַפּן, ניט פֿאַרלירנדיק קיין איינציקן טאַקט. ער האָט אויסגעלערנט דעם קאָרנעטיסט צו מאַכן פֿאַרשיידענע קערפּער־באַוועגונגען בעת ער בלאָזט אין אינסטרומענט. ער האָט צוגעטראַכט אינטערעסאַנטע עפֿעקטן און קונצשטיק. דעם פֿידלער האָט ער אָנגעטאָן אין אַ רויטן ראָק, ווי א ציגיינער. די נייע מוזיק האָט פֿאַראורזאַכט א נייעם טאַנץ. על האָט דערפֿונדן דעם „באָיערי־ווריגל“, א טאַנץ מיט עקסטאַטישע ריטמען, וואָס פֿון אים האָבן זיך נאָכדעם אַנטוויקלט דער „טורקי־טראָט“ און אַנדערע מאָדערנע טענץ. אָפֿט האָט על אַליין דיריזשירט מיטן אָרקעסטער און האָט צוזאַמען מיט אים זיך געדרייט צווישן די טאַנצנדיקע פּאָרלעך. ביז דאַמאָלסט האָט מען געטאַנצט בלויז מיט די פֿיס. מיר האָבן דערפֿונדן דעם קערפּער־טאַנץ. על האָט אויסגעזוכט א געוויסן איוואַן אָרלאָוו, א געוועזענער שילער פֿון דער פּעטערבורגער באַלעטשול, א באַנדיט. ער האָט טרענירט אָרלאָוון מיט בילי, וועלכע איז אַליין געווען א גראַציעזע טענצערין, זיי זאָלן געבן מוסטער־טענץ פֿון „באָיערי ווריגל“. באַלד אָף דעם האָבן אַלע אָנגעהייבן צו טאַנצן „באָיערי ווריגל“. ס'האָט זיך אָנגעהייבן אַ קאַמף קעגן אונז פֿון פּרעדיקער, וואָס האָבן דעם לאָוועל־לאָקאַל אָנגערופֿן די מאָדערנע סדום ועמורה. דורכדעם איז אונזער לאָקאַל שטאַרק פּאָפּולער געוואָרן אין זייערע געמיינדעס, אויך האָבן צו דעם מיטגעהאָלפֿן די צייטונגען, און מיר האָבן געמאַכט גאָלדענע געשעפֿטן.

על און סעם האָבן זיך פֿאַרנומען מיטן אויסטראַכטן נייע דזשאַזשן, לידער און טענץ. א סך האָט זיי מיטגעהאָלפֿן אָ'בריען. ער האָט אָף זיי געווירקט, זיי זאָלן נעמען נעגערלידער. פֿאָלקס

און קירכן־לידער, אפריקאנישע ריטמען און פארפלעכטן מיט סעמיטישע פארבן און פיגורן...

מיר האָבן געמאכט געלט. טרינקער זיינען ליבעראַלע טרינקגעלט געבער. שכורים האָבן גאָרנישט קעגן דעם, אז מען רעכנט זיי צופיל און אז מען גיט זיי צו ווייניק אויסגאָב. די נייגעריקע פון אויסטאָן האָבן זיך ניט געקימערט איבער די הויכע פרייזן. יעדע נאכט האָבן מיר אויסגערעכנט אונזערע פראָצענטן און זיינען געווען איבערגליקלעך, אז זיי האָבן אויסגעמאכט גרויסע סומען. לאוועל איז געווען אַן אנשטענדיקער יונג און האָט אונז מודיע געווען, אז מיר האָבן דעם געשעפט געבראַכט צו אַ הויכן מצב. על און סעם האָבן געוואָלט, אז איך זאָל זיך באטייליקן אין אַ פארלאג פאר פּאָפּולערער מוזיק. איך האָב אָבער באשלאָסן אריינצולייגן מיין געלט אין א באנק, כדי צו פארזיכערן מיין סטודיום. וואָלט איך זיי דאמאָלסט געפאָלגט און אריינגעטרעטן אין זייער פארלאג, וואָלט פון מיין קליינעם קאפּיטאל אין משך פון צען יאָר געוואָרן אַ סומע פון כמעט אַ פערטל מיליאָן דאָלאַר. על און סעם זיינען געוואָרן די רייכסטע פארלעגער פון פּאָפּולערער מוזיק. זיי האָבן געמאכט מוזיק פאר אָפּערעטעס; סטאַרן האָבן זיי געצאָלט לעגענדארע געלטער פאר ספּעציעלע לידער. נאָכדעם איז אף דעם פּלאן געקומען דער פאָנאָגראף, און זיי האָבן דערפון ארויסגעשלאָגן נאָכמער רווח. זייער דערפאָלג האָבן זיי אין דער ווירקלעכקייט געהאט צו פארדאנקען אָ׳בריען. אָ׳בריען האָט זיי געעפנט טיר און טויער אין דער מוזיק־וועלט פון אַלע ציימן און דורות. ער האָט שעהנלאנג פאר זיי געשפּילט, און סעם און על האָבן ארויסגעקליבן די שענסטע ערטער און מעלאָדיע־שטיקער פון די ווערק פון די גרעסטע מייסטערס. אָט די געשמאקע ביסנס האָבן זיי פארוועבט אין דזשאַוש, און זייער מוזיק איז געוואָרן די מוזיק פון אמעריקע, און דער לייט־מאָטיוו איז שוין דאמאָלסט געווען דער פּולסירנדער ריטם פון אפריקע. דזשווי האָט דערקלערט, אז זייער מוזיק מאכט אזא שטארקן איינדרוק, ווייל זיי האָבן דעם לעבעדיקן טאקט פון בלוט.

היימי איז גליקלעך. ער האָט איצט א גלייכן וועג פאר

זיך צו זיינע מעדיצינישע סטודיען. חוץ אַלעמען איז פאַר אים לאַוועלעס לאָקאַל אַ קליניק. ער האָט זיך באמיט צו געווינען דעם צוטרוי פון די מיידלעך און צו דערגיין בא זיי די סיבות, צוליב וועלכע זיי זיינען געפאלן. ער האָט געהערט אַלערליי ראָמאַנטי־שע געשיכטעס, ער מיינט אָבער, אז נאָר איין מיידל האָט אים געזאָגט דעם אמת, דאָס איז בילי. זי האָט אָנגעגעבן אלס די סיבה פון איר הפקרדיקן לעבן די נייגיריקייט. ער האָט זיך גע־מאַכט נאָטיצן איבער די מיטטיילונגען פון די מיידלעך, די הויפט־טעמעס פון זייערע געשפרעכן, איבער זייערע געשמאַקן און זייערע מאַניערן, און איז געקומען צום אויספיר, אז דער גרעסטער טייל פון די מיידלעך שטאַמען פון אָנשטענדיקע פאַמיליעס. ער האָט געזאָגט, אז ער פּרובירט אַרויסגעפינען זייערע פּסיכאָלאָגישע אינדעקס־נומערן, דורך די פאָרשונגען אין לאַוועלעס לאָקאַל צוזאַ־מען מיט די שפּעטערדיקע עקספּערימענטן. וואָס ער האָט יאָרנ־לאַנג געמאַכט אין גינעקאָלאָגישן קליניק איז ער געקומען צום באַשלוס, אז ליידנשאַפטלעכע פרויען ווערן קיינמאָל ניט פּראָסטי־טואירט. ער האָט דערקלערט, אז די עקסטאַטישע, וויבראַנדיקע קוואַליטעט פונם ליבע־לעבן פון א ליידנשאַפטלעכער פרוי איז בא איר אַזוי הייליק, אז זי קאָן זיך ניט אָפּגעבן גלאַט אַזוי, ניט איבערקלייבנדיק. ער האָט געהאַלטן, אז נאָר די פרוי, וואָס פאַר איר אַנטפּלעקן זיך ניט די קערפּערלעכע באַציאונגען אין שיינקייט און אויסטערלישקייט, קאָן מיט א [illegible]לייכטן האַרצן אָפּגעבן איר קערפּער.

.7

ס'איז געווען [illegible]שפּעט נאָך מיטיק. איך בין שווער געשלאָפן נאָך א לאַנגער נאַכט אין לאַוועלעס לאָקאַל. דורך מיינע חלומות האָט תּמיד געשוועבט אסתּרס געשטאַלט פאַר מיר, תּמיד איבער מיר, תּמיד אוועקפליענדיק. איך בין לאַנגזאַם אויפגעוועקט געוואָרן דורך א שטאַרקן קלאַפּן אין טיר. דער קלאַפּן האָט לאַנג גע־דויערט, די מוטער איז געווען אוועקגעגאַנגען. איך האָב אליין זיך

געמוזט אופהויבן גיין עפענען די טיר, דאָס איז געווען דאָפּי אײקי מיט דער ידיעה, אז א פּאָר יונגען ווילן מיך זען אין טאָקערס קאַפּיי. איך האָב זיך אָנגעטאָן און בין ארונטער די טרעפּ. כ׳האָב זיך אָנגעשטויסן אַף „לילי, דעם מלאך המות״, איך האָב לחלוטין פארגעסן דעם צוועק פון מיין גאנג און האָב לילין אריינגעכאפּט אין מיינע אָרעמס. זי האָט געפרעגט, וואָס איך טו, אָבער האָט קיין שום אָנשטריינגונגען ניט געמאכט זיך צו באַפרייען פון מיינע אָרעמס. איך האָב איר א פּאָר מאָל געקושט, אָבער זי האָט שטיל געשעפּטשעט: „אָבער, מאיר, דאָ וועלן אונז דאָך מענטשן זען״... איך האָב איר אָנגענומען פאַרן האַנט און ארופגעפירט אַף די טרעפּ, און אז איך בין צו אונזער טיר צוגעקומען האָט זי א פרעג געטאָן: „וואוהין גייען מיר, מאיר?״...
לילי האָט געחלומט צו גיין אַף דער בינע. זי האָט געהערט, אז איך בין א שותף אין לאוועלעס לאָקאַל, און דאָס האָט אַף איר געמאכט א טיפן רושם. האָב איך איר געזאָגט, אז איך וויל ריידן מיט איר איבער דער מעגלעכקייט פון אן אַנגאַזשעמענט. זי איז מיט מיר אריין אין שטוב. איך האָב פאַרשלאָסן די טיר און זי האָט נישט גע׳עדט. א ציטערנדיקע איז זי געשטאנען באַם טיש. איך האָב באטראכט איר ליבלעכע בלאָנדקייט און מיינע געהירן האָבן אָנגעהייבן צו טאנצן. נאָר איין געדאנק איז מיר אופגעקומען: איך האָב געטראכט וועגן היימים טעאַריע. איך האָב אנטדעקט דעם פּסיכאָלאָגישן אינדעקס־נומער פון לילי. אירע אויגן זיינען געווען האַלב פארמאכט, און זי האָט היים געאָטעמט. אין מיר איז תמיד דער עגאָאיסט געווען אויבנאויף, און איך האָב אויסגערופן: „ליליע, דו ליבסט מיך?״... זי האָט ארויסגעזייט צווישן די ציינער: „מאיר, מאיר, האָסטו מיך ליב?״...
מיר זיינען געזעסן אַפן זאָפע. ליליע האָט געפרואווט מיט נערוויזע פינגער ברייגען אין אָרדנונג אירע האָר. טרערן האָבן איר גערונען איבערן גאנצן פּנים, און זי האָט געציטערט מיטן גאנצן קערפּער. זי האָט איר פּנים אָפּגעווענדט פון מיר. אַ קלאַפּ אין טיר. לילי האָט אופגעציטערט; איך האָב איר אַף גיך ארופגעלייגט א האַנט אַפן מויל און האָב געפרעגט: „ווער איז דאָרטן?״...

„איך בין עס, דאָפי. כ'האָב דיר דאָך געזאָגט, אז אַף דיר וואַרטן א פּאָר יונגען?... „אָל רייט, זאָג זיי, אז באַלד קום איך".

8.

טאָקערס קאַפּיי ליגט אַף דער דיוויזיאָן סטריט, אַנטקעגנאיבער אונזער קליינעם פּלאַץ. דאָ איז די טיי־הויז און טרעפּפּונקט פון אַלע פריידיינקער פון דער געטאָ. אברהם, דייווי און הײמי זיצן ארום א טיש באַם פענסטער. איך זעץ זיך נעבן זיי און קוק ארויס דורכן פענסטער אַפן ברוקירטן פּלאַץ, וואו עס שפּילן זיך האַלבנאַקעטע קליינע קינדער אינם הייסן יולי־סעזאָן. הײמי פּלעטערט אַ דיקן לערנבוך און דייווי שרייבט אַף דער אַנדער זייט פון אַן אַלטער שפּייזקאַרטע. אברהם באַטראַכט דייווין מיט שרעקעדיקע אויגן. דער לאָקאַל איז פול מיט ריידנדיקע, זשעסטיקולירנדיקע מענטשן, אַ פּלאַקאַט איז מודיע וועגן א יום־כפּור־באַל. וואָס ווערט איינגעאָרדנט פונם „וואַרהייט און ליכט בונד". דאָס באַטייט אַ זשעסט פון פאַראַכטונג און ארויספאָדערונג צוגלייך. די יונגע אידן ווילן דערמיט דעמאָנסטרירן זייער פריידיינקעריי קעגן די אַלטע אָרטאָדאָקסן. איך דערמאָן זיך, אַז אברהם איז קעגן דעם, די פריידיינקער זאָלן מאַכן די דאָזיקע פאַראַנשטאַלטונג. ער איז אַ פּאַציפיסט און גלייבט, אַז עס איז ניט גוט מענטשן צו קרענקען; אַז די ניט־אַנטוויקלטע דאַרף מען איבערציִען.

אברהם האָט נאָך מיר געשיקט. ער האָט ניט געוואָלט לאָזן דייווין אַליין. ער דערציילט מיר, אַז דייווי האָט זיך אַנטשלאָסן חתונה צו האָבן מיט בילין. אברהם מיינט, אַז דייווי וויל בילין פאַרגוטיקן דערפאַר, וואָס די מענטשהייט האָט איר באַעוולהט. אברהם האַלט אָבער בכלל ניט, אַז דייווי מוז זיין לעבן צופּטרן מיט בילין. אברהם דערקלערט, אַז דייווי וויל זיך מוסר־נפש זיין... הײמי קוקט ארויס פונם בוך; דער אופן פונם אַנאַליז קיצלט אים. דייווי שמייכלט שעמעוודיק צו אברהמען...

איבערן גאַס אַנטקעגן זע איך אסתרן, וואָס פאַרקערט זיך פּונקט אין דער לודלאָוו סטריט... אסתר האָט דייווין אָנגעוואָרן.

איך פריי מיך דעריבער. דער עגאָאיסט אין מיר איז גליקלעך אַף דעם. און איצט האָסטו מיך פאַרלאָרן, אסתּר, זאָג איך צו זיך; אָבער איך בין ניט אזוי שטאַרק זיכער. אַז לילי וועט זיין בכּח צו ברייִנגען דערצו, איך זאָל קאָנען אסתּרן פאַרגעסן, גרעטל האָט עס אויך ניט געקאָנט... און דאַן האָט לילי גערעדט אַפּן ווינקל מיט אסתּרן, זי לאַכט און איז פריילעך... איך האָב געמיינט, אַז לילי ליגט ערגעץ באַהאַלטן און פאַרגייט זיך פון געוויין... איך האָב לחלוטין פאַרגעסן, אַז לילי איז אַ גוטע שוישפּילערין... און דאַן האָב איך געטראַכט: אפשר איז זי גליקלעך, ווייל זי ליבט מיך. דאָס איז אַן אָנגענעמער געדאַנק.

אין אָוונט אונטעוועגס צו לאַוועלעס לאָקאַל האָב איך ווידער באַגעגנט לילין, וואָס האָט אַף מיר געוואַרט. אסתּר זיצט אַף די טרעפּן און איך האָב זיך באַמיט ניט צו טראַכטן וועגן איר. גרעטל קוקט מיר נאָך דורכן פענסטער. איך האָב איר נאָר וואָס פאַרלאָזן, איך טראַכט זיך: גרעטל איז פּונקט ווי אַ פרוי, וואָס איך זאָל ניט טאָן, קום איך דאָך צוריק צו איר. שפּעטער, ערשט א סך שפּעטער האָב איך איינגעזען, אַז צווישן מיר און גרעטלען האָט געהערשט אַן אָנגענעמע פיזישע האַרמאָניע.

איך האָב פאַרגעלייגט גיין אין טעאַטער דעם קומענדיקן שבת נאָכמיטיק; לילי האָט מסכּים געווען. איך האָב איר געפירט אין א בורלעסק=שאָו און נאָכדעם אין א האָטעל... לילי איז אָנגענעם, שיין, אָבער מען קאָן ניט תּמיד קוקן אַף אַ פּנים. זי איז נאַריש, אַן=ליידנשאַפטן, פלעגמאַטיש... מיט א פּאָר יאָר שפּעטער, אַז סעם האָט זיך פאַרליבט אין לילין, האָב איך איר צוגערעדט זי זאָל מיט אים חתונה האָבן. זי האָט זיך דורך מיין פאָרשלאָג אַף אַ האָר ניט געפילט פאַרלעצט. תּיכּף דערויף האָט זי געהאַט תּנאָים מיט סעמען און נאָכדעם איז געווען די חתונה. איך מיין, אַז זי איז איר מאַן געווען דורכאויס געטריי און וועט עס אויך בלייבן.

.9

אָ'בּריענס קלאַוויר איז ווי א וואַסערפאַל אין א טיפן אָפּ=

גרונט, וואָס כאַפּט אויף דעם אָפּגלאַנץ פון די שטימונגען פונם טאָג און פאַרוואַנדלט זיי אין א לעבעדיקן געמורמל פון דער נאַכט. האַרמאָנישע קאַדענצן קיועלן ארויס פון אונטער זײַנע פינגער, תּמיד זיך=בײַטנדיקע זאַצן פון די מײַסטערווערק פון דער גאַנצער וועלט, וואָס על און סעם כאַפּן צו ווי אוצרות=גרעבער.

איצט לויפט ארום בילי ווי א דערשראָקענע חיהלע פון דײַווין צו אָ'בריענען. ס'זעט אויס, ווי זי וואָלט א לאַנגע צײַט ארומגעבלאָנדזעט ווי אין א פינסטערער נאַכט און האָט פּלוצלונג דערזען טאָגליכט. און זי יאָמערט: „ער וויל מיט מיר חתונה האָבן". אָרלאָווס פינסטער פּנים ווענדט זיך אָפּ, זײַנע אויגן בלענדט די דאָזיקע גרויסע ליכט. אָ'בריען דרייט זיך אום.

דײַווי מיט בילין האָבן חתונה געהאַט.

דער זומער גייט צום סוף. איך האָב אסתרן ווייניק געזען. האַרי וואַטין האָט איר פאַראינטערעסירט מיט א מילך=אַנשטאַלט פאַר קרייַנקלעכע קינדער, וואו זי איז טעטיק אַלס דאָלמעטשער און אסיסטענטין פון די דאָקטוירים. די דאָזיקע מילך=סטאַנציע איז געווען האַרים אידייע. באַרניי פין האָט געפועלט בא זײַן אלטע ניט=פאַרהייראַטע מומע, זי זאָל פינאַנסירן דעם אַנשטאַלט. אסתר, באַרניי און האַרי זײַנען גליקלעך, ווי נאָר עס קאָנען זײַן גליקלעך מענטשן, וואָס זײַנען איבערצייגט, אז זיי העלפן א שטאַרבנדיקע וועלט.

איינמאָל האָב איך איבערגערעדט אסתרן, זי זאָל זיך נעמען א פרייען טאָג. מיר זײַנען ארויסגעפאָרן אין קוני=איילענד. איך האָב זיך באַמיט ארויסצואווייזן ווי א חדר=אינגל, באַווייזן אלערליי קונצן אין וואַסער. אסתר, וועלכע איז געשטאַנען א ציטערדיקע באַם ברעג, האָט באַוואונדערט מײַן קראַפט און מײַן בריהשאַפט. כמעט דעם גאַנצן טאָג האָבן מיר פאַרבראַכט אין וואַסער. די איינציקע געלעגנהייט צו ריידן האָבן מיר געהאַט, ווען מיר האָבן געגעסן אונזער פרישטיק אפן שטראַנד. זי האָט גערעדט פון דײַווין, דאָס איז געווען ווי א שוואַרצער וואָלקן אפן ליכטיקן הימל... „איז ער גליקלעך"? איז ער געבליבן בא זײַן פּאָעזיע? ער האָט איר

געמוזט שטאַרק ליב האָבן, אַז ער האָט מיט איר חתונה־געהאַט". איך האָב דערקלערט, אַז איך וויל פון קיין זאַך נישט ריידן, ווי נאָר פון אסתרן. און זי ענטפערט: „דען האָבן מיר נישט וואָס צו ריידן"... איך האָב געשפּילט דעם באַליידיקטן... „מאיר, כ'בעט דיך, לאָמיר בלייבן גוטע פריינט. איך וויל נישט שפּילן אין ליבע. איך וויל נישט, אַז עפּעס זאָל מיך אָפּנייגן פון מיין ציל. וואָס איך האָב זיך געשטעלט". איצט האָב איך פאַרשטאַנען, אסתר איז געווען אומגליקלעך צוליב דייווין און האָט געזוכט זיך צו פאַרגעסן און אַ טרייסט אין לעבן דערמיט, וואָס זי האָט זיך געווידמעט די קינדער פון איסטסייד.

שפּעט נאָכמיטיק האָבן מיר זיך אומגעקערט אין דער לונ־לאָוו סטריט. צו מיין גרעסטן חידוש האָב איך געפונען אַף די טרעפּן זיצן בילין. איר פּנים איז געווען שמערצלעך פון איינגע־האַלטענע טרערן. אירע אויגן זיינען געווען ווילד פון שרעק, און זי האָט גערעדט מיט אַ טעמפּער שטים. „מאיר, זיי האָבן אים אַוועקגעפירט אין אַמבולאַטאָריע". אסתרס פּנים איז בלייך געוואָרן ווי קרייט, און זי האָט אויסגעשריען: „אָ, דייווי — וואָס האָט דען פּאַסירט?"... ביידע מיידלעך האָבן זיך אָנגעקוקט. איך האָב געשיקט אַ קליינעם אינגל נאָך אברהמען... בילי האָט זיך אומ־געקערט צו אסתרן מיטן רוקן.

„היינט אינדערפרי בעת מיר זיינען נאָך געשלאָפן האָט זיך דייווי פלוצלונג אָנגעהייבן צו וואַרפן און זיך צעטולעגען צו מיר, ווי איינער וואָס וויל זיך ראַטעווען. איך האָב געהערט ווי ער אָטעמט שווער. פון זיין מויל האָט גערונען בלוט און זיין נאַקן איז געווען באַדעקט מיט רויטע פלעקן. איך האָב אָנגעהייבן שרייען. מענטשן זיינען געקומען און אויך אַ פּאָליציסט. דער דאָקטאָר רעכנט, אַז מיט דייווין איז זייער שלעכט. און זיי האָבן אים אָפּגעפירט אין סיטי־שפּיטאָל. מען האָט מיך אָבער נישט צו־געלאָזן צו אים! מען לאָזט דאָרטן צו בלויז צוויי מאָל אין וואָך, און דער נאָענטסטער באַזוך־טאָג איז ערשט אין צוויי טעג אַרום. נאָר געזאָגט האָבן זיי מיר, אַז ער איז זייער קראַנק. וואָס זאָל

איך טאָן? מאיר, וואָס זאָל איך טאָן? איך מוז אים זען! איך מוז אים זען!"

איר פּנים איז ווייך געוואָרן פון אַ שטראָם טרערן. „איך מיין, אַז איך מוז געבן צו וויסן זיין מוטער. איך מוז דאָס טאָן"...
אסתר האָט רואיק גערעדט צו איר: „כ'בעט אייך, זאָגט עס ניט זיין מוטער, נאָך ניט. וואַרט צו אַ ביסל, ביז מיר וועלן זיך דערוויסן אויספירלעכער. אפשר וועלן מיר דאַמאָלסט האָבן בעסערע ידיעות".

„איר זייט אסתר, ניט אמת? איר זייט די מיידל, פון וועלכע ער האָט אַזוי שטאַרק געהאַלטן".

אברהם איז געקומען. ער האָט געדריקט בילין די האַנט און געגלעט איר איבערן אָרעם.

אונז איז דאָך געלונגען דעם זעלבן טאָג, צוצוקומען צו דייווין אין שפּיטאָל. ער איז געלעגן אין אַ לאַנגען זאַל פול מיט בעטן, אין וועלכן די קראַנקע מענער און יונגען האָבן אַלע צוזאַמען אויפגעהויבן אַ יללה און אַ קרעכצן. אַ קראַנקנשוועסטער האָט אוועקגעשטעלט אַרום בעט אַ שפּאַנישן ווענטל, און מיר האָבן זיך צוגעזעצט צו אים און אים אָנגעקוקט. ער איז געלעגן אין אַ שווערן שלאָף.

זיינע אויגן האָבן זיך געעפנט און ער האָט שטייף געקוקט פאַר זיך אַפן קאָלדרע, קיינעם ניט באַמערקנדיק. דאַן האָט בילי זיך פאַנאַנדערגעוויינט. דייווי איז געווען צו שוואַך כדי זיך צו באַוועגן. ער שעפּטשעט: „וויין ניט, בילי, מיר גייט עס גוט". און בילי האָט איר נאַסן פּנים צוגעדריקט צו זיין האַנט. אברהם האָט זיך אויפגעהויבן און אים אַריינגעשמייכלט אין פּנים. „זעסטו, בילי", זאָגט דייווי, „קוק נאָר אָן אברהמען: ווי אַ זונענשטראַל, זאָגט איר, אברהם, אַז מענטשן ווערן קראַנק און ווערן ווידער געזונט".

דער דאָקטאָר האָט אונז דערקלערט, אַז דייווי איז שווער קראַנק אויף לונגען־טובערקולאָז, דערצו זיינען נאָך צוגעקומען אַ

ריי שווערע קאָמפּליקאַציעס. ער האָט פאַרענדיקט מיט די ווערטער: „עס וואָלט געווען אַן אומזין אייך צו טרייסטן מיט פאַלשע האָפענונגען. לאַנג קאָן ער ניט ציען".

דייווין איז ניט געוואָרן בעסער. אַלע האָבן געוואוסט, אַז דייווי האַלט באַם שטאַרבן, אַלע חוץ בילין. אין אירע שרעקלעכסטע יסורים האָט זי תפילה געטאָן, איר תפילה איז תמיד געווען די זעלביקע: „זעסטו דען ניט, גאָט, ווי איך בין שוין גענוג געשטראָפט?" אָבער דייווי האָט באַקומען נאָך אַ בלוטשטורץ. אַזוי איז געקומען די צייט, אַז מען זאָל מודיע זיין די מוטער. ער איז ניט געקומען צו איר פאַרברענגען דעם לעצטן שבת. פרוי סאָלאָמאָן האָט זיך שוין מיט אומרו אף אים נאָכגעפרעגט. דאָס איז געווען דער טאָג אין וואָך, וואָס ער האָט געווידמעט זיין מוטער אויך נאָך זיין חתונה. איך האָב איר געפירט צום שפּיטאָל און געפרואווט איר לייכטער צו מאַכן, דערביי האָב איך איר דערקלערט, אַז די קראַנקייט איז געווען אומפאַרמיידלעך. דייוויס פאָטער איז געשטאָרבן פון דער „פאַבריק קראַנקייט", בין איך געווען איבערציינגט, אַז ער האָט דעם זון געלאָזן בירושה שווינדזוכט. בילי האָט איר איבערהויפט ניט געזען. בעת די שכנות האָבן דערהערט, אַז דייווי האָט חתונה געהאַט מיט אַ קריסטין, האָבן זיי אָנגעהעצט זיין מוטער, זי זאָל אים פאַרשטויסן פון זיך און אים ניט צולאָזן פאַר אירע אויגן, אָבער אין אירע אויגן האָט איר זון בכלל ניט געקאָנט טאָן קיין אומרעכט און זי האָט איבערגעהאַקט אַלע רייד פון אָנפאַנג אָן...

„מאַמע", האָט געזאָגט דייווי, „דאָס איז מיין פרוי, בילי"... פרוי סאָלאָמאָן האָט איר אָנגעקוקט פאַרלעצט און צוריקגעהאַלטן... „אַזעלכע ווי איך, ווייל זי ניט קענען", האָט בילי געזאָגט... און אַלץ, וואָס די מוטער האָט געקאָנט טאָן, איז געווען, שטיין באַם בעט און זען, זען און זען ווי איר קינד שטאַרבט פאַר אירע אויגן... אסתר און אברהם זיינען געקומען. מיר אַלע זיינען געווען שטום און פייערלעך. בלויז דייווי האָט געשמייכלט. „בילי, קום אַהער", האָט ער געשעפּטשעט, „קום זעץ זיך אפן בעט, כדי צו

קאָנען מײַן קאָפּ אױף דײַן ברוסט לײגן. איך װיל דיך האָבן נאָענט צו מיר, בכדי איך זאָל װיסן, אַז בעת איך װעל שטאַרבן, װעל איך אַרײַנגײן בײַ דיר אין דײַן װאונדערפולן האַרצן. בילי, איך זאָג דיר אָן לזכרון: איך ליב דיך, איך גלױב אין דיר. דו האָסט מיר געגעבן גליק און באַרעכטיקט מײַן גלױבן. שטאַרבן אַ סך מענטשן גליקלעך, װען עס װערט מקוים זײער גלױבן?... פֿרײַנט, איך לאָז אײַך איבער אַ ירושה — גלױבט אין דער נשמה פֿונם מענטשן! די נשמה איז ניט פֿאַרדאָרבן. און אַזױ איז געשטאָרבן דײװי, מיט אַ געדיכט אױף די ליפּן.

.10

„גײסטו ניט אין שול?" האָט געפֿרעגט די מוטער, זי איז נאָר װאָס פֿאַרטיק געװאָרן מיטן ליכט־בענטשן. אַ יאָרצײַט־ליכט האָט געברענט אױפֿן ברעט איבערן אױװן, לזכרון פֿונם פֿאַרשטאָר־בענעם פֿאָטער. ס'איז געװען ערב יום־כּפּור.

איך האָב קױם געהערט איר פֿראַגע, אַזױ פֿאַרטיפֿט בין איך געװען אין אַ בוך איבער דער קרימינעלער געזעצגעבונג. די טיר האָט זיך געעפֿנט און אין קיך האָט זיך אַרײַנגעשאַרט מאַקסי פֿרײַנד. ער האָט נאָר װאָס געענדיקט דעם עקזאַמען מיטן גרעסטן ערפֿאָלג, נאָכדעם װי ער האָט באַצאָלט אײנעם פֿון די עקזאַמע־נאַטאָרן פֿינף און צװאַנציק דאָלאַר און אױף אַזאַ אופֿן פֿאַרשפּאָרט לערנען אָן איבעריקן יאָר די פּאָר־סטודיען. בײַ דזשים האָט מיך באַקאַנט געמאַכט מיטן עקזאַמענאַטאָר און איך האָב אײַנגעאָרדנט מאַקסין די דאָזיקע קלײניקײט.

מאַקסי האָט באַגריסט דעם אָנקל פֿיליפּ, װעלכער איז גע־לעגן אױסגעצױגן אױפֿן זאָפֿע און גערױכערט אַ לולקע, װײַל רױכערן אַ לולקע האָט אױסגעמאַכט ביליקער אײדער ציגאַרעטלעך. עס האָט אױסגעזען, אַז װאָס מער ער פֿאַרדינט, אַלץ קאַרגער װערט ער...

די מוטער האָט זיך געבעטן: „מאיר, גיי אין שול. ס'איז דאָך יום־כפור. יעדער איד, וואָס פאר אן אפיקורוס ער זאָל ניט זיין, גייט יום־כפור אין שול. טו מיר צוליב און גיי אין שול"... איך האָב איר דערציילט, אז איך מוז א גאנצן טאָג לערנען ווייל די קורסן הייבן זיך אָן מאָנטאָג. אף דעם האָט מיר מאַקסי מיט א גמרא־ניגון אונטערבראָכן: „דארפסטו דאָך אוודאי זיין אין שול". „פאַרוואָס?" האָט געפרעגט פיליפ, וואָס האָט מאַקסין געהאַלטן פאר א שארפזיניקן. „ערשטנס, דערפאר וואָס ער וועט זיך וויזן פאר א גרויסן עולם. דאָס וועט אים מאכן פאַר א פיינעם מענטשן אין זייערע אויגן. יעדערער דארף דאָך א מאָל אן אַדוואָקאַט, און דעם, וועגן וועלכן מען טראַכט פריער, צו דעם גייט מען". פיליפ זאָגט: „זע, אַז דו זאָלסט אָפט גיין אין שול, מאיר. מאַקסי איז גערעכט, זע צו מאכן אן איינדרוק! מאַך זיך פאר זייער אַדוואָ־קאַט, זייער איינציקן אַדוואָקאַט, וועגן וועלכן זיי וועלן טראַכטן, מיש זיך אין זייערע רעליגיעזע ענינים, הייב אָן דערמיט, וואָס דו וועסט זיי געבן אומזיסטיקע עצות. זיי וועלן דיר שפּעטער שוין באַצאָלן אָנשטענדיק"... פון דאַמאָלסט אָן זיינען מיר מיט מאַקסי געוואָרן שטענדיקע באַזוכערס אין שול.

יום־כפור אינדערפרי האָב איך באַגלייט די מוטער אין שול. באַ טאָקערס קאַפּיי האָב איך געזען פאַרזאַמלט אַ גרויסן המון. די צוזעער זיינען געווען שטאַרק גערייצט און בייז. די פרומע פון דער געטאָ האָבן עפנטלעך געגעסן אינם הייליקן תענית־טאָג! די פרומע האָבן געגלויבט, אז א דונער וועט באַלד איינשלאָגן די אלע אפיקורסים. די ידיעה פונם דאָזיקן עפנטלעכן חלול־השם האָט זיך פאַרשפּרייט און ארום מיטיק־צייט, אז איך בין ארויס פון שול שעפּן א ביסל פרישע לופט, האָט זיך ארום לאָקאַל געהאַט פאַרזאַמלט אַ דראָענדיקער, תמיד וואקסנדיקער המון. בולקי מיט זיין באַנדע האָבן זיך באַנוצט דערמיט כדי צו וואַרפן שטיינער אפן עולם. אַז בולקי האָט געזען זיין רערפּאָלג, האָט ער גענומען א שטיין און צעבראָכן די שויבן פון קאַפּיי. נאָכדעם האָט זיך אָנגעהייבן א שיסעריי פון ציגל, שטיינער און אַלץ, וואָס איז אין האַנט געקומען. די פרומע אוויר דינקער און זייערע נאָכפאָל־

גער האָבן געמוזט אָפּציען און דער המון האָט זיי פאַרפּאָלגט. אַ פּאָר האָט מען געכאַפּט און צעשלאָגן. די קאַפּיי איז פּוסט געוואָרן.

נאָכן געשלעג און באַמבאַרדירונג זיינען די פאַרפאָלגער געוואָרן הונגעריק. אין דער היים האָבן זיי ניט געקאָנט באַקומען קיין עסן. נאָר וואָס האָבן זיי פאַרוואָרפן מיט שטיינער די יעניקע, וואָס האָבן זיך דערוואַגט עפנטלעך צו עסן. ביי דושא האָט דער־ציילט, אַז בא די וויינגראַדס אין איין־אַלמער זיינען פאַראַן אַלע גוטע זאַכן און די באַלעבאַטים זיינען איצט אין שול. בולקי האָט באַלד געשיקט א טייל פון זיין חבריה איינברעכן דעם אַלמער און ברענגען די מאכלים, און א ביסל שפּעטער זיינען זיי געקומען באַלאָדן מיט כל־טוב: אַ געבראָטענע ענטל, געפילטע פיש, ווייסע יום־טובדיקע קיטקע, א סך פירות און אַ גרויסן האָניק־לעקעך. מען האָט זיך פאַרקליבן ערגעץ אין אַ הינטערהויף און די פאַר־טיידיקער פונם תענית האָבן זיך געלאַבט מיט די טייערע מאכלים פון וויינגראַדס איין־אַלמער.

דאָס האָט מיך דערמאָנט, אַז איך אַליין בין הונגעריק ווי א וואָלף. איך האָב באַגעגנט לילי און האָב איר געפרעגט צי זי איז אויך הונגעריק. זי האָט געלאַכט. לילי האָט אַליין קיינמאָל גאָרנישט געטאָן פון זיך גופא. זי איז געווען פון די נאַטורן, וואָס מען דאַרף זיי צו עפּעס שטויסן. איך האָב מיט איר אָפּ־גערעדט, זי זאָל מיר וואַרטן בא דער הויכבאַן.

מיר זיינען אַרויף אַף דער 14־טער גאַס, וואו ס׳איז פאַראַן אַ ריי רעסטאָראַנען. מיר האָבן אָבער אין ערגעץ קיין אָרט ניט געפונען, ווייל אומעטום איז געווען פול מיט אידן. די קעלנערס האָבן מיר דערציילט, אַז יום־כפור מאַכן זיי די בעסטע גע־שעפטן. מיר האָבן געמוזט ארופגיין אַף דער 28־טער גאַס, וואו מיר האָבן געפונען אַ פרייען טיש אין א רעסטאָראַן. דאָס עסן האָט באַזונדערס גוט געשמעקט, ווי דאָס פּאַסירט אין אַ תענית טאָג. און לילי האָט נאָר געלאַכט, ווען איך האָב איר ווידער

געפירט אינם גאַרני־האָטעל... איך האָב זיך געאײַלט אין שול צוריק, כּדי ניט צו פֿאַרזאַמען נעילה...

11.

עס זײַנען אָנגעקומען פֿרישע אָקטאָבער־אָװנטן, און די װאַל־פּראָפּאַגאַנדע האָט זיך אָנגעהייבן מיט איר קאַרנאַװאַליסטישע סו־מאַטאָכע. בלאָז אָרקעסטערס; פֿײַערװערק; רויטע, טריפֿענדיקע פֿאַקלען; ברענענדיקע האָלץ־שײַטערס; קלינגעדיקע פּראַזעס; ציגאַרן־פֿאַרטײלונג און װיסקי־טרינקען; פּאַראַדן; קאָנפֿעטי; קנעפּ מיט פֿאָטאָגראַפֿיעס; שילדער; װענט, פֿענסטער, פּאַרקאַנעס, מיסטקאַסטנס פֿול געקלעפּטע מיט פּלאַקאַטן, װאָס האָבן געשאָטן מיט פּראַזעס און האָבן פֿאַרגעשטעלט אין לעבנס־גרויס, אין אײדעלע פּאָזעס די קאַנדידאַטן. און דער װינט האָט הויך אין דער לופֿט געבלאָזן די פּילפּאַרביקע קאַמפּאַניע־צעטלען, װאָס זײַנען געפֿלויגן װי קאָנפֿעטי, אויף די װינקלען האָט זיך פֿאַרזאַמלט דער עולם, כּדי אויסצוהערן אַ רעדנער, װאָס איז געשטאַנען אויף אַ װאָגן. זײערע פּנימער האָבן געשײַנט, װי גליענדער קופּער אין אָפּגלאַנץ פֿון די פֿלאַ־קערדיקע פּעטראָליום־קערצן. װי אַלע יאָר האָבן די רעדנער גע־שאָטן זײערע נאַרישע דרשות פֿון אומזין און שװינדל, װאָס האָבן פֿאַר די אויערן פֿון די זיך צוהערנדיקע אידיאָטן געקלונגען װי זיסע מוזיק. און דער נאַאיװער עולם איז געשטאַנען מיט אָפֿענע מײַלער, האָט געשלונגען די פּוסטע רייד און געטראַסקעט מיט די הענט פֿאַר בײַפֿאַל.

מאַקסי און איך זײַנען געװען אויף אַ פֿאַרזאַמלונג פֿון די פּאָליציסטן, בכדי צו נעמען אַ לעקציע פֿון עפֿנטלעכע אַרויסטרע־טונגען. די אויפֿרעגונג איז געװען אָנשטעקעדיק, און ס'האָט זיך אויסגעװיזן אַזוי לײַכט מיטצורײַסן די מאַסע, אַז מיר האָט אָנגע־כאַפּט אַ חשק אויך צו פּרואװן אַרויסטרעטן מיט אַ רעדע. חוץ דעם, האָט מאַקסי באַהױפּטעט, אַז די בעסטע מעטאָדע זיך אויסצולערנען רײדן, איז, אַלײן אַרויסצוטרעטן אויף דער טריבונע.

דאַמאָלסט האָבן מיר זיך מיישב געווען פאַר וועלכער פאַרטיי זאָלן מיר זיך שטעלן ריידן... די אידישע סוחרים זיינען גענויגט געווען צו שטימען פאַר דער רעפּובליקאַנער פאַרטיי. זיי האָבן דערביי־געהאַט זייערע פּראַקטישע מאָטיוון. די מזרח־זייט אָבער און אירע שטימען האָבן קיין גרויסע מחנה מיט זיך ניט פאָרגעשטעלט, ווייל אַ סך זיינען נאָך ניט געווען גענוג לאַנג אין לאַנד, בכדי צו ווערן בירגער, אַ סך ווידער, וואָס וואָלטן געקאָנט ווערן בירגער האָבן דערצו קיין צייט ניט געהאַט. מען האָט דערצו־באַדאַרפט פטרן אַ סך ווערטפולע פאָרמיטאָגן, דורך דעם, וואָס כ'האָב אַ סך פון די דאָזיקע לייט געמאַכט נאָר בירגער און זיך פאַרזיכערט מיט זייערע שטימען, האָב איך מיט עטלעכע יאָר שפּעטער געצוואונגען די גרויסע „באָסעס", זיי זאָלן זיך רע־כענען מיט מיר ווי מיט אַ פּאָליטישן פאַקטאָר. איך האָב מיין אידייע איבערגענומען פון די סאָציאַליסטן, וואָס האָבן תמיד געמאָנט בײַ זייער מיטגלידער, זיי זאָלן ווערן בירגער, בכדי זיי זאָלן קאָ־נען נעמען אָן אָנטייל אין דער פּאַרלאַמענטאַרישער סיסטעם פון דער געזעצגעבונג. איך בין אָבער געגאַנגען ווייטער. איך האָב פאַרייניפאַכט די פּראָצעדור אין די געריכטן, געהנפהט די נייע בירגער, זיי געלאָזט קומען אין מיין קלוב, זיי געטאָן קליינע טובות און האָב אין די טעג פון די וואַלן געגעבן אַ פּאָר דאָלאַר. דער סוד פון דער פּאָליטישער מאַכט און די מעטאָדע אַריינצובאַקומען אין די הענט די אָרטיקע ראַיאָנען פאָדערט ניט קיין גרויסע חכמות: דער דורכשניטס־מענטש פאַרקויפט זייער גערן זיין שטים... די סאָציאַליסטן האָבן אַרויסגעשטעלט זייערע אייגענע קאַנדידאַטן. אַ חוץ דער געטאָ אָבער, וואו מען האָט זיי געלאָזן פריי ריידן, זיינען זייערע רעדנער פון אַ סך אַנדערע ערטער פאַרטריבן גע־וואָרן. מען האָט זיי געהאַלטן פאַר ניט געפערלעך, ווייל זיי האָבן אין די וואַל־טעג באַקומען ווייניק שטימען... האָב איך מיט מאַקסין געזוכט זיך אָנצושליסן צו אַ פּאַרטיי נאָר פונם שטאַנדפּונקט פון פּערזענלעכן נוצן. אונז האָט בלויז געקימערט די פראַגע, וואָס וועט אונז אַרויסקומען דערפון. פאַר אונז איז געווען קלאָר, אַז „טעמעני האָל" רעגירט מיט דער שטאָט, ווי די רעפּובליקאַנער

זאָלן ניט האַלטן אין זייערע הענט די לאַנד־רעגירונגען, האָבן מיר באַשלאָסן צו ווערן דעמאָקראַטן. מיר האָבן זיך אָנגעשלאָסן צום קלוב בײַ דושים האַלאָראַן. איך האָב אויפגעהערט צו זינגען באַלאַוועל און האָב נאָר געווידמעט אַ פּאָר שעה טעגלעך דעם ריין־געשעפטלעכן טייל. עַל האָט רעאָרגאַניזירט דעם קוואַרטעט נאָך דײַוויס טויט און נאָכדעם ווי הײמי איז אַרויסגעטראָטן, כּדי זיך אָפּצוגעבן זײַן מעדיצין סטודיום.

אין בײַ דושימס קלוב האָב איך געהאַלטן מײַן ערשטע רעדע. אַזוי ווי די פֿאַרזאַמלונג איז דער עיקר געווען באַזוכט פֿון די אײַרישע ווײַלער, האָב איך זיך באַשרײַנקט אַרײַנצוהויבן אין הימל די פֿילאַנטראָפּישע מעשׂים פֿונם „בײַ־באָס״, וועלכן איך האָב פֿאָרגעשטעלט פֿאַר אַן אמתן פֿרײַנט פֿון פֿאָלק. זײַנע וואָוילטאַטן זײַנען באַשטאַנען דערין, וואָס ער האָט אין משך פֿונם ווינטער פֿאַרטײלט אַ פּאָר טוץ שיך און זומער האָט ער געמאַכט אַ פֿרײַען פּיקניק פֿאַר פֿרויען און קינדער.

בײַ דושים האָט מיך אינסטרואירט, איך זאָל זיך נעמען צו דער איסט־סײַד. ער איז געווען איינער פֿון די ווײַניקע, וואָס האָט דאַמאָלסט פֿאָרויסגעזען, אַז די סאָציאַליסטן וועלן באַקומען אַ סך שטימען צווישן די אידן. אויך די איטאַליענער האָבן אים באַאומרואיקט. ער האָט מורא געהאַט, אַז זייער הייסע בלוט וועט זיי וואַרפֿן אין די אָרעמס פֿון די סאָציאַליסטן. בײַ דושים איז געווען כיטרע, איך האָב אָרגאַניזירט אַ וואַנדערנדיקע טרופּע פֿון יונגטלעכע רעדנער, און מיר האָבן אײַנגעשטעלט אַ לעבהאַפֿטע קאַמפּאַניע. מיר האָבן פּראָפּאַגאַנדירט, אַז די דעמאָקראַטן זײַנען די פּאַרטיי פֿונם פּשוטן מענטשן, און די רעפּובליקאַנער — די בלאָ־בלוטיקע אַריסטאָקראַטן און האָבן געשאָטן מוראדיקע שקרים אויף די סאָציאַליסטן. מיר האָבן זיי צוגעשריבן אַלערליי פֿאַרברעכנס, האָבן זיי געזידלט אַלס פֿרײַדענקער, אַפּאָסטאָלן פֿון פֿרײַער ליבע, שונאים פֿון גאָט און דער געהייליקטער פֿאַמיליע. מיר האָבן אויפגעריסן זייערע פֿאַרזאַמלונגען און האָבן שוין אין אײַן גאַנג אויך געוואָרפֿן פֿאַרפֿוילטע אייער אויף רעפּובליקאַנישע מיטינגען. דער פּשוטער המון און די פּאָליצײַ איז געווען אויף

אונזער צד. איך האָב אָנגעשטעלט בולקין מיט זיין באַנדע מיטצוהעלפן אין דער אַרבעט.

דער טאָג ערב די וואלן איז געווען א געלט־טאָג. דער טאָג אין וועלכן די ראַיאָן־אָנפירער האָבן באַקומען אַ פּאַק געלט, וואָס זיי האָבן אינם וואַל־טאָג געדאַרפט מיט ערפאָלג פאַרווענדן. דער פּרייז פאַר א שטים אין יענעם טאָג איז געווען צוויי דאָלאַר, און פאַר אַן אָרעמען שלאַק, וואס האָט ווייטער פון זיין בויך ניט געקאָנט ארויסטראַכטן, איז דאָס געווען אַ שלל מיט געלט. אַז איך האָב דערזען די פּעק געלט, האָב איך אריינגעסודעט ביי דזשימען, אַז איך האָב א זשוליקעס־באַנדע, וואָס אַרבעט פאר מיר און איז גרייט אויסצופירן זיינע באַפעלן. ביי דזשים האָט געשיקט זיין לייטענאַנט „רייד מייק דוליי", ער זאָל איר געבן אַרבעט. רייד מייק האט זיך צוזאַמענגערעדט מיט פאַרשיידענע ראַיאָן־פירער און האָט מיר געגעבן א צאָל קאַרטן מיט די נעמען און אַדרעסן פון וויילערס. מיינע לייט זאָלן אין די באַטרעפנדיקע ראַיאָנען אָפּגעבן זייערע שטימען אונטער די דאָזיקע נעמען, ווייל די אמתע וויילער זיינען באַקאַנט אַלס רעפּובליקאַנער אָדער שוואַכע דעמאָקראַטן.

רייד מייק האָט זיי באַגלייט, אָנגעוויזן וואָס מען דאַרף טאָן, און מיינע לייט זיינען אריין אין די וואל־לאָקאַלן און האָבן געוויילט וויפיל דאָס האַרץ האָט געגלוסט. זיי זיינען געווען באַוואָפנט מיט נאַגייקעס און טויטשלעגערס, בכדי צו פאַריאָגן פונם שלאַכטפעלד די אָפּאָזיציע, וואָס וועט זיך זיי אנטקעגן שטעלן. די לודלאָו־סטריטלער האָבן פאַרבראַכט א זעלטענעם טאָג, זיינען ארומגעפאָרן אף דראָשקעס איבערן שטאָט, האָבן געשטימט א פּאָר טוץ מאָל, האָבן מיט דער הילף פון דער פּאָליציי אַרויסגעגנבעט קעסטלעך מיט שטים־צעטלען און זיי פאַרביטן מיט אַנדערע. איך האָב זיי געצאָלט צו צען דאָלאַר פאר אַ פּערזאָן און האָב אַראָפּגעלאָזן צו זיך אין קעשענע א הונדערט דאָלאַר ריינעם ריוח.

ווי געוויינלעך האָט געזיגט „טעמעני האָל" אין דער גאַנצער שטאָט.

פינפטער פעריאָד

אוּן ווײ אויך אײַך, געלערנטע, דען איר האָט
די מענטשן באַלאָדן מיט אומדערטרעגלעכע משׂאוֹת,
אוּן איר האָט זײ מיט אַ פינגער ניט אָנגערירט.

עוואַנגעליום, לוקאַס, קאַפּיטל II, פּסוק 46.

1.

ווען איך בין דורכגעגאַנגען די גאַס האָט אויסגעוויזן, אַז אַפילו די הײַזער פאַרנויגן זיך. די וועגלפירער האָבן מיט גרויס דרך־ארץ אַראָפּגענומען די היטלען. איך בין זײער באַשיצער און ראַטגעבער. די באַנדע באַגריסט מיך ווי איר באָס. אַפילו שימשון און זײַן באַנדע קוקן אַף מיר, ווי זײער מלאך הגואל. געשעפטסלײַט באַגריסן מיר ווי זײער ראַטגעבער אין געוויסע ענינים. אומעטום שטויס איך מיך אָן אַף רעספּעקט און דאַנקבאַרקײט. די באַבערדיקע אָרטאָדאָקסן פון מנין לײגן גרויס אַכט אַף מײַן באַשטענדיקן קומען דאַוונען, און דעם אופן ווי אַזוי איך בין שטענדיק גרײט אומזיסט צו קומען צו הילף דעם מנין און די אָרעמע מתפּללים אין רעכטס־ענינים. מײַן פּאָליטיק באַשטײט אין דעם זיך צו דערווערבן אַזוי פיל דאַנקבאַרע און פאַרפליכטעטע, וויפיל ס'איז נאָר מעגלעך. זײ זײַנען דער שטרוי פאַר די ציגל פון מײַן פּאָליטישן בנין.

איך בין אַדוואָקאַט, פּאָליטיקער, באַשיצער פונם אידנטום און מיטגליד פון אַ טוץ לאָזשעס, חברות און געזעלשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציעס. איך בין געוואָרן אַ פּראָפעסיאָנעלער איד. גלײַכצײַטיק שטײט איצט פיליפּ פּעסט אַף זײַנע פיס אַלס פאַבריקאַנט. קײנער ווײס ניט וויפיל געלט ער האָט געמאַכט. יעדנפאַלס האָט ער די גרעסטע „שוויץ־קאַזאַרמע" אַף דער גאַנצער איסט־סײַד. מיר וואוינען אַף דער קאַנאַל־סטריט אין אַן אויבערשטער דירה

פון אַ פּריוואַטע הויז, וואָס קאָן זיך באַרימען מיט שטענדיקע הייסע וואַסער , גאַז־לייטונג, אַ וואַש־קיך און אַ וואַנע־צימער.

איך האָב אָנגעהויבן צו לייגן אכט אויף מיין גוטן נאָמען איך גיב זיך מער ניט אָפּ מיט לילי. סעם האָט אָנגעהויבן זיך צו אינטערעסירן מיט איר, אָבער לילי האָט גאָרניט געפּרוּווט מיך איינצוהאַלטן. איך בין לייכט פון איר פּטור געוואָרן. מיט גרעטלען איז עס שוין גאָר אַנדערש. ווייזט אויס, אַז זי איז מיין פיזישע דערגענצונג. איך קאָן זיך פון איר ניט אָפּזאָגן... און איך האָב פאַרגעלייגט די מוטער, אַז מיר זאָלן זיך איינשאַפן אַ דינסטמיידל. זי אַליין זאָגט, אַז זי אַליין האָט ניט אַזוי פיל אַר־בעט און זי ווייס ניט, אויף וואָס זי דאַרף נאָך אַ דינסט... פּיליפּ פאַרשטייט די סיבה פון מיין פאָרשלאַג. ער באַשטייט אויף דעם, אַז מיר זאָלן נעמען אַ דינסט. איך בין מודיע די מוטער, אַז גרעטל, די מיידל, וואָס דינט בא די ווינגראַדס, איז אַ טיכטיקע אַרבעטערין און איז גרייט אנצוקומען בא אונז. די מוטער גיט נאָך, ווייל זי האָט תמיד מורא זיך אַנטקעגנצושטעלן איר ברו־דער. און די טעג קומט גרעטל צו אונז, כדי צו ווערן אונזער דינסט־מיידל.

אויפן אַנדערן מאָרגן שטייט אויף די מוטער אינדערפרי. זי גייט צו גרעטלען אין צימער, כדי איר אויפצוּוועקן. גרעטל איז אָבער פאַרשוואונדן...

פּיליפּ האָט געבעטן די מוטער דעקן דעם טיש צו פריש־טיק. גרעטל קוקט אָן נערוויז די מוטער און זעצט זיך מיט צום טיש. דאַן קום איך און זוך אַליץ צו געבן א זעלבסטפאַרשטענד־לעכן, נאַטירלעכן אויסזען. די מוטער שטייט נאָך אַליץ א פאַר־וואונדערטע און קוקט אונז אָן מיט ערגעניש.

פּיליפּ בעט נאָכאַמאָל זיין פרישטיק.

די מוטער זאָגט מיט אַ טרוקענע שטים: „וואָס זאָל דאָס"...

פּיליפּ ווערט אומגעדולדיק. ער האָט תמיד געמאַכט די מינע פון אַ מענטשן, וואָס זאָגט: „קודם־כל געשעפט — און

תמיד געשעפט". ער זאָגט צו איר: „גיב דעם פרישטיק און פרעג שפּעטער".

מיר זיינען געזעסן שווייגנדיק. גרעטל האָט זיך געשעמט. די מוטער איז ענדלעך ארויס מיטן לשון: „אַ פיינע דינסטמיידל האָסטו מיר געבראַכט אין שטוב. וואו איז זי רעך, די דינסט־מיידל?... איז דיין מוטער אַ דינסט? אזוי איז עס טאַקע, איך בין די דינסט פאַרי"... גרעטל איז רויט געוואָרן און פארשוואונדן אין איר קאַמער... פיליפּ בעט די מוטער, זי זאָל אונז ניט שטערן. נאָכדעם צינדט ער זיך אָן מיינעם אַ ציגאַר און גייט אוועק אין געשעפט.

די מוטער איז צוגעגאַנגען צו מיר און האָט מיר שאַרף אָנגעקוקט: איר בליק האָט מיר געזאָגט, אַז איך האָב אין פנים געשפּויגן אַלע גוטע מידות. זי האָט זיך פאַנאַנדערגעוויינט און מיר געפרעגט, ווי אזוי קאָן איך אַזוי שרעקלעך באַליידיקן אַן אייגענע מוטער, אַז איך פאַרלאַנג פון איר, זי זאָל וואוינען מיט גרעטלען אונטער איין דאַך און מיר אַפילו באַדינען. איך האָב איר געזאָגט, אַז גרעטל איז גאָר ניט אַזאַ שלעכטע. זי האָט מיר אַף דעם געענטפערט: „אויב זי איז אַן אָרנטלעכע מיידל, איז דיין חוב מיט איר חתונה צו האָבן"... איך האָב פּרובירט איר דערקלערן, אַז איך דאַרף צוליב מיין קאַריערע אין א שיי־נעם טאָג חתונה האָבן און באַקומען א רייכן נדן, און אַז איך מוז זיך משדך זיין מיט אַ פיינער פאַמיליע... דערווייל בין איך דאָך ניט מער ווי אַ מענטש, און אַזוי איז דאָך בעסער, איידער איך זאָל זיך אַרומטרייבן... איך האָב איר געוואָרנט און דער־קלערט, אַז פאַר דער אויסערער וועלט איז גרעטל אונזער דינסט־מיידל און אַזוי מוז דאָס בלייבן.

.2

פאַראַן אַ וואָלקן, וואָס דרויט צו פאַרטונקלען מיין וועלט. אסתר האָט פאַרשטעלט די זון פון מיין גרויסקייט. אַז איך בין

באַ איר, פיל איך מיך.. אויסגעלאָשן... אויסגעבלאָזן. עס שיינט אַז זי לעבט אין אַ גאַנץ אַנדער וועלט. זי אונטעררײַכט אין אַ שול און פירט אָן מיט אַ מיידל־קלוב אינם קליינעם צענטער, וואָס באַרניי פין האָט געגרינדעט פאר זיין טאַנטעס געלט. זי באַגעגנט זיך מיט די אינטעלעקטועלן... מיט די וועלטשמערצלער, די דאַרע אידעאַליסטן, די לאַנגאַטעמדיקע ראַדיקאַלן און רעפאָרמאַטאָרן... מיין לעבן איז אַ געשעפטלעכער, אייגנליביק, אַרבעטסזאַמקייט, פלאַנפול, אָבער אסתרן קאָן איך ניט פאַרגעסן. ווען איך בין באַ איר, פאַרטונקלט זי מיר מיין אַנדער וועלט. מיינע אויגן זיינען פול פון איר ליבלעכקייט. איך בויג זיך פאַר איר קלאָרן גרויסמוטיקן פאַרשטאַנד... און אַ געשפּרעך מיט איר איז אַ דערקוויקנדיקע דערהוילונג נאָך מיין פאַרדאָרבענעם, וואָכעדיקן לעבן... און דאָך טראַכט איך אַפילו ניט אָף איין רגע מיט איר חתונה צו האָבן. מיר איז באַוואוסט איין זאַך: די אייגנליבע איז מיין אומשטערבלעכע טרייב־קראַפט. אַ שידוך מוז מיר סאָציאַל און פינאַנסיעל ווייטער דערהויבן... אַלע טעג, דווקא פאַרן איינשלאָפן, שטייט אויף פאַר מיר אסתרס בילד... איך גלויסט איר ליבע, איר הסכמה צו אַלץ, וואָס איך טו... איך וויל זיין איר גאָט... אָבער ווען אסתר זאָל באמת צו מיר קומען, זיך מיר אונטערוואַרפן, וואָלט זי מער ניט זיין די אסתר, וואָס רייסט מיך אָפ פון זיך גופא.

איך קום אַריין אין ביוראָ פונם קליינעם פילאַנטראָפישן צענטער. איך האָב זיך פאָרגענומען, זיך אַליין צו איבערצייגן, אַז אסתר באַטייט פאַר מיר גאָרנישט. איך וויל איר באַזייטיקן פון זיך, זי זאָל מיר מער ניט אומעטיק מאַכן דעם בילד, וואָס איך האָב פון זיך אַליין געמאַכט...

איך האָב איר איינגעלאַדן צו גיין צוזאַמען אין דער אָפּערע. איר פנים איז ליכטיק געוואָרן פאר פרייד. „ווייסטו, מאיר, אַז איך בין קיינמאָל ניט געווען אין דער אָפּערע?... זי מאַכסט אַ חלום צו אַווירקלעכקייט”... איך אַליין בין אויך קיינמאָל ניט געווען אין דער אָפּערע... אבער איך וואָלט אין דעם קיינמאָל ניט מודה געווען...

„דען לאָמיר היינט אָוונט גיין — היינט, אסתר"... וואָס פאַר אַ פרייד ס'איז איר גיבע הסכמה! אפשר האָט זי דאָך ער־געץ אין איר הארצן א קעמערל פאר מאיר הירש!... אימפולסיוו האָב איך גערעדט, אליין זיינענדיק איבעראשט, ווי גיך דאָס איז צוגעגאַנגען: „דו ווייסט גאָרניט — דו ווייסט, דו פילסט, דו מוזט עס וויסן, ווי גערן איך בין מיט דיר צוזאַמען. איך וויל דיר זאָגן פאַרוואָס, וואָס דאָס איז — דאָס איז פשוט... איך מיין, עס איז ליבע. איך ליב דיך, איך ליב". מיין זעקסטער חוש, פאָרזיכטיקייט, צופט מיך, רייסט מיך פארן אַרבל און וואָרנט מיך, בשום אופן ניט צו זאָגן עפּעס, וואָס זאָל מיך מחייב זיין. ערגעץ־וואו שרייט עס אין מיר: היי, פארפלאַפּל זיך ניט! קאריע־רע! אייגנליבע! גרויסקייט! כבוד! אין ערגעץ ניט! אין ערגעץ קומסטו ניט מיט איר ווייטער! אָבער איך לייג ניט קיין אכט אָף די וואָרענישן אין מיר. איך פאַרמאַך מיינע אויגן אָף די הויכע אמטן און ערנשטעלעס... איך ציי אוים מיין האַנט. אַלץ וואָס איך האָב געהאַלטן פאַר הייליק — אַלע איידלשטיינער, וואָס איך האָב אויסגעקריסטאַליזירט פונם לעבן, — זיינען געלעגן אין מיין האַנט, וואָס איך האָב איר דערלאַנגט. וואָס וואָלט געשען, ווען אסתר וואָלט איר אָנגענומען?... וואָלט איך דאַמאָלס געהאַט צו שרייבן אַן אַנדער געשיכטע פון מאיר הירש?... זי האָט איגנאָ־רירט מיין געבעט, פאַראכט מיין אָנבאָט, און האָט זיך צוריק־געצויגן. אָדער, בעסער געזאָגט, זי האָט זיך אָפּגעשלאָגן פון מיר. איך האָב געקאָנט הערן, ווי דער ריגל האָט זיך אין שלאָס צו־געקלאַפּט. און ווי תמיד, האָב איך אַלץ מער געגלויבט, וואָס מער זי האָט זיך פון מיר צוריקגעצויגן. אָפּזאָגן, שווערקייטן און מפּלות האָבן מער פאַרשטאַרקט מיין גיריקייט נאָך דעראָבערונג, האָבן געוועקט די לוסט צו דער מאַכט.

„ווייסטו, וואָס מען שפּילט היינט? האָט זי געפרעגט און האָט אַרופגעצויגן אירע הענטשקעס. אסתר איז בשום אופן ניט געווען רואיק, איך האָב דאָס גוט באמערקט. זי איז געווען נער־וויז, האָט זי ניט אָנגעטאָן די הענטשקעס איידער זי האָט גע־נומען די הוט און דעם מאַנטל? אַז זי האָט אויסגעשטרעקט די

האַנט צום הוט. וואָס איז געלעגן נעבן מיר, האָב איך איר אָנגעכאַפּט פאַרן אָרעם און האָב אויסגערופן: „אסתּר, אסתּר, איך האָב געוואָלט, זי זאָלן זינגען אַ ליבע=ליד פאַר מיר, וואָס זאָל דיר אין האַרצן אַריינדרינגען"... אַ שמייכל האָט געשוועבט איבער איר פּנים און האָט אירע ליפּן אויסגעפורעמט צום קושן... אַזוי האָב איך געמיינט... און אירע אויגן האָבן זיך ווייטער געעפנט — פּונקט אַנטקעגן מיינע, ווי זי וואָלט מיר לאָזן אַריינקוקן אין איר וועזן... איז דאָס ניט דער גרעסטער סוד, דער רוף פונם בלוט און זיין ווידערקלאַנג?!... גיך האָב איך זיך אַריבערגעבויגן צו איר און איר געקושט. אירע ליפּן האָבן אויסגעוויזן צו שמעלצן אין מיין מויל. ווי אַ יונג, וואָס באַקומט דעם ערשטן ליבע=קוש, דעם ערשטן פייער פון דער ליידנשאַפט, האָב איך געציטערט מיטן גאַנצן קערפּער, בין געווען נאָענט צום חלשן. אַן איבעראַשטע, באַהערשטע, אָבער נאָר אויף אַ בליץ-שנעלער רגע, איז אסתּר גיך געקומען צו זיך און איז געגאַנגען צו דער טיר. איך האָב זיך אומגעקוקט און דערוואַרט, אַז זי וועט פאַרשוואונדן ווערן; אָבער זי איז געשטאַנען אַריינגעראַמט אין די ביישטידלעך. איר פּנים איז געווען ווייס און צאַרט, און אירע פייכטע ליפּן האָבן אויסגעזען ווי פאַרצערט און צעוויטיקט. אָבער אירע אויגן זיינען געווען קלאָר און האָבן ניט געפינטלט און האָבן אויסגעזען ווי אַ געפראָרענער טייך אונטער די ווינטערהימלען... איך האָב דעם קערפּער געהאַט באַרירט, און דער קערפּער איז מיר געווען אויף אַ רגע אונטערוואָרפן, אָבער דער גייסט, דער גייסט איז געווען אומבאַרירט און ריין... איך האָב דאָס גוט געזען:.. דער גייסט איז ניט געווען מיט מיר... דער גייסט, וואָס איך האָב גערופן: פוריטאַניזם. יעדנפאַלס האָב איך פון אסתּרן עפּעס געהאַט. איך האָב אירע ליפּן געקושט. אַ טראָפּן וויין האָב איך געטרונקען, וואָס איז געקעלטערט געווען פון די פרוכט פון דער תּאווה, אַזוי שטאַרק אַז עס האָט מיך צעטומלט. אין מיין האַרצן בין איך אָבער קראַנק געווען פון אַנטוישונג... איך האָב ניט געקאָנט לאָזן אסתּרן גיין. ס'איז נאָך פריער טאָג. שפּעטער אינאָוונט וועט זי נאָך אפשר קאָנען זיך קוויינקלען זיך

צו באַגעגענען מיטן מאַן, וואָס האָט געגנבעט דעם האַספּיקן, איבעראַשנדיקן קוש...

איך האָב געקוקט אַפן זייגער און געזאָגט: „אסתר, עס איז ערשט נאָך פינף". קום אין אופּטאָן. מיר וועלן זיך אויסזוכן אַ פיינעם רעסטאראַן, וואו צו עסן אָוונטברויט. איידער די אָפּערע הייבט זיך אָן. איך האָב דיר אסך צו דערציילן"... רואיק, אפשר פאַרשעמט איבער איר אומזיכערקייט. האָט זי מיך סטודירט, משמעות זיך באַמיט. פון איר וועזן אַף מיר אַ ליכט־שטראַל צו וואַרפן. זי האָט גענומען פון ביוראָ־טיש איר האַנטבייטל. האָט מיך אָנגעקוקט מיט אַ שמייכלדיקע, גלייכגילטיקע מינע און גע־זאָגט אומדערשראָקן: „קום. מאיר, לאָמיר גיין". אירע אויגן זיינען געווען קלאָר און אָן מורא.

אַז מיר זיינען דורכגעגאַנגען די איינגע, איבערפולטע כריסטי סטריט, דורך דער צווייטער עוועניו, האָט זיך איר קליינע האַנט געלייגט אַף מיין אָרעם. און איך האָב זיך געפרייט אין דער רגע, איר צו פילן אין דער נאָענט. אסתר האָט פאָרגעלייגט, מיר זאָלן מאַכן אַן אומוועג, דורך די איינגע גאַסן אַרום סטיווע־סאַנט, גרעווערסי און מעדיסאָן סקווער, וואו אַלט ניו־יאָרק האָט געפּרואווט געבן דעם לעצטן ווידערשטאַנד דעם אָנשטורעמען פונם געשעפטס־לעבן און פון די איינוואַנדערער. אסתר האָט ליב געהאַט די רואיקע זייטנגאַסן מיט זייערע הייזער פון ציגל און ברוינע שטיינער, פול מיט רואיקער עלעגאַנץ, פול גרויסע ליניעס און גוטן געשמאַק. דאָס איז איר ליבלינגס־שפּאַציר־אָרט און אַ שליכל צום סוד פון אירע געהיימע פאַרלאַנגען.

ווי נאָר מיר זיינען אַרויס אַף די ברייטע בולוואַרן האָט אסתר אַרויסגענומען איר האַנט פון מיין אָרעם און איז געגאַנגען פריי, אומאָפּהייניק נעבן מיר. „נעם דאָך ניט אוועק פון מיר די האַנט פון אַ ליבן חבר", האָב איך איר אַריינגעזאָגט. זי האָט אָבער תיכף אָפּגעענטפערט: „פאָרוים, מיין קליינער אינגל, האָסט מורא, זאָלסט ניט פאַרבלאָנדזשן?" מיין פרייד איז געווען די פרייד פון אַ חדר־אינגל אַף פאַרבאָטענע וועגן, די פרייד, וואָס

האָט איר מקור אינם געפיל פון חברשאַפט״. אין דער רגע איז מיין קאָפּ געווען אינגאַנצן פריי פונם וויין פון דער ליידנשאַפט. אויך איך בין איצט פריי געווען פון די ערדישע באַגערן, אָבער בעת די האַנט, וואָס איז נאָענט בײַ מיין האַרצן געלעגן איז וואַרעם געוואָרן, האָט עס מיך ווידער אופגערעגט... איך האָב אָנגעהייבן צו קאָכן און צו שטורעמען און שוויינדיק צו פאַרשילטן דעם גייסט, וואָס האָט זיך פאַרבאָרגן הינטער אַן אייז-פענצער און וואָס ווערט זיך קעגן מיינע שטאַרקסטע פלאַמען.

אַ פריילעכע, באַקאַנטע באַגריסונג האָט מיך אַרויסגעריסן פון מיינע חלומות פון ביטערע ערגערניש.

„היי, וואוהין פליט איר אַזוי? וואו ברענט עס דען?״

איך מוז מודה זיין, אַז אונזערע שריט האָבן מיטגעהאַלטן מיטן שטורעם און ערגערניש פון מיינע געדאַנקען.

מיר האָבן זיך אויסגעדרייט און דערקענט, אַז אונז זיינען נאָכגעגאַנגען היימי רובין און האַרי וואָטין, ביידע האָבן פאַר דער לעצטער צייט געהאַט אָפּגעגעבן זייער דאָקטאָר-עקזאַמען, מיט זיי צוזאַמען איז געווען אַ שלאַנקער, שיינער מאַן מיט אַ פאַר-ברוינטן פּנים.

„דערלויבט מיר, אייך באַקענט צו מאַכן — ד״ר ליאָנעל קרעך״... וואו האָט ער אייגנטלעך באַקומען אַזאַ אופגעבלאָזענעם נאָמען? דער נאָמען האָט לחלוטין ניט געפאַסט פאַר זיין פּנים. אפשר האָט דאָס אין מיר גערעדט דער אינסטינקט פון אייפער-זוכט. ער האָט אין דער ווירקלעכקייט ניט געהאַט קיין שום כאַראַקטעריסטישע אידישע שטריכן אַף זיין פּנים, סיידן אפשר זיין נאָז. ווען איך האָב זיך אָבער גוט איבערלייגט, האָב איך איינגעזען, אַז אויך זיין נאָז איז אַן עכט-רוימישער... אויך זיין אויסגעצייכנטע אופפירן זיך האָט מיך שאָקירט. איך האָב דער-פילט מיין אומבאַהאָלפנקייט. איך בין געווען צעשטערט, באַזיגט דורך אַ מין איבערייס פון די גייסטיקע דראָטן... איך האָב גע-פּרואווט אסתרן אוועקצונעמען, אָבער עס האָט זיך געפילט א

קעגנשטראָם, וואָס איז אַרויסגעגאַנגען פון ד״ר קרען און פאַר וועלכן כ׳האָב מורא געהאַט... „אויף אַ באַזוך אין ניו־יאָרק... כּדי זיך אַרומצוקוקן... גוואַלטיק אינטערעסאַנט... ווייטער אַרבעטס־געביט... אומדערהערטע אַנטוויקלונג... יאָ... אפשר בלייב איך, ניין, ניט פּאַראינטערעסירט אין דער מעדיצין, אויך ניט אין קליניק־פּראַקטיק, עפּעס נייס״... „ראַסנפּסיכאָלאָגיע. ערנסט, זייער. ראַסן־פּסיכאָלאָגיע״. „יאָ, אין אַמעריקע וועט זיך אַנטוויקלען אַ אידן־פראַגע... זיכער״... איך האָב אויפגעכאַפּט שטיקלעך פונם געשפּרעך, שפּליטערס פון דער אידייע. פאַרטראָגן האָב איך אים ניט געקאָנט. איך האָב דערפילט, ווי ער נעמט פון מיר אַוועק אסתרן. זי האָט זיך געבויגן, אינטערעסירט, פאַרזונקען פאַר זיין רייד־שטראָם, פאַר זיין פּערזענלעכקייט.

ענדלעך איז געקומען די גאולה, ווען היימי האָט זיך וויציק אָנגעהויבן נאָכפרעגן: „ווי געפעלט דיר מיין באָרד, אסתר? איך וויל אים לאָזן אויסוואַקסן אַזוי לאַנג, ביז ער וועט מיר פאַרשטעלן מיינע קרומע קני״.

„דו זעסט אויס שרעקלעך וויכטיק און דאָקטאָרמעסיק״, האָט אסתר פריילעך דערקלערט.

„מאָרגן הייב איך אָן צו פּראַקטיצירן. באַזוכט מיר אַ מאָל אין מיין קאַבינעט״.

„איך באַגריס און ווינטש אייך אַ סך גליק, ד״ר רובין״, האָט אסתר געזאָגט און אים פריינטלעך געדריקט די האַנט.

„פיל גליק, היימי״, האָב איך געמורמלט.

היימי וויצלט זיך און מיר לאַכן, אפילו האַרי האַלט מיט. אָבער אויף זיין פּנים לייגט זיך אַ טריבער וואָלקן, ווען היימי באַרירט אַ וואונדיקן פונקט.

„דער איינציקער אופן ווי אַזוי אָנצוהייבן אלס אמתער דאָקטאָר, איז טאָן אַ גוטן שידוך. מאיר, אפשר קאָנסטו מיר צושאַרן אַ שידוך מיט אַ סך נדן, איך זאָל מיר קאָנען איינאָרדענען אַן ערשט־קלאַסיקן קאַבינעט?״

האַרי טראַכט וועגן פֿאַני ווייַנגראַד, ווי מען זאָגט, וויל ער מיט איר חתונה האָבן, ווייל איר פֿאָטער האָט געלט.

ד״ר קרען האָט ווידער געגעבן דעם טאָן פֿאַר אַ נייער דיסקוסיע. איך האָב געזען, אַז עס וועט קיין סוף ניט נעמען: דער עולם האַלט מער פֿון דיסקוטירן, איידער פֿון דער אכילה. דער מלאך הגואל איז ווידער א מאָל געווען היימי, וועלכער האָט אַ פֿרעג געטאָן: „ווען וועלן מיר אייגנטלעך זיך אָנפּיטערן?״

מיר האָבן פֿון זיי ניט געקאָנט פּטור ווערן און באַם עסן האָב איך ניט געהאַט קיין מעגלעכקייט, ווי איך האָב געהאַט געפּלאַנט, אויסצוגיסן די האַרץ און צוצוזאָגן, ווי אויך צו געניסן דעם פֿאַרגעניגן איר צו האָבן נאָענט נעבן זיך.

היימי האָט אונז געפֿירט אין אַן אונגאַרישן קעלער־רעסטאָראַן אַפֿן סאַן־מאַרק פּלאַץ, באַ דער צווייטער עוועניו. דער רעסטאָראַן־באַלעבאָס, אַ דיקער באָהעמיער, רונד ווי אַ ביר־פֿעסל, דריקט דעם הער דאָקטאָר די האַנט און לאָזט זיך פֿאַנאַנדער אין תהילות ותשבחות וועגן זיין קיך.

היימי האָט אַרומגעבלאָנדזשעט מיט זיינע פֿינקלדיקע אויגן און אומדערמידלעכע ליפּן אין די דורכגיינג פֿון טיש צו טיש און האָט באַגריסט סטודיום־פֿריינט, יונגע דאָקטוירים, באַקאַנטע פֿון דער פֿרייער פֿאַרייניקונג פֿון די ראַדיקאַל־געשטימטע, יונגע אַלטע לייט, הייסע דיסקוטירער, וועלט־פּאָליטיקער, אַלטע יונגע מענער, וואָס זיינען גראָ געוואָרן אונטער דער דערקענטניש־לאַסט פֿון די האַרטע וואָרהייטן פֿונם לעבן, און די באַשטענדיקע קאַפֿייהויז־באַזוכער, וואָס האָבן זיך אַרויסגעשלייכט פֿון דער אָנגענעם־פֿוילער אַטמאָספֿערע פֿון די קאַפֿייען אין ווין, בודאַפּעשט, פּראָג און בערלין און זיך אַריבערגעפּלאַנצט אַפֿן זעלביקן באָדן אין דער נייער וועלט; אַזעלכע, וואָס מאַכן אַ לעבן פֿון באָרגן, קאָרטנשפּילן, פֿאַרקויפֿן לאָמבאַרד־קוויטאַנציעס, פֿון רייניקן אָפּגענוצטע שפּיל־קאָרטן און זיי ווידער פֿאַרקויפֿן; אַזעלכע, וואָס טוען אַלץ אין דער וועלט, נאָר ניט אַרבעטן: אַ בונטע צוזאַמענגעוואָרפֿענע, איינגאַרטיקע גוטמוטיקע, גלייכגילטיקע כאָפּטע מענטשן.

איך פרואוו דערמאָנען אסתרן, אַז מען דאַרף גיין. זי הערט אָבער ניט און בעט באַ ד"ר קרען, ער זאָל ווייטער ריידן. קרען קוקט אַריין אסתרן אין די אויגן. איך פיל, אַז איך עקזיסטיר מער ניט פאַר איר.

איך ווייס ניט ווי לאַנג עס וואָלט נאָך געדויערט. איך האָב אַ קוק געטאָן אַפן זייגער און געזאָגט אסתרן, אַז עס וועט ווערן שפּעט. מיר האָבן זיך גיך געזעגנט און אסתר האָט געבעטן ד"ר קרען, ער זאָל באַזוכן פּינס פילאַנטראָפּישן צענטער... זי האָט אים געוואָלט זען נאָך א מאָל און נאָך מערער וויסן פון זיין משוגענע ראַסנפּסיכאָפּאַטאָלאָגיע.

איך בין געפאָרן מיט אסתרן, ניט אויסריידנדיק קיין וואָרט. איך האָב געזען, אַז אסתר איז פאַרזונקען אין געדאַנקען, און מיר האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז קרען האָט אַף אַ סך פאַרגרעסערט און דערווייטערט דעם גייסטיקן מהלך צווישן מיר מיט אסתרן.

איך האָב געקויפט בילעטן אַפן באַלקאָן פון דער גאַלעריע. ס'האָט געשפּילט „אַאידאַ". איך האָב די מוזיק ניט געהערט... איך האָב נאָר געפילט, אַז אסתר, וואָס זיצט נעבן מיר, איז אין גייסט ווייט אַוועק פון מיר. איך האָב איר האַנט אָנגערירט, און זי האָט עס אַף גיך אַוועקגעכאַפּט... אין משך פון א רגע האָב איך געטראַכט וועגן אַראָפּוואַרפן זיך פונם באַלקאָן. אָבער מיין עגאָאיזם איז מיר צו הילף געקומען. חלומענדיק בין איך געזעסן און געלאָזן פאַר זיך פאַרבייַשוועבן די מוזיק, בעת איך האָב פאַנטאַזירט פון די ערנשטעלעס, וואָס איך וועל דערגרייכן... אסתר וואָלט נאָר געוועזן אַ שטערונג... דער ריח פון פאַרפומירטע לייבער האָט מיר אין נאָז געשפּאַרט. איך האָב געזען דעם ווייסן קרייז פון נאַקעטע שולטערן אין די לאָזשעס און האָב מיר געגעבן אַ וואָרט, אַז אויך איך וועל א מאָל זיצן אין די לאָזשעס, געערט, געזוכט, באַגערט, געליבט...

איך האָב אסתרן פאַרלאָזן באַ דער טיר פון איר הויז, קורץ געוואונטשן אַ גוטע נאַכט. געגאַנגען מיט גלייכע טריט

אַהיים און אַרופגעלאָפן די טרעפ. איך בין געלאָפן פון אסתּרס מאגנעטישער צוציאונגס-קראפט.

גרעטל האָט געוואַרט אַף מיר...

.3

הירש און פריינד — אַדוואָקאַטן.

אזוי איז געווען דער אופשריפט אַף אַ גרויסע וויטרינע פון א געשעפט, וואו מיר האָבן געהאַט אונזער ביוראָ. אַ הײנגערי-קער שוואַרץ-געלער שילד איז געהאַנגען אין דער הויך, וואָס האָט אַף אַלע זייטן אָנגעזאָגט אַף עטלעכע שפּראַכן — ענגליש, אידיש און רוסיש:

אדוואקאט.

קליינע גרופּעס פון מענער און פרויען וואַרטן נעבן אונזער ביורא. זיי האָבן שוין קיין אָרט ניט אין די איבערפולטע וואַרט-צימערן פון אונזער קאַנצעלאַריע, עס ציט די מענטשן צו איבער-פולטע מאַגאַזינען. דאָס איז באַגרינדעט אין זייער סטאַרע-אינ-סטינקט, אין זייער שרעק אליין צו שטיין, אליין צו האנדלען. דורך-אַרצדיקע באַגריסונגען, אָן אַ זייט אָפּגיין, אָפּטרעטן דעם וועג, בעטלענדיקע בליקן, הכנעהדיקע הענט אויסשטרעקן און אַ שטילער סודענען זיך: „אָט קומט ער", זיינען דער באַלזאַם אַף מיין אומעטיקן האַרצן. דאָס ווירקט ווי א וואַנע מיט היילנדיקן בוימאייל. איך וואַרף זיך אין ים פון שווערקייטן, די שווערקייטן פון אַנדערע, און די רו קומט צו מיר. מיין קאָפּ ווערט קלאָר. די בלומען-ריחות פאַרשווינדן. איך בין צוריק מאיר הירש.

עס עפנט זיך פאָרזיכטיק די קליינע טיר מיט אַ מאַטן גלאָז-פענסטער, וואָס טיילט אָפּ מאַקסים קאַנצעלאַריע פון מיינע. איך שיק אַרויס אַ קליענט, וועלכער איז איצט בא מיר און פאַרשליס מיט א שטאַרקן קלאַפּ די טיר, כדי מאַקסין אָנצודייטן אַז די

לופט איז ריין. תיכף קומט אַריין מאַקסי מיט אַ קרעפּטיקן מאַן...
„ריכטער דופּיי, דערלויבט מיר אייך צו באַקענען מיט מיין שותּף
מאיר הירש... נאָך אַ פּאָר מינוטן געצוואונגענע געשפּרעכן גייט
ריכטער דופּיי אַוועק. מאַקסי שטשירעט די ציין. ער זעט אויס
ווי אַ קאַץ בעת ער שמייכלט זיך אַריין אין באָרד. „דאָס איז
דער פינפטער”... איך האָב אַריינגעוואָרפן דעם אַנגל... פּוטער אַף
ברויט... זע נאָר אָן דופּיים וועקסל אַף איבער צוויי טויזנט דאָ=
לאַר. איך האָב אים געזאָגט, אַז ער מעג צאָלן, ווען ער וועט
וועלן, דו פאַרשטייסט, ווען ער וועט וועלן, עס וועט ניט אויס=
מאַכן, אויב ער וועט גאָרניט צאָלן”... מאַקסי שרייבט אַריין אין
זיין טאַשנביכל. ”איך האָב די סומע אַריינגעטראָגן אין דער אָנ=
ווער=קאָנטאָ”... איך האָב נאָר געשמייכלט. מאַקסי איז אויסערגע=
ווייינלעך כיטרע, אָבער לאָיאַל און ערלעך מיט מיר. איך האָב
אַכטונג געלייגט אַף די פּאָליטישע אייזנס, וואָס מיר האָבן געהאַט
אין פייער, האָב געשמירט די פּאָליציסטן און באַזאָרגט אַלץ, וואָס
נויטיק איז אין פאַרבינדונג מיט די קרימינאַליסטן, איך האָב זיך
געטיילט דעם האָנאָראַר מיט די געריכטס=דינער, געריכטס=שרייי=
בער, אופזעער, דעטעקטיוון, פּאָליציסטן, זייערע אָנפירער, באַלע=
באַטים און אַלע, ווער ס'איז אונז נויטיק געווען, איך האָב גע=
האַט אין מיין רשות פונם ריכטער ביזן שטיוול=פוצער אין פאָ=
דערצימער פון געריכט. מאַקסים ממשלה איז ווידער געווען די
ציוויל=געריכטן, און זיין געשיקטקייט און שלויקייט אין די קריייז=
פאַרהערן האָבן אים פאַרשאַפט אַ נאָמען, אָבער מאַקסי האָט גע=
וואוסט, אַז פון קענען בלויז דעם געזעץ אַליין, אַפילו בײַ דער
גאַנצער געשיקטקייט און חכמה, קאָן אַן אַדוואָקאַט אין ניו=יאָרק
פאַרהונגערט ווערן. דעריבער האָט ער אויך אַריינגעשטעקט זיין
האַנט אינם זאַק, פון וועלכן מען ציט די פּאָליטישע לאָזן און
האָט געהאַנדלט מיט וועקסלען. פּונקט ווי דער גרעסטער טייל
ריכטער, האָט אויך דער ריכטער דופּיי געשטעקט איבערן קאָפּ
אין חובות, ווען ער האָט אָנגעהייבן זיין ריכטער=דינסט... אַזוי
איז עס געווען אין יענער צייט אין ניו=יאָרק, אַז אַ ריכטער=
פּאָסטן האָט אָפּגעקאָסט אַ גוואַלטיקע סומע, אין אויבערשטן

געריכט האָט אַזאַ פּאָסטן אָפּגעקאָסט אַן ערך 35 טויזנט דאָלאַר. מאַקסיס סיסטעם איז געווען פּשוט. ער האָט ניט פאַרלאַנגט קיין אומגעשפּראָכענע טובות. ער האָט נאָר דערוואַרט אַ געוויסע נטיה אַף זיין צד. ער האָט נאָר געדאַרפט דעם גוטן ווילן פון ריכטער. די ריכטער האָבן תיכף איינגעזען, אַז ס'איז גענוג געפאַרלאָז לטובת אים צו אַנטשיידן. דען מאַקסי איז ניט געווען אומגעשיקט. ער האָט זיך באַזאָרגט פון אַלע זייטן. ער האָט זיך צום ערשטן פאַרזאָרגט מיט דער דאַנקבאַרקייט פון די ריכטער, נאָכדעם האָט ער זיך דערוואָרבן זייער אַכטונג דורך גרינטלעך דורכגעטראַכטע און צוגעגרייטע פאַלן — דאָס האָט אים צו דער זעלביקער צייט געגעבן דעם געפיל פון זיכערקייט. אַזוי האָבן די ריכטער קיין מורא ניט געהאַט אַרויסצוגעבן אַן אומגערעכטן פּסק־דין, און האָבן ניט געדאַרפט זאָרגן וועגן דעם, אַז זיי זאָלן האָבן אומאָנגענעמלעכקייטן אינם העכערן געריכט. מאַקסי האָט אַכטונג געגעבן, אַז די ענינים זאָלן האָבן גענוג הינטערטירלעך. די ריכטער זיינען פון אים געווען צופרידן. ער האָט אַליין געוואוסט ווי אַזוי צו פאַרדרייען אַ זאַך, אַז מען זאָל ניט וויסן פון וואַנען עס קומט און וואוהין עס וועט אַהינקומען. ס'האָבן זיך אַפילו פאַרשפּרייט ידיעות, אַז מאַקסי אַליין פאַרפאַסט די פּסק־דינים, דורך וועלכע ער האָט געשאַפן אַ ריי פּרעצעדענטן, וואָס זייער געהיימען מקור האָט ער נאָר אַליין געוואוסט... בעת שפּעטער איז פאַר אַ ריכטער פאָרגעטראָגן געוואָרן אַ גרויסער ענין, האָט ער שוין מורא געהאַט אַליין אַרויסצוטראָגן דעם פּסק־דין, ניט פרעגנדיק אַן עצה בײַ מאַקסין. נאָר דאַמאָלסט האָט ער זיך געפילט זיכער...

ניט אָפּנויגנדיק פון מיין געפּלאַנטן וועג האָב איך געשאַפן אַ פּאָליטישע אָרגאַניזאַציע, וועלכע איך קאָן באמת אָנרופן מיינע; אַן אָרגאַניזאַציע, וואָס איז תיכף געוואָרן אַ פאַקטאָר אינם פּאָליטישן לעבן. איך האָב אָרגאַניזירט די גאַסן־הענדלער אין אַ שוץ־פאַרבאַנד. אין גרופּעס צו פיר און פינף, אַנדערש מאָל צו צען האָב איך זיי געלאָזן אָפּגעבן די שבועה אַלס בירגער. מיין ערשטער שריט איז געווען, וואָס איך האָב אָפּגעשאַפט דעם קליינעם

שטייער פֿון אַ פֿערטל דאָלאַר, וואָס יעדער הענדלער האָט געמוזט געבן דעם פּאָליציסט. די גאַסן־הענדלער האָבן אָנגעהייבן צו האַלטן שטאָלצער די קעפּ. דאַן האָב איך אָנגעוויזן, אַז די קאָנקורענץ פֿאַרשאַרפֿן די צופֿיל נייע, וואָס הייבן אָן צו האַנדלען אויף גאַס. איך האָב דורכגעפֿירט אַ תּקנה, אַז צו האַנדלען דאַרף מען האָבן אַ ליצענץ, און אויסלבן באַקומען בלויז בירגער. אַלע הענדלער זיינען געלאָפֿן אין שוץ־פֿאַרבאַנד, זיינען געוואָרן בירגער און האָבן אַרויסגענומען ליצענצן און האָבן אָנערקענט, אַז ס'איז בעסער צו באַשרייַנקען די צאָל קאָנקורענטן. די „פּעדלער פּראָטעקטיוו אַסאָציאַציע" האָט מיר געצאָלט יערלעך הויכע שכירות. די הויפּט אַרבעט מיינע פֿאַר איר איז געווען, זיי צו באַפֿרייען פֿון די שטענדיקע אומאָנגענעמע באַלאַסטיגונגען פֿון דער פּאָליציי, צו זיין אַ בורר אין פֿאַרשיידענע סכסוכים, צו באַקומען ערלויבענישן צו האַנדלען אויף געוויסע גאַסן, צו פֿאַרהינדערן פֿון גנבֿות. דערצו האָב איך אונטערגעקויפֿט פּירערס פֿון געוויסע גנבֿים־באַנדעס. די שטימען פֿון די גאַסן־הענדלער האָבן דורכאויס געהערט צו מיר. אויף זיי האָב איך געקאָנט רעכענען. ביי דושים האַלאָראַן האָט אָנערקענט מיינע פֿאַרדינסטן, און איך האָב אים געבעטן אַ געפֿעליקייט פֿאַר מיינע יונגט־פֿריינט. איך האָב געשטרעבט זיך צו דערוועבן די פֿריינטשאַפֿט פֿון שימשון, צוגלייך מיט דער לאָיאַליטעט פֿון בולקי מיט זיין באַנדע, מיט וועלכע איך בין געווען געזויבערט.

פּונקט דאַמאָלסט איז פֿאָרגעקומען אַ הייסער קאַמף צוליב די קעשענע־גנבֿים־פּריווילעגיעס אויף דער ברוקלין ברידזש, וואו דער גוואַלטיקער מענטשן־שטראָם האָט געגעבן אַ סך הכנסה־מאַטעריאַל פֿאַר קעשענע־גנבֿים. דעטעקטיוון זיינען געשטעלט געוואָרן אַכטונג צו געבן, אַז די פּאָליציי זאָל ניט שטערן קיין שטערונגען די קעשענע־גנבֿים אין זייער אַרבעט און אַז קיין פֿרעמדע גנבֿים זאָלן ניט האָבן קיין צוטריט צו דעם פֿעטן ביסן. ביי דושים האָט צוגעטיילט די קאָנצעסיעס פֿאַר דער ברוקלין ברידזש אין מיין רשות. איך ווידער האָב זיי צעטיילט צווישן פֿיר גנבֿים, צוויי פֿון שימשונס באַנדע און צוויי פֿון בולקיס, וואָס האָט

אַריינגעבראַכט אַ שיינע הכנסה. אַ געוויסן פּראָצענט האָבן באַקומען די באַשיצער־דעטעקטיוון, אויך דער פּאָליציי־אינספּעקטאָר פונם דאָזיקן ראַיאָן האָט באַקומען זיין חלק.

דערווייל האָט זיך געמאַכט, אַז די מיידלעך, וואָס זיינען אונטערגעוואַקסן, זיינען געוואָרן דער הויפּט הכנסה־מקור פאַר די באַנדע־מיטגלידער. מען האָט זיי געשיקט אַפן גאַס. די פּאָליציי האָט דערלויבט די מיידלעך צו גיין נאָר אַף געוויסע גאַסן. און אַז מען איז ניט געווען מיט דער פּאָליציי אין גוטע באַציאונגען, זיינען די מיידלעך אַרעסטירט געוואָרן — און מען האָט זיי פאַרטריבן פון די בעסטע ערטער. האָב איך געזאָרגט דערפאַר, מען זאָל די מיידלעך פון מיינע באַקאַנטע ניט טשעפּענען, האָב צונויפגעזאַמלט די נויטיקע געלט און האָב איינגעאָרדנט מיטן פּאָליציי־אינספּעקטאָר, ווען ס'איז געווען אָנגענעם, אַז איך פאַרנעם זיך דערמיט. איך אַליין האָב מיט די מיידלעך ניט געהאַט קיין עסקים. איך האָב נאָר אַכטונג געגעבן, אַז שימשון און בולקי זאָלן פּינקטלעך צושטעלן דעם שטייער.

אַזוי איז עס געקומען דערצו, אַז איך בין געוואָרן דער פאָרשטייער פון די הענדלער מיט לעבעדיקער סחורה, די אַלפאָנסן און די הייזלעך־אייגנטימער. בכדי צו מאַכן דעם אָנשטעל און אָפּצוהיטן דעם אָנזען פון דער פּאָליציי און כדי די פּרעסע און די שרייבערס זאָלן שווייגן האָב איך אַראַנזשירט אַן ענין מיט די אַלפאָנסן, גאַסן־מיידלעך, הייזלעך־באַלעבאַטים. וואָס האָט געגעבן דער פּרעסע אַ סך מאַטעריאַל אַף אייניקע טעג און האָט איבערפולט די געריכטס־הייזער. איז אָבער אויך אַזוי גיך פאַרגעסן געוואָרן. די געריכטס־ענינים זיינען אין דער שטיל דערלידיקט געוואָרן, און דער געשעפט איז ווידער געגאַנגען, ווי פריער. ווי ביי דזשים פלעגט זאָגן: ניו־יאָרק איז אַ שטאָט פון ניין טעג — נאָך ניין טעג ווערט אַלץ פאַרגעבן און פאַרגעסן.

מען קאָן זיך פאָרשטעלן מיין איבערראַשונג, ווען אין אַ שיינעם טאָג איז געקומען צו מיר אין קאַנצעלאַריע אָנקל פּיליפּ.

וואָס האָט זיך קוים פאַרגונען צו פּטרן פינף מינוט אויף פרישטיק, מיטן פאַרשלאָג, אַז איך און מאַקסי זאָלן גיין מיט אים אין אַ שטילן רעסטאָראַן פרישטיקן, בכדי זיך דורכצושמועסן, בעתן געשפּרעך האָט פיליפּ אונז געפרעגט אַן עצה, ווי אַזוי צו מאַכן, אַז די יוניעס זאָלן דערקלערן אַ שטרייק און אומעטום געווינען, היות ווי בײַ אים האָבן געאַרבעט ניט-אָרגאַניזירטע אַרבעטער. האָט ער פאַרן שטרייק קיין מורא ניט געהאַט. פאַרקערט, ער האָט גערעכנט דורכדעם אַסך צו געווינען, ווייל ער האָט געהאַט אַסך אָנגעגרייטע פאַרטיקע אַרבעט, און די סוחרים וואָלטן דאָס געמוזט בײַ אים נעמען, ער האָט נאָר באַדאַרפט דער שטרייק זאָל זיך ציען אַ גאַנצן סעזאָן.

אָנקל פיליפּ האָט באַוויזן, אַז די אַרבעטער קאָנען גאָרנישט מאַכן בעת אַ שטרייק. זיי האָבן ניט די מיטלען אויף צו קעמפן מיט די שטרייק-ברעכער, ווייל די קאַפּיטאַליסטן קויפן אונטער די פּאָליציי, וועלכע לאָזט ניט צו די אַרבעטער צו די שטרייקברעכער. די אַרבעטער האָבן ניט מיט וואָס לאַנג אויסצוהאַלטן דעם שטרייק, דער הונגער צווינגט זיי נאָכצוגעבן. חוץ דעם איז פאַראַן אַן אַרמיי, וואָס רופן זיך „גונמען“ און וועלכע זײַנען גרייט אויף אַלץ, ס'איז נאָר אַ פראַגע פון פּרייז: אַן אונטערגעשלאָגענער אויג: 5 דאָלאַר; צעשלאָגן די זייטן: צען דאָלאַר; אויסברעכן אַ האַנט אָדער אַ פוס: פינף און צוואַנציק דאָלאַר; און דערמאָרדן אַ מענטשן: פופציק דאָלאַר.

פיליפּ מיינט, אַז כּדי די אַרבעטער זאָלן זיין זיכער מיט זייער דערפאָלג, האָבן זיי אויך געדאַרפט אָננעמען „גונמען“, וואָס זאָלן זיך שלאָגן מיט די אַנדערע „גונמען“, מחמת די ביליקסטע זאַך איז צו קויפן אַ מענטשלעכן לעבן. זיי דאַרפן צעשלאָגן די שטרייק-ברעכער. ווי מיר צעשלאָגן די אַרבעטער", האָט ער פאַרענדיקט.

איך האָב זיך דערמאָנט אָן מיכאל קאַהאַן, וועלכער האָט לעצטנס דערפינדן אַ נייע טעאָריע: „זאָל דער אַרבעטער-קלאַס אָנווענדן געוואַלט-טאַטן. זאָל ער צונעמען די אינדוסטריען, וועלכע

ער אַליין האָט געשאַפֿן, צום טײוול מיטן פּאַרלאַמענטאַריזם פֿון די מיטל־קלאַסן, די אַרבעטער דאַרפֿן זײַן אַקטיוו!״... מיכאל קאַהאַן איז פֿון מײַנע לײַט. איך האָב געשטעלט אין זײַן רשות מײַנע באַנדעס. איך וועל די אַנדערע באַנדעס אָפּרופֿן און באַווײַזן די בעלי־חלומות, ווי אַזוי מען באַקומט דאָס, וואָס מען וויל האָבן. פּרימיטיווע מעטאָדן מוזן אָנגעווענדט ווערן!

„ווען דאַרפֿסטו דעם שטרייק?״ האָב איך אים געפֿרעגט... פֿיליפּ האָט געלאַכט: „זע נאָר, איך וואָלט וועטן, אַז דער שומר ישראל מייק הירש האָט שוין אַלץ אין אָרדנונג״... „כמעט״, איז געווען מײַן ענטפֿער.

מײַנע שלוחים האָבן מיכאל קאַהאַנען געפֿונען אין טאַל־קערס קאַפֿײַהויז. זײַן ענטפֿער איז געווען: „זײַן גרויסער כבוד, הער „גראָבער פּופּיק״ קאָן קומען צו מיר, אויב ער פֿאַרלאַנגט עפּעס״... „זײַן כבוד, הער גראָבער פּופּיק״, דאָס איז אַלזאָ דער צו־נאָמען, וואָס די ראַדיקאַלן האָבן מיר געגעבן. די דאָזיקע אויס־געמאָגערטע, פֿאַרהונגערטע בעלי־חלומות האָבן גערעדט פֿון קנאה וועגן מײַנע רונדיקע, וואוילגענערטע קערפּער־פֿאָרמען! הגם כ׳האָב נאָך דאַמאָלסט ניט געהאַט די דיקע בויך, וואָס כ׳האָב באַקומען מיט אַ פּאָר יאָר שפּעטער זיצנדיק אַפֿן דרײַ־שטול אַלס ריכטער. אַף יעדן פֿאַל האָב איך אָבער פֿאַרשטאַנען מוחל צו זײַן אַף מײַן כבוד, ווען דאָס איז געווען אין מײַנע אינטערעסן. דען סוף־כל־סוף האָב איך דאָך געאַרבעט פֿאַר מײַן קעשענע. און אַזוי האָט זײַן כבוד הער גראָבער פּופּיק זיך אַראָפּגעלאָזן אין טאַלקערס קאַפֿײַהויז צום אידעאַליסטישן, שטאָלצן און הונגעריקן רעוואָלוציאָנער מיכאל קאַהאַן.

איך האָב אים איבערראַשט. „גלויבט איר באמת אין דעם וואָס איר זאָגט — איז באמת דער קאַמף צווישן אַרבעט און קאַפּיטאַל אַ קלאַסן־מלחמה? און אויב ס׳איז אַ מלחמה, זײַט איר מסכים מיט די מעטאָדן פֿון דער מלחמה? אָדער זײַט איר אויך ניט מער ווי אַ פֿלאַפּלערישער טיי־טרינקער אין טאַלקערס קאַפֿײַ־הויז? די געווערקשאַפֿטן קומען ניט ווײַטער. די מיטגלידער זײַנען

מיר צו צאָלן כסדר אין קאַסע פון דער אוניע. אויב איר וועט זיי ניט געבן קיין רעזולטאַטן פון אייער קאַמף, וועט איר פאַר־לירן אייערע מיטגלידער".

„איז וואָס ווילט איר? האָט קאַהאַן געפרעגט.

„איך בין אייך געקומען פרעגן, אויב איר ווייסט, אַז די אוניעס זיינען אין אַ שלעכטן מצב. מיינט איר ניט, אַז ס'איז שוין גענוג צו פלאַפלען. ס'איז שוין צייט צו קעמפן מיט די „באָסעס" מיט זייער געווער".

„מאיר", האָט ער געענטפערט," איך ווייס ווי אַזוי איר זייט גרויס געוואָרן. איך האָב באַאָבאַכט אייער אָנקל. איך קען אייך באַנדיטן. וואָס ווילט איר?"

„איך וויל אַ פּאָזיציע. איך וויל ווערן דער אַדוואָקאַט פון דער געווערקשאַפט. איך וויל דאָס צוליבן באַרוף. צוליב די באַ־קאַנטשאַפטן, וואָס כ'קאָן באַקומען. איך וויל אָנפירן מיט אייער נאָענטסטן שטרייק, אָבער ניט מיט פוסטע דיבורים, נאָר מיט מעשים"... איך האָב אים געפרואווט אונטערצוּוואַרעמען... „אַז איר וועט געווינען דעם שטרייק, ווערט איר דער הויפּט־אָנפירער פון די אוניעס. די לייט וועלן אייך בלינד נאָכגיין, בעת זיי וועלן זען, אַז איר גיט זיי דאָס, נאָך וואָס זיי האָבן לאַנג געשמאַכט און לאַנג געקעמפט".

„און אייער אָנקל?"

„ער איז ניט אַזאַ גזלן, ווי איר מיינט. ער האָט מיר גע־בראַכט צום דאָזיקן געדאַנק. ער איז מסכים מיט אברהמען, אַז וואָס בעסערע באַדינגונגען די אַרבעטער וועלן האָבן, אַלץ בעסער וועלן זיי אַרבעטן. חוץ דעם ברענגט עס צו דער סטאַביליזאַציע פון דער פּראָדוקציע. דערצו מוז מען אָבער האָבן פעסטע אוניעס. איר ווייסט דאָך, אַז אַן „אוניע־שאָפּ" קאָן ניט קאָנקורירן מיט אַ „שוויץ־שאָפּ". די גאַנצע אינדוסטריע מוז אָרגאַניזירט ווערן".

מיר האָבן זיך אָנגעהייבן צו סודענען.

אַפֿן אַנדערן טאָג האָב איך זיך באַגעגנט מיטן געהיימען עקזעקוטיוו־קאָמיטעט אין הינטערשטן צימער פֿון אַ קנייפּע אַף דער צווייטער עוועניו. ס'איז געפּלאַנט געוואָרן אַ געוואַלט־שטרייק. די באַנדעס האָבן צום ערשטן מאָל באַקומען די אויפֿגאַבע צו באַקעמפֿן די „גונמען" פֿון די „באָסעס". און דערמיט איז דער באַנדע־קריג געוואָרן דער גרונט־פּונקט פֿון אַלע קומעדיקע שטרייקן אין ניו־יאָרק. די שטאַרקסטע באַנדע, וואָס איז צוגלייך געשטיצט געוואָרן פֿון דער פּאָליציי, האָט געוואונען די מלחמה. אַנדערש מאָל האָט זיך געשטאַרקט דער קאַפּיטאַל, אַנדערש מאָל — די אַרבעטער.

אונזערע אָנגריפֿן זיינען קאָנצענטרירט געוואָרן אַף די פֿאַבריקן פֿון די גרעסטע פֿאַבריקאַנטן, אַף די קעניגן פֿון דער אינדוסטריע, וואָס פֿיליפּ האָט בײַ זיי געוואָלט אָפּנעמען די קונדן. מען האָט זיי דעראָבערט אין שטורעם, ווייל זיי האָט זיך אפילו נישט געחלומט דער דערפֿאָלג פֿון שטרייק. זייערע שטרייק־ברעכער און „גונמען" זיינען נישט אונטערגעהאַלטן געוואָרן פֿון דער פּאָליציי.

איך האָב באַזוכט די פֿירער פֿון מיין פּאַרטיי, און תּיכּף איז די פּאָליציי ערגעץ אַנדערשוואו באַנוצט געוואָרן. דאַמאָלסט האָבן די פֿאַבריקאַנטן אָנגעהערט צו דער רעפּובליקאַנישער פּאַרטיי און פֿאַר אונז האָבן זיי נישט געהאַט קיין באַדייטונג.

אונזער באַנדע איז אַרומגעפֿאָרן אין פֿאַבריק־קוואַרטאַל. זיי האָבן זיך געוואָרפֿן אַף די וואַך־פּאָסטנס, וואָס זיינען ביז איצט נישט געווען געוווינט צו אַ ווידערשטאַנד. צוזאַמען מיט געקליבענע אָרגאַניזירטע אַרבעטער זיינען אונזערע לייט אַריינגעדרונגען אין די אַרבעטס־רוימען, האָבן באַגאָסן מיט וויטריאָל און אַנדערע פֿאַרדאַרבנדיקע פֿליסיקייטן די פֿאַרטיקע און האַלב־פֿאַרטיקע סחורות. מיר האָבן אויסגעשטעלט לאַנגע רייען פֿון שטרייק־פּאָסטנס, האָבן געלאָזן פֿאַרפֿאָלגן די שטרייקברעכער ביז זייערע וואוינונגען, און אַז זיי האָבן נישט געוואָלט פֿאָלגן, האָט מען זיי געשלאָגן מכּות־רצח. ס'איז תּיכּף באַוואוסט געוואָרן, אַז ס'איז געפֿערלעך צו

זיין אַ שטרייקברעכער. די גרויסע פֿאַבריקן זיינען געווען באַצוואונגען. מיר האָבן זיך גענומען צו די קלענערע, וואָס האָבן זיך גיך געאייניקט מיט דער געווערקשאַפֿט. איך האָב אָבער ניט צוגעלאָזן, אַז אפֿילו איין פֿאַבריק זאָל אָנהייבן צו אַרבעטן. פֿיליפּ איז נאָך ניט געווען פֿאַרטיק. קיינער האָט ניט געטאָרט אַרבעטן, ביז ער וועט ניט אָנבאָטן זיינע סחורות. און ער האָט אַפֿילו ניט געטראַכט וועגן אָנבאָטן זיינע סחורות ביז עס וועט ניט זיין אַ באמת דרינגענדער פֿאַרלאַנג נאָך דעם.

חוץ די אָנגעוויזענע מיטלען האָב איך געפּרוּווט אונטערקויפֿן די „גונמענס” פֿון די „באָסעס”. דאָס איז געטאָן געוואָרן דורך די פּאָליטיקער, צו וועלכע די באַנדעס האָבן אָנגעהערט. אין אַ חודש אַרום האָבן די פֿאַבריקאַנטן אויפֿגעגעבן דעם שטרייק און האָבן געשלאָסן מיט די אוניעס אַ מין וואָפֿנשטילשטאַנד.

פֿיליפּ האָט באַקומען די קונים, וועלכע ער האָט באַדאַרפֿט. ער איז אַריבער מיט זיינע אויסשטעלונגס־רוימען אין אַ זעלטן פֿיינע געשעפֿטס־הויז אַף בראָדוויי, דערביי האָט ער דאָך איבערגעלאָזן זיין פֿאַבריק אַף מעדיסאָן סקווער. די פֿאַבריק איז איצט אויסגעוואַקסן און האָט פֿאַרנומען דריי שטאָק.

און איך בין געקרוינט געוואָרן פֿאַרן טשעמפּיאָן פֿון דער אַרבעטערשאַפֿט. די אוניע האָט אָנגעהויבן צו בליען.

אברהם איז געווען קעגן די מעטאָדן פֿון קאַמף און געשעפֿטס־פֿירונג, וועלכע די געווערקשאַפֿטן האָבן אָנגענומען. ער האָט געדראָט מיטן אַרויסטרעטן פֿון דער אוניע. און אַזוי ווי קאַהאַן האָט זיך געפֿילט אַלס זיגער האָט ער אברהמען אַרויסגעוואָרפֿן. ער האָט דערקלערט, אַז אברהמס פּאַציפֿיזם מאַכט אים פֿאַר אַ שונא פֿונם אַרבעטערקלאַס. אברהם וויל, אַז די אַרבעטער זאָלן בלייבן שקלאַפֿן. אָבער קעגן געוואַלט, דאַרף מען געברויכן געוואַלט. אברהם האָט אָבער דערקלערט, אַז אומרעכט קאָן מען ניט אויסראָטן מיטן באַגיין אַן אַנדער אומרעכט. פֿון איצט אָן ווידמעט ער זיך דערציערישע אויפֿגאַבן, און תיכּף אַפֿן צווייטן

טאָג האָט ער זיך אָנגעשלאָסן צו אַ וואַנדערער גרופּע, וואָס איז אַרומגעפאָרן איבערן גאַנצן לאַנד.

4.

מיר זיינען אַלע צוזאַמען געגאַנגען צו דער חתונה פון לילי ראָזנפעלד מיט סעם ראַקאָווסקי, וועלכער איז איצט געווען באַרימט ווי דער קאָמפּאָזיטאָר פון סייד־ראַלע. ס'איז געווען אַ גרויסע פייערונג אין איינעם פון די זאַלן פון דער אויבערשטער שטאָט. סעם איז געווען אַ באַרימטער זון פון דער געטאָ, וועלכער איז רייך געוואָרן אַלס מוזיק פאַרלעגער. ער און על־וואלף זיינען אויך געווען טעאַטער־דירעקטאָרן, האָבן דער עיקר צוזאַמענגעשטעלט אויך מוזיקאַלישע קאָמעדיעס, וואָס זיינען נישט געווען קיין אַנדער זאַך, ווי גלאָריפיצירטע בורלעסקען. על האָט דערקלערט, אַז ער ווייס גענוי, וואָס דער עולם פאַרלאַנגט: עלעגאַנטע שמוץ און אַ סך נאַקעטע פיס.

די בריליאַנטן און גאַלאַ־קליידער פון אונזערע פרויען האָבן קאָנקורירט מיט די עלעקטרישע קרוין־לייכטערס. די גאַנצע געזעלשאַפט איז זיך צונויפגעקומען. הארציקע באַגריסונגען, צורופן, אויסגעשרייען, געלעכטער. קוויטשעדיקע קינדער, וואָס האָבן זיך אויסגעגליטשט אפן גלאַטן פאַרקעט, די מעלאָדיעס פון אַ בלאָזאָרקעסטער, וואָס האָט געשפּילט סעמס באַרימטע „היטס".

דעם זעלביקן אָוונט האָט היימי רובין מודיע געווען וועגן זיינע תנאים מיט סעמס שוועסטער, מאַי, אַ לערערין. על וואלף איז געקומען מיט זיין צווייטער פרוי — די ערשטע איז געווען עפּעס אַן אומבאַקאַנטע, מיט וועלכע ער האָט זיך געהאַט געגט. פרוי על־וואלף II איז געווען אַ באַרימטע אָפּערעטן־סטאַר... אַלע פריינט, וואָס האָבן זייער מענער אָדער פרויען אָדער חתנים און כלות פאַרגעשטעלט... אַלע זיינען געווען חתונה געהאַטע אָדער האָבן געהאַלטן דערביי.

אסתר איז געקומען אין אַ ברוינער קלייד. האָט אויסגעזען אַזוי אָנציענד, אַז איך האָב פון איר ניט געקאָנט מיינע אויגן אָפּרייסן. זי איז געווען דער היפּוך פון אַלע דאַמען, וואָס האָבן זיך דאָ ארומגעדרייט... פעטע אָרעמס, וואָגיקע ברוסטן, ברייטע היפּטן, אופגעבלאָזענע פּנימער, טאָפּלטע גיידערס... אַ ווייסע בלום אַף אַ דינעם שטיינגל אין אַן עקזאָטישן גאָרטן... אַז איך האָב מיך מיט איר אליין דערזען הינטער אַ קינסטלעכער פּאַלמע אין אַ ווינקל פון אַ קליינעם באַלקאָן, האָב איך פאַרלאָרן מיין גאַנצע אַליינבאַהערשונג. איך האָב געזען די לייכטנדיקע ווייסקייט פון אירע שולטערן, דאָס פאַרצערנדיקע ליכט פון אירע אויגן... היינט זיינען זיי ניט געווען ווי געפראָרענע ימים... ליבע, וואַרעמקייט, זינלעכקייט האָבן ווי עקזאָטישע זומערפויגעלעך געשוועבט אין דער הייסער פאַרפומירטער לופט... אסתר אליין איז אויך געווען אופגעליינט און האָט געבליט. איך האָב געהאַט געטרונקען שאַמפּאַניער. איך האָב געגליט, בין געווען משוגע, בין מער ניט געווען מאיר הירש. איך בין געווען ניט מער ווי דער מאַנעלע, וואָס לעכצט נאָך דער וויבעלע... מיינע רייד צו אסתרן זיינען געווען ווי דער זומערווינט, וואָס דערוועקט די היץ פון ליידנשאַפט אין דער בלום און לאָזט איר אינגאַנצן אופבליען... איך בין געלעגן פאַר איר אַף די קני, פאַרכישופט פון איר שיינקייט. איבער מיר האָט געשטראָמט דער דופט און כישוף און צוזאָג פון א נייעם פרילינג. איך האָב געקושט איר האַנט, וואָס איז געלעגן אין איר שויס. כ'האָב געפילט ווי איר קאָפּ האָט זיך צו מיר צוגעבויגן און אירע שטילע רייד. די מוזיק האָט אָנגעהייבן שפּילן. אירע רייד האָב איך ניט דערהערט, אָבער אַ קליינער וואָרט האָט זיך אַריינגעשמייכלט אין מיין האַרצן... „מיין אינגעלע“... און איך האָב מיין קאָפּ פאַרבאָרגן אין די שמייכלדיקע פאַלדן פון איר קלייד און האָב געפילט אירע ציטערדיקע גלידער... לאַכעדיקע שטימען האָבן נאָענט געקלונגען, איר האַנט האָט זיך אָנגעשפאַרט אַן מיין פּלייצע, און איך בין אופגעשטאַנען... פאַרליבטע פּאָרלעך האָבן געזוכט אונזער שטילן ווינקעלע... מיר זיינען געזעסן שווייגעדיק, ווי פאַרשולדיקטע קינדער... אַ רויע שטים, ווי דער

וואָרנענדיקער טאָן פון א דונער, האָט זיך דערהערט... די גרא־בע שטים איז צוגעקומען נאָענטער און איך האָב דערהערט: „הער הירש! האָט עמיצער נים געזען הער הירש?"... דאָס איז געווען ביג דזשאָ, וועלכער האָט נאָך גראָבער אויסגעזען, ווייל ער איז נים געווען געגאָלט, ער האָט געטראָגן זאַקיגע קליידער און די היטל איז בא אים געווען אריבערגעצויגן איבער די אויגן, ווי ער וואָלט באַוואוסטזיניק געוואָלט נאָך מער אונטערשטרייכן דעם ברו־טאַלן איינדרוק, וואָס ער האָט געמאַכט. זיינע מיט בלוט־פאַרלאָ־פענע אויגן האָבן אויסגעזען ווי פאַרלאָשענע קוילן. די ידעה וואָס ער האָט געבראַכט, איז געווען קורץ און וויכטיק: „דריי יפון אונזערע חברה זיינען אַרעסטירט. ווערן באַשולדיקט אין אַ מאָרד. פרעמדע פּאָליציסטן האָבן זיי געכאַפּט. מאָרד, מען האָט זיי אָפּ־געפירט אין דער הויפט־פּאָליציי, זיי זיינען אונטערוואָרפן דעם טיירד דעגרע... טיירד דעגרע... מאָרד־אָנקלאגע... דאפיע, אַרציע און דאגאָ"... איך האָב זיך געזעגנט מיט אסתרן, האָב איר גע־זאָגט, אַז איך רעכן נאָך רעכטצייטיק צוריק צו קומען, איר אָפּ־צופירן אַהיים... „אסתר, איך בעט דיך, וואַרט אַף מיר ביזן סוף", האָב איך געבעטלט... אָבער צוריק צו דער ריכטיקער צייט בין איך נים געקומען.

בולקי האָט שוין אַף מיר געוואַרט פאַרן הויפּט־קוואַרטיר פון דער פּאָליציי. גיך האָט ער מיך געוואָרנט: „טיירד דעגרע, באָס". איך האָב זיך געאיילט, בין אַריין צום שעף און אים גע־בעטן, ער זאָל זיי שטעלן אונטער דער „דריטער מדרגה". עס האַנדלט זיך וועגן מיינע לייט. ער האָט מיר אָנגעזאָגט אַ טרוי־עריקע בשורה. דעם ענין האָבן געהאַט אין זייערע הענט אייזנבאַן־דעטעקטיוון, און די רעגולערע דעטעקטיוון האָבן גאָרנישט געקאָנט טאָן, ווי גיין מיט זיי האַנט בא האַנט, ווייל דער באַשולדיקונגס־מאַטעריאַל איז געווען די בלוט. איך האָב דערקלערט, אַז ס'איז אויסערגעוויינלעך נייטיק צו שטעלן דעם ענין אין דער „דריטער מדרגה". איך האָב געוואוסט, אַז דאָפּיע אייקע וועט נים קאָנען ביישטיין די רעזינע־נאַגייקעס, טויטשלעגערס און פּאָליציי־שטעקנס. „שעף", האָב איך געזאָגט, „איינער פון דער חברה איז א שוואַכ־

זיניקער, איז ניט מער ווי אַ קליין קינד און ער וועט זיך אין אַלץ מודה זײַן"... איך האָב געשיקט נאָך בײַ דזשים און ליטו טאָם, איך האָב דאָס דורכגעפירט. די חברה האָט מען אַרײַנגעזעצט אין קאַמערן און איך האָב זיי געניוג לאַנג געזען, כדי זיי אָנצוזאָגן וואָס זיי דאַרפן ריידן, „קיין איין וואָרט! קיין איין וואָרט טאָרט איר ניט זאָגן!"

די יונגען זײַנען באַשולדיקט געוואָרן, זיי זאָלן האָבן דערמאָרדעט אַ בילעטן־פאַרקויפער אַף דער הויכבאַן פון דער צווייטער עוועניו, זיי זײַנען אויך באַשולדיקט געווארן אין באַרויבן 300 דאָלאַר־געלט פון דער געזעלשאַפט. דער פאַרברעכן איז פאָרגעקומען מיט זיבעקס וואָכן צוריק. ער איז שוין געווען ווי פאַרגעסן, די פּאָליציי האָט זיך ניט שטאַרק אָנגעשטריינגט אויפצוזוכן די פאַרברעכער. אין אַלגעמיין האָט עס געהייסן, אַז עמיצער פון די באַנדעס איז דאָ פאַרמישט. אָבער די אייזנבאַן־געזעלשאַפט האָט ניט געשוויגן. אירע דעטעקטיוון האָבן געשנאָרט איבער די קנייפּעס און לאָקאַלן, וואו אונזערע באַנדעס האָבן פאַרבראַכט. די שבורע פלוידעריי פון דאָפּיע אייקע האָט אַלץ פאַראַטן. ווי ס'האָט אויסגעוויזן וואָלט עס גאָרניט געקומען צו קיין מאָרד, ווען דאָפּיע אייקע וואָלט זיך ניט געוואָלט באַרימען אַלס מערדער. די יונגען האָבן געצוואונגען דעם באַאַמטן אָפּגעבן דאָס געלט, האַלטנדיק קעגן אים די רעוואָלווערן, און זײַנען שוין געווען אַוועק, ווען זיי האָבן געהערט אַ שאָס. אַרציע און דאַגאָזשאַק האָבן זיך אומגעדרייט און געזען דאָפּיע אייקען מיטן רויכערנדיקן רעוואָלווער אין האַנט שמייכלענדיק... דאָפּיע אייקע האָט דעם ערשטן מאָל געשאָסן און ער איז געווען זייער שטאָלץ דערמיט. ער האָט זיך געגרויסט פאַר די דעטעקטיוון, און אַזוי אַרום האָט מען זיי אַלע דרייען אַרעסטירט ווי פאַרדעכטיקטע אין אַ מאָרד... דער בילעטן־אָפּנעמער און אַן אַלטער מאַן, וואָס האָט געוואַרט אַף אַ צוג, האָבן דערקענט די רויבער. מיר האָבן געפּרואווט צו ווירקן אַף זיי דורך פּאָליטישע מיטלען, אונטערקויפן און דראָאונגען. בולקי איז גרייט געווען זיי בײַדן צו „מאַכן קאַלט". אָבער די אייזנבאַן־דעטעקטיוון האָבן זיי געשיצט און

גלענצנד אָפּגעהיט. די געזעלשאַפט האָט געוואָלט מאַכן אַ סוף צו די אָנפאַלן אויף אירע באַן=קאַסעס... אַלס שפּיאָן האָט געדינט אַ פאַרברעכער, וואָס האָט געהאַט אָפּגעקומען זײַן שטראָף. דאָס איינציקע, מיט וואָס אַן אַרעסטאַנט האָט געקאָנט ערלעך פאַרדינען זײַן ברויט נאָכדעם ווי ער איז אָפּגעזעסן זײַן שטראָף אין תּפיסה, איז געווען ווערן אַ שפּיאָן, אויסשפּירער אָדער פּראָוואָקאַטאָר. בולקי האָט געוואָלט מיט אים זיך אויסגלײַכן. ער האָט כמעט האַלב=טויט געשלאָגן דעם הויז=דינער פון אַ באַר און האָט זיך פון אים דערוואוסט דעם נאָמען פונם מענטשן, וועלכן מען האָט געזען טרינקנדיק צוזאַמען מיט דאָפּיען אין הינטערצימער. ער איז געווען אַ שכּור, וואָס האָט שלעכט פאַרשטאַנען אָפּצוהיטן זײַנע אייגענע געהיימנישן. מיטן געלט האָט ער תּיכּף אָנגעהויבן צו שכּורן. בולקי האָט אים אויסגעזוכט אין איינע פון די קנײַפּעס פון „זשאַק די ראָקס" ראַיאָן. ער האָט באַשטימט אַ פּרײַז פון הונדערט דאָלאַר פאַרן פאַרעטערס צונג. מיט צוויי טעג שפּעטער האָט ער אויסגעצאָלט די הונדערט דאָלאַר. דער פאַרשכּורטער ליבהאָבער=דעטעקטיוו איז דערשטאָכן געוואָרן אין אַ שמוצן=האָטעל, וווּהין אים האָט פאַרפירט אַ נקבה. חוץ דעם האָט מען אים אויסגעשניטן די צונג כּדי אָפּצושרעקן אַנדערע פאַרעטער.

עס איז פאָרגעקומען דער פּראָצעס. אַלץ איז געווען קעגן מיר. דאָפּיע האָט אויך געפלוידערט פאַרן אייזנבאַן=דעטעקטיוו, תּיכּף ווי ער איז אַרעסטירט געוואָרן. די עדות זײַנען געווען פּאָזיטיוו און איבערצײַגנד. מיר האָבן זיך ניט געקאָנט אַרײַנמישן אינם אויסוויילן די געשוואָרענע ריכטער, ווײַל די דעטעקטיוון זײַנען געווען אויף דער וואַך. צום גליק האָבן מיר זיך פאַרזיכערט מיט איינעם פון די געשוואָרענע און מיר האָבן געשטרעבט צום מאַקסימום, אויף וואָס מיר האָבן געקאָנט האָפן — די געשוואָרענע האָבן ניט געקאָנט דורכקומען צווישן זיך.

באַם צווייטן פּראָצעס זײַנען אָבער די אָנהייגער פון דער אייזנבאַן=געזעלשאַפט געווען פאָרזיכטיקער. זיי האָבן צוזאַמענגע=

בראַכט אַן אויסגעצייכנטע גרופּע פֿון געשוואָרענע. און אונזערע לייט זיינען אָנערקענט געוואָרן פֿאַר שולדיק און זיינען פֿאַרמשפּט געוואָרן צום טויט דורכן עלעקטרישן שטול.

דער פּסק־דין פֿון די ריכטער האָט אונז צעטרייסלט, הגם מיר האָבן אים דערוואַרט. איבעריקנס, האָב איך געשטרעבט, אַז דער פּסק־דין זאָל זיין פֿאַר אַ מאָרד פֿון דער צווייטער אָדער דריטער מדרגה. עס קלינגט מערקווירדיק, אָבער יעדערער האָט געקעמפּט פֿאַר אַ ווערדיקט, אַז זיי זאָלן פֿאַרמשפּט ווערן צו אייביקע תּפֿיסה. אַזוי האָבן מיר זיך אַלע געקלאַמערט אינם לעבן.

איך האָב מיר אָנגעשטויסן אַף דריי טרויערנדיקע גרופּעס. דאָפּיע אייקעס מוטער, פֿרוי שניידער, וועלכע האָט איינגעהילט דעם קאָפּ אין אַ וואָלענע טוך, אירע איינגעפֿאַלענע באַקן האָבן געווירקט ווי אַ סימבאָל פֿונם טויט־אורטייל, וואָס איז נאָר וואָס געפֿאַלן, זי האָט זיך געשאָקלט אַהין און אַהער, איז געשטאַנען צווישן אַרציעס עלטערן, די באַשיידענע און זייער חשובֿע הער און פֿרוי יאַנקל וואָטין, די וואָטינס זיינען געווען ווי באַטויבט איינגעקאָרטשעט, ווי די טרערן וואָלטן שוין פֿון זיי אויסגעטריקנט געוואָרן. און דערבײַ איז אויך געשטאַנען דאַגאָ זשאַקס פֿאָטער, זיין פֿאַרמוטענער פּנים איז געווען שטייף פֿון איינגעהאַלטענע טרערן... אַף די טרעפּ האָבן געוואַרט בולקי מיט אַ גרופּע טרויערנדיקע לודלאָו־סטריטלער... און נאָך אַ גרופּע איז געשטאַנען באַם טיר. אַ מין דעלעגאַציע פֿון דער פֿילאַנטראָפּישער אינסטיטוציע, וואָס זיינען געקומען ווי גייסטלעכע טרייסטער באַם טויטנבעט — אסתּר ברין, באַרני פּין און ד״ר ליאָנעל קרען... פֿינם בלאַס־בלאָע אויגן האָבן מיט גרויס רחמנות געקוקט אַף די אומגליקלעכע עלטערן און האָבן זיך נאָכדעם געווענדט מיט צאָרן צו בולקין. אָבער פּין האָט לאַנג נישט געקאָנט זיין צאָרנדיק, אסתּר האָט מיט אים גערעדט, און נאָכדעם זיינען זיי צוגעגאַנגען צו די עלטערן־גרופּע און האָבן זיי פֿאַרזיכערט, אַז דער קאַמף פֿאַר זייערע קינדער איז נאָך נישט אויפֿגעגעבן גע-

ווארן... איך האב זיי געפרואווט איינריידן אז עס איז נאך פאראן א האפענונג, אז מיר האבן נאך אויסגעצייכנטע אויסזיכטן אף אן אפעלאציע, אבער אין הארצן האב איך גוט געוואוסט, אז עס איז ניט אזוי... מיר האבן געהאט נאך איין האפענונג: די באגנעדיקונג דורכן גובערנאטאר... וועלכער קאן פארוואנדלען דעם טויט-אורטייל אף לעבנס-לאנגע תפיסה.

די פילאנטראפישע גרופע האט בכלל גערעכנט צו פראטעסטירן קעגן טויט-שטראף. איך האב זיי געגעבן אנצוהערעניש, אז מען וועט באדארפן ברייינגען אין באוועגונג הימל און ערד, בכדי צו באאיינפלוסן דעם גובערנאטאר, וועלכער איז געווען א רעפובליקאנער און איז געשטאנען שטאל און אייזן פאר דער נויטווענדיקייט פון טויט-שטראף פאר שווערע פארברעכער.

דר. קרען האט דערקלערט, אז דער קאמף דארף זיך דער עיקר קאנצענטרירן אף דער פערזאן פון דאפיע אייקע. דעמס לעבן, ווי ער האט צוגעגעבן, איז אפילו געווען דער אמווייניקסטן ווערטפולער. ער האט אבער איינגעזען אין זיין שטראף אן אקט פון בארבאריזם, וואס קאן נאר פארגליכן ווערן מיטן דערמארדן א קליינעם קינד. די מענטשלעכע געזעלשאפט איז געבליבן ווייט הינטערשטעליק, אויב זי אנערקענט ניט, אז שוואכזיניקע, ווי דאפיע אייקע, זיינען אין דער אמתן קינדער, וועלכע זיינען ליידער און אף א געפערלעכן אופן מיט זייערע קערפערס דערוואקסענע מענטשן. אייקעס מינטאליטעט, אדער דאס וואס ער איז ניט געווען דערוואקסן — איז געווען איינער פון די פונקטן, וואס מיר האבן בעתן פראצעס אויסגעקעמפט. פונם רעכטלעכן שטאנדפונקט האט קיינער ניט געקאנט באהויפטן, אז אייקע קאן ניט געמשפט ווערן, פונקט אזוי וויניק ווי מען האט דאס ניט געקאנט באהויפטן פון א זיבעצען-יאריקן אינגל, אז ער איז ניט פאראנטווארטלעך פאר זיינע מעשים, ווייל ער האט א באשריינקטן און קינדישן פארשטענדניש פארן לעבן... אלס פאכמאן, וואס איך האב איינגעלאדן ווי א פארטיידיקער, האט דר. קרען דערקלערט, אז אייקע דארף באהאנדלט ווערן ווי א קינד אפן סמך פון זיין מינ-

טאַליטעט. ס׳איז שוין צייט, אַז די מענטשלעכע געזעלשאַפט זאָל זיך פאַרנעמען מיטן פלעגן די שוואַכזיניקע, ווי זי טוט דאָס שוין מיט משוגעים. פונקט אַזוי ווי די משוגעים, דאַרפן זיי אויך איזאָ-לירט ווערן און מען דאַרף ניט דערלאָזן, זיי זאָלן זיך מערן... מען דאַרף ניט דערלאָזן, זיי זאָלן זיך מערן... דער ריכטער איז געווען אַן אָנהייבער פון דער קירך און ער האָט געקנייטשט דעם שטערן... דער מענטש זאָל זיך מישן אין גאָטס ווילן!... דער ריכטער האָט דערקלערט, אַז פון רעכטלעכן שטאַנדפּונקט איז אייקע פאַראַנטוואָרטלעך פאַר זיינע מעשים און דאַרף ליידן זיין שטראָף... אסתר האָט געקאָנט אייקען אַלס קינד, האָט געוואוסט, אַז ער איז אומפאַראַנטוואָרטלעך ווי אַ קליינער קינד. און אויב ער אַליין איז פאַראַנטוואָרטלעך, דאַרף מען די אַנדערער צוויי ניט פאַרמשפּטן צום טויט, נאָר מען באַדאַרף זיי בלויז באַשטראָפן פאַרן אָנטייל נעמען אינם פאַרברעכן. און חוץ דעם, זיינען ניט זיי אַליין פאַראַנטוואָרטלעך פאַר זייערע מעשים, זי פילט, אַז די מענטשלעכע געזעלשאַפט האָט פאַרנאַכלעסיקט די דאָזיקע קינדער אירע, און איצט מוז זי עפּעס טאָן פאַר זיי... איך האָב תמיד באַמערקט, אַז די געזעלשאַפט הייבט ערשט דעמאָלט אָן זיך צו פאַראינטערעסירן מיט אירע פאַרוואָרלאָזטע קינדער, ווען זיי נעמען אין איר נקמה.

ד״ר האַרי וואַטין איז אַרויס פון געריכט-זאַל. ער האָט געהערט ווי זיין ברודער אַרציע איז פאַרמשפּט געוואָרן צום טויט. זינט יאָרן האָט ער מיט זיין ברודער ניט גערעדט. אָבער איצט, אַז ער איז געווען אין אַ טויט נויט, איז אים האַרי צוהילף גע-קומען... אַלע וואַרטן זיי, און ערשט אַז עס איז שוין צו שפּעט, נעמען זיי זיך אַלע העלפן... האַרי האָט איצט אויסגעזען אַ ביסל בעסער געקליידעט. זיין ראָק און די הויזן האָבן זיך געפּאַכט פריער איז דאָס קיינמאָל אַזוי ניט געווען. הײַמי האָט דעם געשעפט אַרופגעאַרבעט און האָט געצווינגן קליענטן אינם אָרדינאַציע-צימער; ער האָט נאָר געדאַרפט אַ פּאָר יאָר, כדי צו ווערן אַ פּאָפּולערער, דאָקטאָר אַף דער איסט-סייד. אָבער הײַמי גופא האָט דערקלערט, אַז האַרי איז אַ באַדייטנדערער געלערנטער און אַ בעסערער

דאָקטאָר. דאָס האָט אָבער האַרין קיין געלט ניט אַריינגעבראַכט; האַרי האָט זיך אַף דעם ניט פאַרשטאַנען... איצט האָט ער בכלל גאָרנישט געזאָגט. ער האָט גענומען זיינע עלטערן אונטערן אָרעם און זיי אַרויסגעפירט פונם געריכטזאַל. און דאַמאָלסט האָט אסתר אַרויסגעוויינט איר ווייטיק. און אַ פּאָר טרערן האָבן זיך געקייקלט איבער אירע באַקן. געוויינט האָט זי איבער האַרין, האַרי, וואָס האָט זיין גאַנצע צייט אָפּגעגעבן די קינדער פון די אָרימע... ערשט שפּעטער האָב איך זיך דערוואוסט די סיבה פון אירע טרערן. זי האָט מורא געהאַט, אַז די גוטע עלטערן־פּאָר וואָטין וועלן באַלד אויך דאַרפן באַקלאָגן זייער צווייטן זון, אַ צווייטן טויטפאַל, אַ ווייטערדיקן אָנווער: האַרי האָט פרייוויליק דערקלערט, אַז ער איז גרייט צו לאָזן מאַכן איבער זיך מעדיציניש עקספּערימענטן... ביידע ברידער וואָטין, וואָס זיינען געווען אַזוי פאַרשיידנאַרטיק, האַרי, דער דאָקטאָר, און אַרציע, „די קאַנאָן" — האָבן געשטאַמט פון איין מקור, האָבן זיך געהאָדעוועט אַפּן זעלביקן באָדן... אַזוי פאַרשיידנאַרטיק... אָבער זיינען זיי באמת געווען פאַרשיידנאַרטיק?... פאַר ביידן איז געווען כאַראַקטעריסטיש, וואָס זיי האָבן זיך אויסגעלאַכט פון יעדער סכנה... איך דערמאָן זיך דעם אָנהייב פון פּראָצעס:... אַרציע האָט איינגעזען, אַז מיט אַלע דריי וועט זיין זייער שלעכט. ער האָט דערקלערט, אַז ס'האָט קיין זינען ניט, אַלע דריי זאָלן אונטערגיין. ער האָט געוואָלט זיין דער שעיר לעזאזל. געוואָלט נעמען אַף זיך די גאַנצע שולד און די אַנדערע ביידע באַפרייען... ער האָט אויסגעטראַכט אַ געשיכטע, וואָס, לויט זיינע אָנזיכטן, האָבן די אַנדערע צוויי געקאָנט באַפרייט ווערן און ער אַליין האָט געזאָלט אָנערקענט ווערן פאַר שולדיק. דאַגאָ זשאַק האָט זיך געקווינקלט דאָס אָנצונעמען, און האָט פון זיין צד געמאַכט אַן ענלעכן פאָרשלאָג. אפילו דאָפּיע אייקע האָט ניט געוואָלט, אַז אַרציע זאָל אַף זיך נעמען די גאַנצע שולד... אייקע... אים האָט די גאַנצע זאַך אויסגעזען ווי אַ שפּאַס. עס האָט אויסגעוויזן, אַז ער באַגרייפט בכלל ניט וואָס ער האָט אָפּגעטאָן און וואָס אים שטייט פאָר... און ווי ער האָט זיך געפרייט, אַז איינער פון די אַרעסטאַנטן

האט בּאַ די אייזערנע גראַטעס פון זיין קאַמער צו אים א געשריי געטאָן: „היי, דאָפּיע, זינג אונז עפּעס: האַלט מויל, איר לומפּן, און לאָזט אַן אָנשטענדיקן יונגען אונז עפּעס אויסזינגען"... דאַגאָ זשאַק איז געווען מעלאַנכאָליש. ער האָט געזאָגט, אַז ער איז שולדיק אין דעם, וואָס דאָפּיע אייקע איז בּכלל מיטגעגאַנגען. ער האָט בּאַקומען די ידיעה, אַז דער בּילעטן פאַרקויפער האָט בּאַ זיך אַ סך געלט, און האָט איינגעלאַדן אַרציען מיט זיך. דאָפּיע, וועלכער האָט זיך דערוואוסט דערפון, האָט זיך געבּעטלט, מען זאָל אים אויך מיטנעמען, דאַגאָ איז געווען אַ גוטער יונג און האָט אים אויך געלאָזן מיטלויפן... זיי אַליין וואָלטן קיינמאָל אייקען נישט אָנפאַרטרויט קיין רעוואָלווער, אָבער אייקע האָט זיך פאַרשאַפט אַ רעוואָלווער, וועלכן בּולקי האָט מיט אים געשיקט צו איינעם פון דער בּאַנדע און ער האָט אים פאַרהאַלטן בּאַ זיך... און אַזוי איז עס געשען.

בּעת איך האָבּ אסתּרן דערציילט, אַז אַרציע האט פאָרגעלייגט צו נעמען די גאַנצע שולד אַף זיך און צו בּאַפרייען די אַנדערע צוויי און אַז דאַגאָ זשאַק האט זיך דערפון אָפּגעזאָגט און האָט דעם זעלבּיקן פאָרשלאָג געמאַכט פון זיין זייט, האָט מיר אסתּר דערמאָנט אַן דייווים גלויבּן... אַז עפּעס איז פאַראַן אין יעדן מענטשן, וואָס תּמיד אַרבּעט עס, אַרבּעט כּדי אים צו היילקן... זי איז געווען שטאַרק פאַרבּיטערט איבּער דער אַלגעמיינער גלייכגילטיקייט פון דער שטאַט קעגן אירע קינדער. זי האָט געפילט, אַז בּאַ אַנדערע פאַרהעלטעניש וואָלט פון די דריי מערדער געוואָרן עפּעס אַנדערש. איך האָבּ איר אַף דעם געענטפערט, אַז בּאַ די זעלבּיקע פאַרהעלטענישן איז פון א סך אַנדערן, וואָס האָבּן געהאַט די זעלבּיקע שוועריקייטן, געוואָרן עפּעס אנדערש און פיל בּעסערס... איר ענטפער אַף דעם האָט זיך מיר אויסגעוויזן קאַלט, און עפּעס האָט מיר לאַנג נאָכדעם געקריינקט אין איר טאָן: „ניט אַף אזוי פיל אַנדערש, מאיר, און ניט אַף אַזוי פיל בּעסער".

און אַ פּאָר חדשים שפּעטער בּין איך געפאָרן קיין סינג-סינג (וואו ס'קומען פאַר די טויט-שטראָפן) און האָבּ געבּראַכט

די דריי יונגען די שלעכטע בשורה. אונזער אַפּעלאַציע איז איינשטימיק אָפּגעוואָרפן געוואָרן. דער טאָג פון שטראָף איז באַשטימט געוואָרן... אַרציע האָט אַריבערגעקוקט צו דער קליינער גרינער טיר, וואָס האָט געפירט אין שטראָף־זאַל און האָט געזאָגט: „אָל רייט, לאָזט דעם עלעקטרישן שטול אָפּשטויבן". דאַגאָ זשאַק איז אויך געווען רואיק... זיי וועלן זייער ראָלע שפּילן ביז צום סוף — זייער אידעאַל טריי בלייבן: מוטיק און אָן מורא ביזן לעצטן אָטעם... און אייקע... דער האָט זיך גאָרניט געקימערט איבער אונזער געשפּרעך. ער האָט זיך אויסשליסלעך אינטערעסירט מיט אַ נייעם טאַנץ, וואָס אַ צווייטער פאַראורטיילטער אינם טויטןהויז האָט אים אָנגעוויזן...

מיר האָבן פאַרוואָרפן דעם גובערנאַטאָר מיט בריוו, פּעטיציעס, טעלעגראַמעס און אַפּעלאַציעס. מיר האָבן אָבער ניט געקאָנט רירן פון אָרט זיין איבערצייגונג אין דער נויטווענדיקייט פונם טויטשטראָף. ענדלעך בין איך מיט באַרניי פין געפאָרן קיין אַלבאַני, בכדי פּערזענלעך צו פּועלן באַם גובערנאַטאָר זיי צו באַגנעדיקן. ער איז געבליבן ניט גערירט. האָט דערקלערט, אַז דער פאַרברעכן איז אַזוי עקלהאַפט, אַז מען מוז דורכפירן די שטראָף... דאָס האָט געקלונגען, ווי דאָס וואָלט געזאָגט דער אַדוואָקאַט פון דער באַן־געזעלשאַפט. איך האָב קיין שום השפּעה אַף אים ניט געהאַט. דאָסמאָל האָב איך ניט אָנגעהערט צו דער ריכטיקער פּאַרטיי. יאָ, ער האָט מיר נאָך דערביי אַ שטאָך געטאָן, אַז מען האָט געקאָנט מיט דער הילף פון „טעמעני־האָל" דעם פאַרברעכן פאַרויבן... מיט פינף יאָר שפּעטער האָבן מיר זיך ווידער באַגעגנט, דער הער גובערנאַטאָר און איך. איך האָב זיך דערמאָנט, ווי אַזוי ער האָט זיך אָפּגערעגט פונם פאַרברעכן. איך האָב זיך דערמאָנט זיין דערקלערונג, אַז קיין שום אומרעכט טאָרן ערלעכע בירגער ניט מוחל זיין. בעת איך האָב אים ווידער געזען, האָט זיך זיינער אַ פּערזענלעכער פריינט געפונען אין אַ גרויסער צרה. איך האָב אים דעמאָלט געהאַלטן אין האַנט. דער דאָזיקער פריינט דעם גובערנאַטאָרס, אַן אָנגעזעענער מיטגליד פון דער בעסטער געזעלשאַפט, פון אַן אַלטער אַמעריקאַנישער אַריס=

טאָקראַטישער משפּחה, איז געוואָרן דעמאַסקירט אַלס עקלהאַפטער פאַרברעכער, אַלס פאַרפירער פון מינדעריעריקע קינדער. און דער דאָזיקער גובערנאַטאָר האָט מיך געקויפט, האָט מיך געקויפט כּדי צו פאַרווישן דעם באַווייז־מאַטעריאַל, געקויפט האָט ער מיך מיט — נו, דאָס זאָל שפּעטער דערציילט ווערן... דערווייל זיינען מיינע לייט געווען פאַרמשפּט צום טויט.

איך דערמאָן זיך דעם טאָג, ווען מ'האָט אויסגעפירט דעם טויט־אורטייל. ד"ר האַרי וואַטין איז געלעגן אין שפּיטאָל אויפן טויטנבעט. איך האָב אים אויפגעזוכט אין שפּיטאָל מיט אַן אָנדענקען פון זיין ברודער אַרציען, וועלכער האָט אין סינג־סינגער טויטנהויז אויסגעאַרבעט פון אַ פּאַדקאָווע. איך האָב אויך געבראַכט פאַר אסתּרן אַ רינג פון פערדנהאָר, וואָס דאַפּיע האָט פאַר איר געמאַכט... אַ קאָנסיליום פון באַוואוסטע דאָקטוירים איז געשטאַנען אַרום האַריס בעט... מיט אַ געשפּאַנטן אינטערעס האָבן זיי זיך צוגעקוקט ווי אַזוי האַרי שטאַרבט. מיט יראת־הכּבוד זיינען זיי געשטאַנען פאַרן מאַרטירער פון דער וויסנשאַפט... דאָרטן, אין סינג־סינג האָט זיך אויך זיין ברודער געפונען אונטערן אויפזיכט פון דאָקטוירים — זיי האָבן געוואַרט אויפן טויטן־שטראָם, וואָס האָט באַדאַרפט איבערגעבן צו אונטערזוכן די געהירן פונעם באַשטראָפטן מערדער... האַרי איז געשטאָרבן כּדי אַנדערע צו ראַטעווען. און אַרציע איז אומגעבראַכט געוואָרן כּדי אַנדערע צו וואָרענען... וואו איז געווען די מוטער וואָטין? זי האָט געהאַלטן פאַר נייטיק, צו זיין אין סינג־סינג בײַ איר ליבלינג, כּדי אים לייכטער צו מאַכן זיין לעצטע מינוט. ווייל אַרציע, אַזוי האָט אַנטשיידן די מוטערהאַרץ, נייטיקט זיך מער אין איר... האַרי האָט געקאָנט שטאַרבן מיטן באַוואוסטזיין, אַז ער האָט אויפגעטאָן אַ שיינע זאַך...

דאַפּיע אייקע איז געגאַנגען צום טויט, זיך איבנדיק ביז דער לעצטער רגע זיין נייעם טאַנץ. די אָפיציעלע עדות, אַ פּייערלעכע, סטאַטוען־שטייפע גרופּע האָט ער אויפמערקזאַם געמאַכט אויף דעם, ווי גוט ער האָט פאַרשטאַנען צוזאַמענקלאַפּן זיינע אַבצאַסן.

קיינער האט ניט געשמייכלט. זיי האבן ניט געוואגט אַרויסצוּווייזן אַ זין פאר הומאָר אין פנים פונם טויט. אייקע האָט געלאַכט, בעת מען האָט אים ארופגעזעצט אַפן שטול און ארומגעבונדן אַ באַנד ארום די אויגן. ער האָט הויך ארויסגעלאַכט, בעת מען האָט צוגעשנורעוועט צו זיין קערפער די קופער־דראָטן און די לעדערנע רימענס, און בעת מען האָט דעם שטראָם אָפּגעשטעלט, האָט דער שמייכל ארייניגעברענט אַף זיין פארגעלטן מיט פרישמשעס באַדעקטן פנים און האָט פארגלאָצט זיינע אויגן, וואָס האָבן דעם לעבן קיינמאָל אַנדערש ניט געזען, אַנדערש ווי אַ שפּילכל... אַרציע איז געווען טעמפּ. ער האָט זיך געקווינקלט צו זען דעם רב אָדער זיין מוטער. ער האָט בּאַ מיר געבעטן אַ קייגומי ציגאַרעטל, וועלכן איך האָב אים געגעבן. זי האָט אים געשמעקט און ער האָט מיר געזאָגט, אַז זי דערמאָנט א געוויסן געשמאַק.

„מיר שמעקט דאָס דירעקט", האָט ער געזאָגט און געקייט, „עס זיינען די קאַרטאָפּעל, וואָס מיר פלעגן בראָטן אַפן גאַס אַף אונזער פייערל, דערמאָנסטו זיך, מאיר, דערמאָנסטו זיך, ווי גוט זיי האָבן געשמעקט?"... און מען האָט אים געפירט דורך דער גרינער טיר... דאַגאָ זשאַק איז געגאַנגען אַ באַשיינטער מיט קאַטוילישער חרטה און ווידוי צום טויט... ער האָט געהאַט א מערקווירדיקן פארלאַנג. דאָפּיע איז געווען דער ערשטער אין דער ריי, ווייל מען האָט געמיינט, אַז פאַר אים וועט דער וואַרטן זיין שווערער ווי פאַר די אַנדערע. און בעת מען האָט אים פאַרבייגעפירט פאַר דאַגאָס קאַמערל, האָט דאַגאָ געמורמלט: „וואַרט אַ רגעלע, קייד איך וויל דיך א קוש טאָן"... און ער האָט אייקען אַ קוש געטאָן אין באַק... „זיי מיר מוחל קייד. ווילסט מיר מוחל זיין? דו ביסט דאָך נאָר א בייבי, איך האָב דיר ניט באַדאַרפט לאָזן מיטגיין... אָרימער אינגל.. דו ביסט דאָך נאָר אַ בייבי"... און אַזוי זיינען זיי געשטאָרבן...

.6

ידיעות זיינען צו מיר דערגאַנגען, כּדי מיך צו פייניקען...

די געריידערייען פון גאַס האָבן זיך צו מיר אַריינגעשלייכט, — דאָס וואָס מען האָט זיך אין פרייע מינוטן דערציילט אין דער וועלט פון גאַסן־טישלעך און קרעמלעך, טראָג־קוישלעך און טראָג־ברעטער, וואָס מען האָט זיך דערציילט, ווען הויזירער און קונים האָבן פאַרגעסן די פיש און עפּל, אונטערוועש און קישנס און האָבן זיך גענומען צו געשמאַקערע ענינים...

„האָט איר שוין געהערט" —

„וואָס איר רעדט... טשטש... אַ בזיון, זאָל איך אַזוי לעבן, אַ בושה פאַרן אידישן פאָלק".

„דאָס האָט איר ניט געהערט... דו קענסט דאָך ברין — אַ פיינער מענטש און אַן אָרנטלעכער מענטש און אַן איידעלער איד... זיין טאָכטער... דערמאָנט זיך: אסתרל... אַ שוואַרצע"...

„יאָ, יאָ — איך דערמאָן זיך"...

„מען זאָגט, מען זאָגט, אַז זי וועט חתונה האָבן מיטן לאַנגען גוי"... דאָס הייסט פין...

„זיכער... ווייסט איר עס אַף זיכער?"

„זאָל איך אַזוי וויסן פון מיינע זאָרג... בין איך דען אַן אָנפאַר־טרויטע פון אַן אַמעריקאַנסקי? הא? מען זאָגט... זאָג איך אויך... ווען איר וואָלט מיר געלאָזן די קאַרטאָפל מיט אַ פעני ביליקער, וואָלט איך גענומען אַ צען פונט"...

„איך קאָן ניט, גלויבט מיר, זאָלן מיר ביידע אזוי לעבן... מען זאָגט, מען זאָגט... און אז מען זאָגט, מוז עפּעס זיין אין דעם"...

„און דאָס הייסט אַמעריקע... אַזאַ אומגליק פאַר די עלטערן... חתונה צו האָבן מיט אַ גוי... טשטש!... וואָס פאַר אַ בזיון, אַזאַ יאָר און אַזאַ גליק אַף מיר, וואָס פאַר אַ בזיון... איך גיי... קאָנט איר מיר ניט לאָזן אַ ביסל ביליקער... אויב ניט, גיי איך"...

אסתר און פין זיינען אַזוי פיל געווען צוזאַמען, אַז דער „מען זאָגט" איז גאָר א סך גענזאָגט געוואָרן... וואָס פאַר אַ קלאַפּ פאַר מיר, אַפילו אויב עס זאָל ניט זיין אַזוי. אסתר האָט גע־טראַכט וועגן אַן אַנדערן אין דער צייט, ווען איך, איך, מאיר הירש, האָב זי געוואָלט!

שדכנים זיינען געגאַנגען צו מיר... זיי האָבן מיר פאָרגעבראַכט פיינע שידוכים מיט נדנם. און זיי האָבן אין מיר וואך געהאַלטן די חתונה־אידייע, אַן אידייע, וואָס האָט אָן אַ שיעור תמיד ווידער פאַר מיר אַרופגעבראַכט איין בילד — אסתר. און אויך איצט האָבן מיר די ידיעות געקלונגען התוראהדיק אין אויער... אסתר... דיין אסתר... וואָס באַוואוינט די פאַרבאָרגנסטע ווינקעלעך פון דיין האַרצן... די ווינקעלעך, אין וועלכע דו אליין קוקסט ניט אַריין, אין וועלכע דו דערוואַגסט זיך ניט אריינצוקוקן... זיי אַף דער וואַך, זונסט פאַרלירסטו זי...

אָבער וואָלט איך ניט געווען אַ נאַר... דוקא איצט, ווען אלץ איז געגאַנגען אַזוי, ווי איך האָב געוואָלט... אַ חתונה קאָן זיין דער בעסטער שפּרונגברעט פון אַלע, אַ שפּרונג־ברעט, וואָס קאָן מיר אַרופבריינגען אין די העכסטע הויכן... זיך איבערלייגן... פאַרוואָס זיך גופא מאַכן שווערער?... טראַכטן... דו האָסט נאָך צייט; דו קאָנסט זיך אַף גאָרנישט באַקלאָגן; וואַרט אָפּ די ריכטיקע צייט... אָט איז דאָך גרעטל, אַ דיוואַן פון פרייד פאַר דיינע מידע שעהן... אַ באַקוועמער, גלייכמעסיקער, שטורעמפרייער אַנגאַזשאַמענט... צו וואָס זיך אָנגרייטן שווערקייטן?... דו ביסט אַפן בעסטן וועג צו דער קאַריערע אין ניו־יאָרק... שטעלסט שוין היינט עפּעס פאָר מיט זיך... צייט... נאָר נאָך אַ ביסל צייט... דער ברענפּונקט פון אַלע אויגן... אָנגעזען, מען לויפט דיר נאָך... און מאַכט! געלט! שטעלונג... שיינע, קולטיווירטע דאַמעלעך מיט פאַרמעגנס... פון אַ גלענצענדער פאַמיליע... געפּוצט און פאַר דיר אָנגעגרייט... ווערן פאָרגעבראַכט פאַר דיר, ווי דו וואָלסט געווען אַ מלך... דיינע, ווען דו שטרעקסט נאָר אויס אַ האַנט... דו קאָנסט דיר די קעניגלעכסטע אויסקלייבן, וואָס זאָל דיר דיין קעניגלעכן הויף פאַרשיינען... באַ... און אָט די אַנדערע... די קיינעם ניט... אַפילו אויב איר זיידע איז געווען דער ווילנער גאון... קוק נאָר אָן איר פאָטער, וואָס פאַר אַ פּראַכטפולער שווער, אַ שווער, וואָס פאַרקויפט סאָדע־וואַסער פאַר אַ פּעני אַ גלאָז... פו!

דאָס זיינען די געדאַנקען, וואָס האָבן מיר גערוישט אין

קאָפּ, ווי געזויפּטע אַש... איך גרייט זיך מיר גיין שלאָפן... עס האַלט ווידער באַם ווערן זומער... איך שטיי באַם פענסטער... די יונגע לבנה שווימט אין הימל און שיינט דורך די דינע וואָלקנדלעך... ווי דורך אַ כלה־שלייער... אַ כלה־שלייער... גרעטל רופט מיך... פילט זי, אַז איך זע אַ הימלשע יונגפרוי, מיט כלה־שפּיצן אָנגעטאָן... „קום, מאיר... ווי לאַנג עס געדויערט באַ דיר!... דו קוקסט אַף דער לבנה... מען זאָגט, אַז ס'איז ניט גוט צו קוקן אַף דער לבנה. קוק ניט אַף דער לבנה... קום, מאיר, קום מיין האַרץ".

גרעטל מורמלט צו מיר, ווי זי טוט עס תמיד באַנאַכט:... „שלאָף, מיין מידער אינגעלע. מיינע אָרעמס זאָלן זיין דיין קישן, געליבטער... קעניג פון די מענער, אַזוי, מיין מידער... אַזוי"...

אין דער דראָענדער שטילקייט שטייען ווידער אויף די מאַטערנדיקע מחשבות. די שטראַלן פון דער לבנה דרינגען דורך מיינע מידע אויגנלידער. איך קער זיך אָפּ פון דער לבנה און וואַרף מיך אַרום... „שלאָף, מיין האַרץ, שלאָף... מאירל, דו ביסט אומרואיק... דו האָסט זיך צופיל אָנגעקוקט אַף דער לבנה און די שטערן, מיין טייערינקער... אָבער איך, דיין גרעטל, קוק נאָר אַף דיר... שלאָף, מיין בעסטער און שענסטער, שלאָף... דו ביסט מיין שיינעדיקע לבנה און מיינע שטערן... און די וועלט... דו ביסט גרעטלס וועלט, מיין האַרץ... דאָ רוטסטו אַף מיין האַרצן... מער פאַרלאַנג איך ניט... שלאָף אַף מיין האַרצן... די וועלט איז מיינע!"... אירע הייסע ליפּן פּרעסן זיך אָפּ אַף מיינע אויגן, ברענען זיך איין אין זיי, ווי זיי וואָלטן וועלן פאַרברענען אַלע אַנדערע זעאונגען...

איך זע אַ חלום... אַ רויטע פלאַם שיינט פאַר מיינע אויגן... נאָר אָט איז דער צימער צוריק פעך־פינסטער... האָט ניט געקלונגען אַ גלאָק?... און האָט ניט עמיצער געשריען?... און די לבנה איז געווען אונטערגעגאַנגען און האָט מיך איבער־געלאָזן אין שרעקלעכן חושך... אפשר האָט דאָס גרעטל געשריען אין שלאָף... איך קער זיך אום און פיל איר גלייכן אָטעם אַף

מײַן באַק. זי שלאָפֿט רואיק... איך װאַרט און הער זיך צו, איך עקבער מיט מײַנע אויגן אין חושך... װאָס האָט מיך אופֿגע־װעקט?... די פֿלאַם. דער געשריי. דער געקלאַנג פֿון גלאָק... אַלץ איז שטיל װי אין קבר... דער חושך װערט נאָך טיפֿער... איך פֿאַל אין אַן אָפּגרונט — אַ ריס אין דער טיפֿעניש... איך קלאַמער זיך אָן דער קאָלדרע... דער חושך ציט זיך דראָענדיק צוזאַמען... אָט װאַרפֿט ער זיך אַף מיר... די װענט רוקן זיך צוזאַמען... די קאָלדרע שטײַגט אַראָפּ... איך רײַס זיך נאָך אָטעם, איך װער דערשטיקט... איך שטרעק אויס מײַנע אָרעמס, כּדי אָפּצוהאַלטן די פֿאַלנדיקע װענט... איך שטויס גרעטלען. זי כאַפּט זיך אוף, נעמט מיך פֿעסטער אַרום מיט אירע אָרעמס, דריקט מיך צו צו זיך און רופֿט מיך אָן מיט אַלע ליבע־נעמען... לאַנג־זאַם קערט זיך אום צו מיר דער באַװוּסטזײַן. איך טוליע זיך צו איר, װי אַ קלײנער אומבאַהאָלפֿענער קינד. איך דריק זיך צו און האַלט זיך פֿעסט אָן איר.

איך טרײסל אָפּ פֿון זיך די קינדישע שרעק... איך מוז פֿאַרטרײַבן פֿון זיך די פֿלאָגנדיקע מחשבות, װעל איך קאָנען שלאָפֿן... רואיק און שאַרפֿזיניק באַטראַכט איך זיך איצט... איך װײס עס... אַנדערש קאָן עס ניט זײַן... ס'איז אָפּגעמאַכט. איך װײס... פֿאָרויס, פֿאָרויס, מאיר הירש! שױן רײַסט דיך מיט דער שװאונג... פֿאָרויס... אײַנגליבע איז דער אומשטערבלעכער באַגער... פֿאָרויס...

זעקסטער פּעריאָד.

...און זיינען מיר געזעסן אף די העכסטע טראָגנען פון דער וועלט, זיינען מיר דאָך געזעסן אף אונזערע עקן...

מאָנטענע.

.1

„ס'איז געקומען די צייט, אַז דו זאָלסט זיך געזעגענען מיט גרעטלען".

פיליפּ און איך זיינען געזעסן אַליין אין דער טונקעלער ביבּלאָטעק, אין טיפע לעדערנע פאָטעלן און האָבּן זיך געוואַרעמט באַם אָנגענעמען גליען פונם קאַמין-פייער... פיליפּ האָט געוואַרט, אָפּגעוואַרט ביז זיינע רייד זאָלן זיך אַריינבּרענען בּאַ מיר אין מוח... ער האָט דעם אַש פון זיין ציגאַר אַריינגעוואָרפן אין די אופלאַקערנדיקע פלאַמען, האָט זיך צוגעבויגן צו מיר מיט אַ שטייפן, אומבּאַוועגלעכן בּליק.

„דו מוזט פון איר פּטור ווערן, מאיר. דיין שיף מוז אין האַפן אַריינפאָרן... דו דאַרפסט איצט מער קיין משא ניט... גרייט זיך צו צו אַ רייכער לאָדונג".

ער האָט בּאַטראַכט מיין פּנים. איך האָבּ מיט קיין אויג ניט קיין פינטל געטאָן. אָבּער ס'האָט אויסגעוויזן, אַז ער לייענט מיינע מחשבות. „זי איז היינט שוין אַן אָנגענעמע בּאַקוועמלעכקייט אין דיין לעבּן. לאָז איר ניט ווערן אַ ניט-פאַרבּייטנדיקע געוואוינהייט... הער זיך איין, מאיר... דיין אַלטער ווייטער קוק האָף איך איז ניט פאַרטונקלט געוואָרן. קוק דורך אין דער צוקונפט אַריין... זינט מיר זיינען אַריינגעצויגן אין אופּטאַון מוזן מיר סיי ווי געבּן גרעטלען אַ נייע פּאָזיציע; מיר האָבּן צוגעטראַכט אַ געשיקטן ליגן... זי איז געוואָרן די געזעלשאַפטערין פון דיין זיד-

לעטערנדיקער מוטער, זי לעבט אין דער דירה פון דיין מוטער — אָבער אויך אין דיינע — אפן אויבערשטן שטאָק... און ווי מיר מיינען, האָבן מיר פאַרשאָטן מיט זאַמד די אויגן פון דער דינערשאַפט... מיר מיינען, אַז מיר פירן אַרום די וועלט פאַרן נאָז... אָבער גרעטל איז א צו אופאַלנד שיינע פרוי, בכדי די לעגענדע זאָל אויסזען צו זיין אַן אמת... שיינע קליידער... אַן עלעגאַנטער אויסזען... אַ קלאָרער בילד... וואָס האָבן מיר אַנדערש געקאנט דערוואַרטן, ווי דאָס, וואָס די וועלט האָט אָנגעהייבן מיט חשד אונטערצומורמלען?... און קלאַנגען האָבן לאַנגע פיס".

אַ שלל מחשבות זיינען מיך באַפאַלן, איך רעכן, אַז פיליפ האָט געשוויגן איין רגע. אָבער אין דער דאָזיקער קורצער רגע האָבן מיך באַהערשט געדאַנקען, בילדער, געשטאַלטן און געשפרעכן. דער שמאַרץ פון דער גאַנצער וועלט אין איין זיפץ... גרעטל... פון איר פטור ווערן... אסתר, וועגן איר ניט טראַכטן, ניט, ניט, אסתר... נעכטן אָוונט האָט ד"ר היימי רובין באַזוכט די מוטער. לאָמיר אָנעמען, אַז זי שטאַרבט. דעמאָלט מוז דאָך מיט גרעטלען עפּעס געשען... ווי שפאַסהאַפטיק ער זעט אויס מיט זיינע קרומע פיס. ווי ער האָט זיך דורכגעשאַרט דעם צימער. ביכער האָט ער גענומען און זיי צוריק אַוועקגעוואָרפן. מיט אַ טראַסק; אוועק מיט די ביכער. „צו וואָס!" האָט ער געזאָגט מיט אַ קוואָקעדיקער שטים, וואָס האָט דערמאָנט היי רובינען פון לאַוועלעס צייטן... לאַוועל... גאַזבאַלייכטענע נצחונות. „די פאַרשאָלטענע ביכער צו וואָס?"... פיליפ האָט געכראָפּעט. ער האָט געוואוסט, וואָס היימי האָט געמיינט... „אופּטאָון; די טיר אויבנאויף. אופּטאָון, אַ נייע וועלט פון שטרעבערס, וואָס לעבן פון די היי'קערס פון דאַונטאָון"... זיינע קרומע קני זיינען געווען קאָמיש און זיין באָרד אויך. ער האָט דערקלערט, אַז מיט דער מוטער איז אַלץ אין דער בעסטער אָרדנונג; זי ליידט נאָר פון ביינקשאַפט, זי ביינקט נאָך דער געטאָ, איר וועלט. ער האָט אַפילו קיין גוט נאַכט ניט געזאָגט; ער האָט אַרונטערגעשטאַלפּערט פון די טרעפּן; ס'האָט געקלונגען ווי ער וואָלט געקלאַפּט מיט די

קני... אופּטאָון. דער טעם פֿון רײַכקייט. וואַרעם אײַנגעפּאַסט אין די געפּוצטע ברוינע שטיינהײַזער, וואָס בליקן אַריבער אין די מערבֿדיקע אַכציקער גאַסן פֿון צענטראַל־פּאַרק. אופּטאָון. אַפֿן טורעם. אופּטאָון. אין דאַונטאָון האַלט איך אָבער אַ דירה, בכדי איך זאָל דאָרטן קאָנען ווײַלן: די מויל פֿון מײַן פֿאַנג־אַרמײַ, פּאָליטיש בין איך נאָך אַלץ אין איסטסײַדער, אָבער נאָר פּאָליטיש. איך בין נאָך אַלץ אַ פּעאָדאַלער הער, אָבער אין אַ געוויסן זינען אַזעלכער, וואָס רעגירט אין זײַן אָפּוועזנהייט. דאָס איז דער נײַער סטיל פֿאַר די פּאָליטישע „באָסעס", באַקוועם. פּעאָדאַלער, אָבער אָפּוועזנדער הער. עמיצער האָט אַזוי געזאָגט. בארני פּין, צום טײַוול מיט אים... „הירש און פֿרײַנד", וואָס זײַערע געשעפֿטן גייען אַ סך בעסער, ווי ווען עס איז, באַזירן זייער גרויסער פּראַקטיק נאָך אַלץ אַף איסטסײַד, אָבער עס איז באַוואוסט געוואָרן, אַז מיר האָבן דערפּאָלג. ווי אַזוי און פֿאַרוואָס גייט קיינעם ניט אָן. דערפּאָלג וויל מען, דערפּאָלג דאַרף מען, קומט עס צו אונז. וואָס פֿאַר אַ גערעטעניש פֿון בירואָס האָבן צו הײַנטיקן טאָג „הירש און פֿרײַנד" — אַ גאַנצן שטאָק אין אַ וואָלקנקראַצער: דיוואַנעס, פּולטן, שרײַבערס, קאַרטאָטעקן, שײנע סטענאָטיפּיסטינס, צווישנווענט, ברייוו־פּאַפּיר מיט וואַסער־צייכנס, טריוקן און — דערפּאָלג... און פֿיליפּ האָט אויך דערפּאָלג. ער פֿאַרמאָגט אַ גאַנצע סעריע עלעגאַנטע אויסשטעלונגס־רוימען אין אַ געבײַדע אַף בראָדוויי. אַ געבײַדע באַטײַט דערפּאָלג. אָבער ער פֿאַבריצירט נאָך אַפֿן אַלטן שטייגער... אין באַראַקעס אַרבעט ער אויס זײַנע בעסטע סחורות. אין שטינקעדיקע באַראַקעס. וואו שוויס גיסט זיך ווי וואַסער... אָבער אַזוי קומט מען צום דערפּאָלג. די מטבֿעה. און פֿיליפּ איז רײַך; ווי רײַך, ווייס קיינער ניט. די גאַנצע וועלט ווייס, אַז ער איז אַ מיליאָנער; און דאָס איז שוין אַזוי גוט. ווי מען וואָלט דאָס זײַן אין דער אמתן... פֿינף יאָר. די לעצטע פֿינף יאָר פֿון אונזער פֿאָרויסגיין אַף דער וועלט... איך האָב זיך אָפּגעזאָגט פֿון ווערן אַ סופּרעמקאָרט־ריכטער. דאָס האָסטו גוט געמאַכט — מאיר הירש! איך האָב אײַנגעזען, אַז פֿאַר מײַן פּאַרטיי איז דער יאָר ניט קיין גוטער.

עס וואָלט געווען שלעכט ביצושטיין פאַר א געשלאָגענעם קאַנדידאַט פון אַ געשלאָגענער פאַרטיי. דער וועג פון מאיר הירש טאָר ניט וויסן פון קיין שוואַרצן פלעק, פון קיין שום מפּלה. מיר האָבן פאַרלאָרן, אָבער פאַר מיין באַרוף האָט דאָס ניט געשאַדט, ווייל מיין ראַיאָן האָט אַ גרויסע מערהייט שטימען אָפּגעגעבן פאַרן טעמעני האָל. אפילו די מפּלה האָט מיך געמאַכט בולטער — דורכן קאָנטראַסט... איך האָב בעסער געוואַרט און זיך געלאָזן קלייבן אין אַ זיכערערן יאָר. די רעפאָרם-באַמיאונגען פון ניו-יאָרק ציען זיך ניט לאַנג. די גוטע עלעמענטן האָבן זיך געמוזט פאַרייניקן כדי אונז צו שלאָגן. אינם וואַל-קאַמף האָט מען, ווי געוויינלעך, געלאָזן אין גאַנג אַלע מיטלען און מען האָט זיך פאַר קיין זאַך ניט אָפּגעשטעלט. אויך די סאָציאַליסטן האָבן ניט געשוויגן. דער קאַנדידאַט פון די קאָמפּראָמיסלער אַלס שטאָטראַט איז ארויסגעשטעלט געוואָרן דער רעפאָרמאַטאָר באַרנעי פין. ער איז באַגראָבן געוואָרן. זאָל ער גיין צו אלדי רוחות. ער האָט מיך געבראָטן אַף גליענדיקע קוילן. ער האָט מיך געמאַכט אַ פּיינעם נאָמען! ער און די סאָציאַליסטן האָבן געמיינט, אַז זיי קענען מיך. דאָס קאָן מיר, פאַרשטענדלעך, ניט שאַטן, ווי לאַנג די גרעסטע צאָל פון מיינע אייגענע ווילער האָבן מיך ניט דערקענט. אָבער מיר ווערט קאַלט אין בויך, בעת איך דערמאָן זיך אָן די דאָזיקע פאַרשאָלטענע סאָציאַליסטן; ווי זיי האָבן מיך אָנגעגריפן! זיי האָבן מיר פאָרגעשטעלט, ווי אַן אָנגעפרעסענע גראָבע פּוזע, וועלכער זיצט אין אַ זאָטל אַף איסטסייד, מיט איין פוס אַף זייער בויך, מיט דער צווייטער אַף זייער נאַקן. דער הער גראָבער בויך! די סאָציאַליסטן האָבן געוואונען שטימען. אַף מיין זייט זיינען געווען די מיושבדיקע, די מער זיכערע, די וואָס האָבן געשטריעבט צו האָבן נוצן, אָבער די סאָציאַליסטן האָבן באַקומען נייע שטימען; פון דער נאָך ניט געפּרואווטער גענעראַציע, די יונגע, די רוסישע איינוואַנדערער, וואָס האָבן זייער דערציאונג באַקומען אין שול פון דער רעוואָלוציע. באַ! — דער סאָציאַליזם פון היינט איז דער בורזשואַז פון מאָרגן. מען דאַרף נאָר אָפּוואַרטן ביז זיי וועלן עפּעס פאַרמאָגן. זיי ענדערן זיך שוין.

זיי גייען נאָך אַ סך ווייטער. בעת אַ ראַדיקאַל וואַקסט אויף, איז ער שוין אַ קאָנסערוואַטיווער... אַלץ איז שטים־בהמות...

„האָסט עפּעס געזאָגט, מאיר?"

איך וויל פון גרעטלען ניט רייִדן, איך וויל אָנהייבן פון עפּעס אַנדערש.

„איך האָב געטראַכט וועגן דעם, פיליפּ; האָסטו פון דער יוניאָן אַ סך זאָרג?"

„מיר גרייטן זיך קעגן איר. איך האָב אָרגאַניזירט די פאַבריקאַנטן. איך האָב נאָר אַ פאַבריקאַנטן־פאַריין געגרינדעט"... ער לאַכט סאַרקאַסטיש... „וויפיל עס באַטייט אַ נאָמען! אַן יוניאָן איז אומאַמעריקאַניש, אַ פאַרבאַנד דאַקעגן קעמפט פאַר אַמעריקאַנישע פּרינציפּן, פאַרשטייסטו, מאיר?. . . יוניאָנען שטייען אין אַ סתירה צו די גלענצענדע אַמעריקאַנער אינסטיטוציעס — קודם־כל אין סתירה צו דער פּערזענלעכער פרייהייט. זיי נעמען אָפּ בײַ די אַרבעטער דאָס רעכט צו אַרבעטן. די יוניאָנען האָבן ניט קיין רעכט צו דיקטירן אַ פרייען אַמעריקאַנער בירגער, פאַר וועמען, וואָס, וואו און ווי אַזוי ער זאָל אַרבעטן. זיי האָבן ניט קיין רעכט אונדז צו דיקטירן, ווי אַזוי מיר זאָלן פירן אונדזערע געשעפטן. מיר אינעם פאַבריקאַנטן־פאַרבאַנד זײַנען אַמעריקאַנער; דער יוניאָן איז אַן אויסלענדישע אינוואַזיע". . . אַוועק מיט גרעטלען. פיליפּ איז באַשטאַנען אויף דעם. נאָכדעם ווי די יוניאָנען האָבן אָפּגעדינט זייערע צוועקן, האָט ער זיי געוואָרפן איבערן באָרט. . . „איך ווייס ניט קיין סך. . . אין אַ געוויסן זינען, יאָ, מאיר, האָבן די יוניאָנען געבראַכט גאַנץ גוטע נוצן דער אינדוסטריע. זיי האָבן פאַרבעסערט די לעבנס־פאַרהעלטנישן פון די אַרבעטער און דערמיט אויך די פאַרהעלטנישן אין דער אינדוסטריע. מיר דאַרפן אָבער ניט אַז די יוניאָנען זאָלן ווערן צו שטאַרק, מיר טאָרן זיי ניט לאָזן אַ סך לערנען. דאָס איז תמיד סכּנה, אַז זיי דערקענען זייער כּוח און רײַסן זיך צו דער אינדוסטריע. און וואו וועלן מיר דעמאָלט בלײַבן? לאַנגזאַם און ניט־באַמערקבאַר ווילן מיר לאָזן די יוניאָנען רעגולירן אין גע־

זונטן זינען די אַרבעטס=פאַרהעלטנישן, פאַר אַרבעטסגעבער און אַרבעטסנעמער איז נאָר גוט, ווען עס נעמט א סוף צו דער אופרייבנדיקער כעזאָן אַרבעט״. . .

אָבער פיליפ וויל וועגן געשעפט=ענינים קיין סך ניט ריידן, ער זויגט קראַמפּהאַפטיק זיין ציגאַר אַ סימן אז ער וויל דעריבער מער ניט ריידן. ס'איז געווען בא אים אַ מין צווייטע אייזערנע געוואוינהייט, נאָכדעם ווי ער איז אַוועק פון זיין פאַבריק, מער ניט צו ריידן וועגן געשעפט=ענינים. אין אָנהייב איז דער געשעפט פאר אים געווען אַ באַצויבערנדיקע מעטרעסע. מאַראַם ביזנעס האָט דערקלערט: אויב דו ווילסט מיך האָבן, אָדער דו ווילסט איך זאָל דיך האָבן, זאָלסטו זיך מיר אינגאַנצן אָפּגעבן. . . איצט איז אָבער פיליפ רייך גענוג, ער זאָל זיך קאָנען פאַרגינען צו געפינען זיין רו אין אַנדערע אינטערעסן. ער האָט זיך געוואָלט אָפּגעבן דעם געשעפט מיט לייב און לעבן. דען ארום זיך האָט ער געזען, ווי א התראהדיקן ביישפּיל די שרעקלעך לאַנגווייליקע פּאָליטיקאַנער, וואָס דער געשעפט האָט געמאַכט פון ניין פון צען געשעפטסלייט. זיי האָבן פון קיין אַנדער זאַך ניט געוואוסט, ווי פון געשעפט. האָבן דאָס תמיד געזען פאר זיך, געהערט, גערעדט און געלייענט נאָר פון געשעפט. . .

פיליפ האָט זיין קאַפע אויסגעטרונקען און האָט אָנגעקלונגען צום דינער, ער זאָל אים אָנצינדן זיין ציגאַר. . . ווידער האָט ער אָנגעהייבן צו ריידן וועגן גרעטלען. . . ס'איז אמת, אין אופּטאָון האָבן מיר איר געמוזט געבן אַן אַנדער עובדה. איצט הייסט זי גערטרוד; ערלויבט מיר זי אָנצורופן גרעטל. ווען מיר זיינען צווישן זיך, זי האָט בינו=לבינו געלערנט ענגליש, הגם מיר איז א סך אָנגענעמער געווען זי צו הערן ריידנדיק דעם ביגעווידיקן און מוזיקאַלישן אידיש. ווי די געזעלשאַפטערין פון מיין מוטער איז זי אומעטום געקומען אין אַן אווטאָמאָביל, אין געשעפטן און אין פּריוואַטהייזער. . מען האָט געמורמלט, זיך געסודעט, איר פולע פיגור מיט די אָנגענעמע, פרעכטיקע

פאַרמען האָט געטראָגן מיט געשמאַק די עלעגאַנטע קליידער, און איך האָב מיט שטאָלץ באַמערקט, ווי איר האָבן פאַרפאָלגט די מענערשע אויגן. . . וועט מען דעם אמת דערגיין, וועט פונם מורמלען אויסברעכן אַ שרייענדיקער סקאַנדאַל ?. . . פון איר פּטור ווערן ?. . . וועגן דעם האָב איך קיינמאָל נישט געטראַכט. . . אַלץ איז אַזוי וואַרעם און באַקוועם און אין דער בעסטער אָרדנונג. . . אין די לעצטע פינף יאָר בין איך באמת געוואָרן דיק — זיין עקסעלענץ, הער גראָבער בויך. מיין קין האָט אויסגעזען, ווי ס'וואָלט זיך אָנהייבן בײַ מיינע באַקן-ביינער. אַ פאַרשפּיצטע בויך און אַ פּנים פון אַ קעפּל קרויט... פרעגט זיך עמיצער נאָך, פאַרוואָס עס ציט די ווייסע זומערפייגעלע צום קעפּל קרויט ?. . . גרעטל. נאַטירלעך, בין איך איצט, ווי אַלע דיקע מענטשן, געוואָרן באַקוועם. גרייט צו לאָזן אַלעמען צורו, אַבי מען זאָל מיר לאָזן צורו. . . דאָ האָט מען געמעגט לאָזן דעם אָנקל פיליפּן, ער זאָל זיין אַ קעמפער, ווייל ער איז געבליבן מאָגער, אַזוי ווי פריער. ער לאָזט מיר נישט רוען, פרואווט מיך אָפּוועקן פון מיין הינערפּלעט. איך ווייס, וואָס ער וויל. נאָך אַ גרויסן שריט פאָרויס, דער אַלטער פיליפּ; קיינמאָל נישט צופרידן. אין דער אמתן האָט ער זיך אַליין געגרייט צו אַזאַ מין שריט — ער וויל חתונה האָבן.

„דו דאַרפסט נישט וואַרטן, ביז זי וועט דיר נמאס ווערן".

„גרעטל וועט מיר קיינמאָל נישט שטיין אין וועג".

„אַף אַ פרוי קאָן מען גאָרנישט אויסרעכענען. מען קען קיינמאָל נישט אַ פרוי, אַפילו אויב מען האָט מיט איר פאַרבראַכט אַ גאַנצן לעבן. מען קען איר נישט, ווייל זי אַליין קען זיך נישט".

עמיצער איז אַריינגעקומען אין צימער, שטיל, זיך אַריינגעשליכט. דער יאַפּאַנישער דינער מיט אַ טאַבלעט. איך האָב זיך פאַרחלומט איבער מיין קאַפע. פיליפּ האָט אוועקגעוואָרפן זיין האַלב-אויסגערויכערטן ציגאַר, האָט זיך פאַרגונען דעם לוקסוס צו

נעמען א פרישן. ער האט זיך איינגעבויגן צום קאמין, קעגן דעם פייער, אזוי אז איך האב קלאר געקאנט זען זיין שווארצע טשופּריגע, וואו ס'האט זיך שוין געוויזן א פאס גראָע האר. זיין מויל איז געווען צוזאמענגעפרעסט, ווי בײַ אלע מאגן־קראנקע. די צייט האט אויסגעפרעסן גריבלעך אין זיינע באקן. זיין פנים איז שיין און בכבודיק, ווייל עס איז שמאל. איז דאס דער קאמין־פייער... זיינע אויגן... א הייץ... די אויגן פון א דיכטער, א בעל־חלומות, אבער זיינע באקן־ביינער, זיין שטערן־ביין, זיין קינבאק... דער שטאָלענער סקעלעט פון א וואלקנקראצער... באמת, א וואלקנקראצער, שמאל, שטיין און שטאָל־געשפאנטער בעטאן, פערזענלעכקייט. ס'איז געווען א צייט, ווען ער האט זיך מיט לייב און לעבן אפגעגעבן זיין געשעפט. אכצען שעה אין מעת־לעת האט ער געהארעוועט. ער האט געמאכט א הפסקה נאר בעתן עסן. א כאפ, א זופּ, א ביס — מיטיק. שפעט אין אווגט, ווען ער פלעגט נאך ארבעטן, האט אים דער בורטשעריקער מאגן דערמאנט אן עסן. דעמאלט האט ער גענומען א שטיקל לאקס, מיט שלעכטע עסיק באגאסן, צוגעביסן מיט א שטיקל ברויט און פארביסן מיט א גרויסע רויע ציבעלע. ווייטער! פאָרווערטס! און זיין ארבעטס־וואך איז באשטאנען פון זיבן טעג... איצט האט אים זיין מאגן דערמאנט וועגן דעם. זיין מאגן האט אים דערמאנט, אז עס איז פאראן עפעס אזוינס, וואס רופט זיך לעבן. דער מאגן האט אים געמאכט פאר א בעל־חרטה... ענדלעך, ווען דער מאגן איז שוין כמעט אינגאנצן געווען רואינירט, האט ער זיך דערוואוסט, אז ס'איז פאראן א לעבן, א לעבן, וואס האט געוואלט געלעבט ווערן. ווי אלע וואס זיינען פארשאלטן פונם געשעפטסלעבן, האט פיליפ דערקלערט, אז ער וועט לעבן זיין לעבן, ווי ער האט געוואלט — גרויס, וואונדערבאר און פרייד — קוים וועט ער נאר האבן געמאכט גענוג געלט... און ענדלעך האט דאס לעבן געווארט אף דעם, עס זאל געלעבט ווערן, אבער ער האט זיך פארלערנט צו לעבן, ער האט שוין מער ניט געהאט די פייאיקייט צו לעבן, גייסטיק און קערפערלעך. כמעט אלץ אין אים

איז געווען אויסגעווייגט פונעם וואמפּיר. די שווערע אַרבעט איז געוואָרן אַ געוואוינהייט. מאַנכעס מאָל האָט עס אויסגעזען, ווי ער קאָן בכלל ניט אָטעמען אָן דעם דאָזיקן דרייַנג. . . פיליפּ איז אָבער געווינט געווען זיך פּעסט אַריינצונעמען אין די הענט. ער האָט געפּרואווט צוריק צו דערווערבן זיין אינטערעס צום לעבן און צום לעזן. ס'איז געווען שווער. ער האָט געמוזט אָנהייבן לערנען פון אָנהייב אָן. ער האָט געמוזט אויסראָטן די פאַראַכטונג פונעם סוחר צו קולטור. און זיין מאָגן האָט געפאָדערט די זאָרגפעלטיקע באַהאַנדלונג פון אַ באַרימטן דאָקטאָר. ער האָט אויסגעהערט דעם משפּט: דיעטע אָדער טויט. אָבער דער גרעסטער און שטאַרקסטער דראַנג צום לעבן איז געקומען, בעת פיליפּ האָט אַנטשלאָסן זיך אַריינצוכאַפּן אין דער פעסטונג פון דער אַריסטאָקראַטיע, פון די אייבערשטע פירהונדערט דייטשע אידן. ער האָט דאָס געפּרואווט און איז אָפּגעשלאָגן געוואָרן. האָט ער באַשלאָסן דערווייל זיך צו האַלטן פון דערווייטנס. ער וועט שוין געפינען אַ וועג זיך אַריינצוכאַפּן אין דער הייליקער שטאָט און דאָרטן צו פאַרבלייבן.

פיליפּ האָט געטאָן אַלץ, וואָס ער האָט נאָר געקאָנט, בכדי זיך אַריינצודרייען אין דעם כּשוף־קרייז פון די אידישע פירהונדערט. עס האָט אים אָבער ניט געהאָלפן, ווייל ער האָט ניט געהאַט קיין יחוס. ער איז געווען אַ רוסיש־אידישער אויפגעקומענער גביר. און די אַריסטאָקראַטיע האָט געהאַט אירע שטרייַנגע געזעצן קעגן די רוסישע און פּוילישע אידן, פּונקט אַזוי ווי די אייבערשטע פירהונדערט האָבן געהאַט זייער געזעצן קעגן דעם, אַז די אידן זאָלן אַריינדרינגען אין זייער אינטימען קרייז. ווי אַזוי אָבער זאָל דאָך אַן אַריסטאָקראַטישע געזעלשאַפט בלייבן אַריסטאָקראַטיש?. . . אין פיליפּס מוח איז געבאָרן געוואָרן אַ פּלאַן צו טאָן אַ שידוך. ער האָט אפילו אין זינען ניט געהאַט צו נעמען אַ פרוי, ער האָט נאָר געוואָלט חתונה האָבן צוליב יחוס, צוליב איינקויפן זיך אין דער געזעלשאַפט. . . איצט איז געווען ערב אָפּשליסן דעם שידוך, און דעריבער האָט ער דאָס

פאַרפירט דעם שמועס מכוח גרעטלען, ווײַל, נאָך הײַנט האָט פיליפ דערוואַרט זײַן קומעדיקן שווער הערמאַן מאַלאַכאָן מונטערקאַסט, וועלכער האָט געזאָלט קומען צוזאַמען מיט א רײַכן באַנקיר צו שפּילן מיט פיליפן אַ קערטל. און אָט דער מונטערקאַסט האָט דאָך געהאַט אַ טאָכטער אַ בוגרת, וואָס האָט באַדאַרפט חתונה האָבן. די מיסיס יאָזעפינע דויך מונטערקאַסט איז שוין געווען גענוג אַלט, אַז אירע עלטערן זאָלן זיך דאַרפן דרייען אַ קאָפּ ווי אזוי איר חתונה צו מאַכן, ווײַל זיי האָבן אָנגעהערט צו דעם קלאַס, וואו אַן אַלטע מויד איז אַ קנאַפּער יחוס. . . איך האָב זיך באַקענט מיט דער דאָזיקער דאַמע אויף די טרעפּלעך פונם טעמפּל אויף דער 5=טער עוועניו. צום דאָזיקן טעמפּל האָט זיך דאָס פיליפ אָנגעשלאָסן; דאָס איז געווען אַ מאַנעווער אין זײַן אָנגריף אויף די פירהונדערט. זי האָט זיך מיט קיין זאַך נישט אויסגעצייכנט, אָבער פיליפ האָט געקוקט אויף איין זאַך — אויפן יחוס. און די מונטערקאַסטס האָבן געהאַט אָן אַ שיעור קרובים אין די העכסטע קרייזן פון די פירהונדערט. אָט דעם יחוס האָט פיליפ געזוכט זײַן גאַנצן לעבן — אַ מין קאָנטראַמאַרקע אַרײַנצוקומען אינם געהייליקטן היכל. . . עס איז לעכערלעך, נאַריש, וואָס האָט מען שוין דערפון, אַז מען האָט דאָס? אזוי האָט פיליפ געפרעגט, אַז ער האָט שוין ענדלעך דערגרייכט זײַן ציל. און וואָס האָט ער געפונען? דער דאָזיקער זעלטענער פאָלק פון די העכסטע היכלן איז געווען ווי אַלע בערג=פעלקער נאַריש, לאַנגווײַליק, ניט=באַוואָרן און שרעקלעך פּראָווינציעל. . . די טראַגעדיע פון פיליפס לעבן איז געווען אַז ער האָט תמיד באַקומען דאָס, וואָס ער האָט געוואָלט. . . קוים איז אַ רוסישער איד, אַ קליין און פאַרצײַטער אַ הערינגפרעסער געקומען צו די עטלעכע דאָלאַר, האָט ער תּיכּף שטאַרק אָנגעהויבן צו בענקען זיך אַרײַנצודרייען צו די הויכשטייענדיקע דײַטשע יאַהודים. . .

זײַן בענקשאַפט און שטרעבן איז תמיד אָפּגעשטויסן געוואָרן מיט דער גרעסטער פאַראַכטונג. . . איך גלייב, ווי אַן אַמעריקאַנער אײַנגעבאָרענער, האָב זיך באַטראַכט ווי אַ טייל פון אַ נײַגעבאָרענער אַריסטאָקראַטיע, די אַמעריקאַנער אַריסטאָקראַטיע פון דער=

פאָלג, וואָס זייער וואָפן איז דער דאָלאַר=צייכן. . . דאָלאַר לאַנד. . . דאָלאַר=לאַנד. . .

„אויב דו ווילסט הערן מיין עצה — פאַרליר נישט קיין צייט, מאיר, וואַרט ניט, ביז. . ."

„מיסטער מונסטערקאַסע און מיסטער מאָרטימער". . . די דאָזיקע אָנמעלדונג איז געקומען צוזאַמען מיטן אַרויסדרייען די עלעקטרישע באַלייכטונג. . . מונסטערקאַסע איז געווען אַ איד אַ זעכציקער, קליין מיט רונדע פּלייצעס און אַ דיקע בויך; זיין געלבלעכער פּנים איז אַקצענטירט געוואָרן דורך אַ רויטלעך=ווייסן שפּיציקן בערדל; און זיין שמאָלער פּנים האָט אויסגעוויזן נאָך שמעלער צוליב זיין גרויסן, געקרימטן נאָז. ער איז זיך ווינדיק אַריין אין צימער און האָט פאָרגעשטעלט זיין שוועסטערקינד, מיסטער מאָרטימער. . . מאָרטימער פון דער באַנקירן=פאַמיליע פון די גרויסע מאָרטימערס! מאָרטימער איז געווען הויך, בריטביינערדיק, מיט אַ ברוינעם פּנים און אומגעצוואונגען. ער איז געווען אַ טיפּ פון אַן אַמעריקאַנער פון דער אוניווערסיטעט=סביבה.

מונסטערקאַסע איז געווען דער אינטימער פון אַ גרויסן געשעפט, און מאָרטימער האָט געירשנט דעם פּאָסטן פון אַ וויצע=פּרעזידענט פון אַ באַנק, וואָס איז געגרינדעט געוואָרן מיט פיר דורות צוריק אין דער פרייַשטאָט האַמבורג; ער האָט פינאַנסירט קופּערמינעס און אייזנבאַנען אין מערב=אַמעריקע.. דאָס זיינען לייטן, וואָס פאַר זיי מוז מען שטיין אין פראָנט... די זיילן פונם טעמפּל אויף דער 5=טער עוועניו.. מיר גייען פאָרויס... איך פיל אָבער אַ זויערן ריח אין גומען.. גרעטל.. וויל, איך רעכן, אַז מען וועט מיט איר מוזן פאַרטיק ווערן... איך בין צעשטרייט... פּיליפּ דערציילט אַ געשיכטע... איצט קומט מיר אויפן זינען אסתר... גרעטל... אסתר... פאַרוואָס קומט מיר דווקא היינט איר בילד אויפן זינען און מאַכט מיר אומרואיק?.. עס איז שוין אַזוי לאַנג זינט איך האָב מיט איר גערעדט... איך האָב געמיינט, אַז זי איז מיר שוין אינגאַנצן פרעמד געוואָרן. . . היינט אָבער. . .

א קאָמיטעט פונם טעמפל איז אריינגעקומען בראש מיטן
יונגען ראַבינער דרוקער... זיי ווילן זיך מיט מיר באַראַטן. איך
האָב מיין נעץ פאַרוואָרפן אין די טעמפל-ענינים. אַ דערפאָלגריי=
כער פאָליטיקער וויים ווי אַזוי צו שלאָגן קאַפּיטאַל פון זיין קעג=
נערס נצחון. פין איז אַף אומטמייד געוואָרן צו דערפאָלגרייך. נאָך
ערגער איז, ער אַטאַקירט מיר פּערזענלעך. איך האָב פאָרגעשלאָגן
מיר זאָלן גריגדן אַן אַנשטאַלט, בכדי אָפּצוהיטן דעם יונגען דור
פון דער נים-אידישער השפּעה פון אַזעלכע ווי פין... איך לאַד
איין מונסטערקאַסע און מאַרטימער זיך צו באַטייליקן אין קאָמי=
טעט. איצטער בין איך ווידער איינגאַנצן בא דער זאַך, איך באמי
זיך אַף פּיליפּנס קומעדיקן שוועך צו מאַכן א גוטן איינדרוק...
דרוקער איז געווען אַ געהילף-ראַבאי בא דעם בכבודיקן יאָזעף
ראָזעמאַן, דעם אויבערראַבינער פונם טעמפּל אַף דער 5-טער
עוועניו. דער יונגער ראַבאי האָט געוואוסט ווי אַזוי זיך צוצו=
חנפהנען צו די מאַכטהאָבערס. ער האָט קורץ מודיע געווען
דעם צוועק פון אונזער זיצונג און האָט זונגעהייבן מיט א חניפה
פאַר מיר. ער האָט באַנוצט אויסשליסלעך די לייכט-פאַרשטענדלע=
כע, געהייליקטע פראַזן... יודנטום... יודנטום... און
ווידער האָט ער געפונען אַ געלעגנהייט מיך צו חנפהנען...
„מיסטער הירש איז שוין לאַנג באַקאַנט ווי דער פאַנצערטרעגער
פונם אידנטום, דער פאַרטיידיקער פון די אייביקע אידעאַלן פון
דער אידישער קולטור... איצט האָט מר. הירש דערשפירט
מיט זיין וואונדערשאַרפן בליק אַ סכנה. מיר מוזן אָנערקענען
דאָס, וואָס מר. הירש האָט דערזען, אַז די יוגנט ווערט פרעמד
צום אידנטום"... מונסטערקאַסע האָט אין פייערלעכער פאַר=
צווייפלונג געשאָקלט מיטן קאָפּ. מאַרטימער האָט דערשטיקט א
געגעץ... דער ראַבאַי איז באמת געווען לאַנגווייליק, נים גע=
קוקט אַף דעם, וואָס ער האָט פאַרשטאַנען אַן עסק ווי צו מאַכן
דעם שפּיל. איך האָב מורא געהאַט, אַז דער ראַבאַי זאָל די זי=
צונג נים צו לאַנג פאַרציען, צום גליק איז אין דער רגע אָנגע=
קומען ד״ר ליאָנעל קרען, וועלכן איך האָב געהאַט איינגעלאַדן
בכדי אויסצוהערן זיין מיינונג. איך האָב דאָ אָפּגעאַרבעט אַ פּי=

נעם שפּיצל מיטן דר. קרען, איך האָב געזוכט אַפּן טערקישן אופן צו געווינען דעם קעגנער אַף מיין צד מיטן געבן אים טיטלען און מתנות. איך האָב געפּילט, אַז איך קאָן ד״ר קרענען אַף מיין צד אַריבערציען, אויב איך וועל אים פאַרזאָרגן מיט אַ פּאָסטן און אים צושאַפן צו די הויכע קרייזן. דעמאָלט וועט ער אופגעבן זיין קאַמף קעגן די פּראָפעסיאָנעלע אידן און וועט זיך אָפּזאָגן פון דער טעאָריע פון געמישטע חתונות, וואָס ער האָט געהאַלטן פאַר דער רעטונג פונם אידנטום. און איך האָב רעכט געהאַט, דען קרען האָט געשטרעבט צו עפענען אַ צדקה־אינסטיטוציע אונטער דער השגחה פונם אַלמעכטיקן טעמפּל, ווייל ער האָט געדאַרפט געבן ברויט אַ פרוי און אַ קינד. . . קרען האָט גערעדט: „איז אייך באַוואוסט, אַז די קריסטלעכע געזעלשאַפט ניו טוג, טעאָסאָפיע, עטישע קולטור און אוניטאַריזם ציען אריין גרויסע מאַסן אידן פון יונגען דור?״ . . . מונסטערקאַסע שפּיצט אָן די אויערן. . . „באמת?״ . . . „יאָ, זיי ציען צו די גייסטיקהונגעריקע, וואָס ווערן אָפּגעשטויסן דורך די לעבערלעבקייט פון אונזערע אָרטאָדאָקסן, אייער טעמפּל איז אַ רעפאָרמירטער טעמפּל דער אויסדרוק פון אָפּקערן זיך פון דער אָרטאָדאָקסיע. אָבער מיינע הערן, איר זייט געווען צו אָפּגעזונדערט. מען מוז דעם יונגען דור ברענגען די הילף, פונקט אַזוי ווי דאָס טוען די ניט אידן. מיר דאַרפן זען מען זאָל האָבן מער אַכטונג צום אידנטום. די ערשטע אויפגאַבע דערצו איז מיר זאָלן אַ ביסל פאַרבויגן אונזערע פּערזענלעכע אַמביציעס״ . . . נאָכדעם איז אַוועקגעגאַנגען אַ סדרה, אַז דער ראַדיקאַליזם איז אַ מיטל צו שטילן אַ גייסטיקע באַדערפעניש, אַז אַ גרויסע צאָל פון אידישער יוגנט געפינט איר גייסטיקע באַפרידיקונג אין סאָציאַליזם און אַנאַרכיזם, אַז מיר זיינען אַ פאָלק, וואָס באַוועגט זיך כסדר צווישן צוויי עקסטרעמען און דער עיקר, אַז די אַלטוועלטיקע סינאַגאָגעס זיינען אין דער נייער וועלט סאָציאַל און גייסטיק ניט־באַפרידיקנדיק. . .

זיין דרשה האָט געהאַט גרויס ביפאַל. נאָך אים האָט ווידער אָנגעהויבן צו דרשנען דרוקער. געשיקט האָב איך בּאַ אים

איבערגענומען דעם וואָרט און האָב פאָרגעלייגט פּראַקטישע אַרבעט. מען זאָל די אַרבעט איבערגעבן אַ סוב-קאָמיטעט פון דריי פּערזאָנען: ד"ר קרען, דרוקער און איך. נאַטירלעך איז דערמיט געזיכערט געוואָרן, אַז באַם טעמפּל זאָל געגרינדעט ווערן אַ סאָציאַלער וואוילטעטיקייטס-צענטער. פיליפּ האָט מיט אינטערעס נאָכגעפאָלגט די אונטערהאַנדלונגען: ער איז געווען צופרידן, וואָס מונסטערקאַסע האָט באַקומען אַ גוטן אײַנדרוק. . . דער עולם האָט זיך אָנגעהייבן צו געזעגענען און דערבײַ זיך דורכגעשמועסט און געמאַכט וויציקע באַמערקונגען איבער דער וויכטיקייט פון דער פּראָבלעם. מיסטער דרוקער האָט מיר דערציילט, אַז אין די אָוונט-צײַטונגען האָט ער געלייענט: „אָרימע אידן-מיידל הייראַט מיט אַ גויאישן מיליאָנער". ווי הייסט ער? אָ, יאָ, פין זעט נאָר די איבערשריפט: „אָרימע אידן-מיידל!" „ווי די מיידל הייסט?" — יאָ, זי הייסט אסתר ברין! אַ סקאַנדאַל! . . . דאָס הייסט, אַז זי האָט געהייראַט צוליב געלט. . . מיט אַ גוי האָט זי חתונה געהאַט צוליב געלט!"

קרען האָט באַשטעטיקט די איבעראַשנדיקע ידיעה. „יאָ, פין האָט געוואָרן יאָרן בכדי צו געווינען די מיידל. עפּעס איז געשטאַנען אין וועג צו דער דאָזיקער הייראַט. אפשר די פאַרשיידנקייט פון דער רעליגיע, אָדער אפשר אויך אַן אַנדער מאַן. . . ווער ווייס. . . די חתונה איז שוין פאָרגעקומען מיט עטלעכע וואָכן צוריק אין געהיים, אין דער קירך פאַר עטישע קולטור. . . אָבער איצט, אַז פין האָט געירשנט עטלעכע מיליאָנען, איז עס דאָך אַרײַנגעקומען אין צײַטונג". . .

איך האָב זיך אַרופגעקליבן אין מײַן צימער, אַלץ איז געווען שטיל, די מוטער האָט זיך געשאָקלט אין איר וויגשטול, און איך האָב געהערט דעם קלענסטן גערויש, ווי דעם פליסטערן פון טײַכל, ווײַזט אויס גרעטל, וואָס איז געווען באַשעפטיקט אין אַ דערבײַאיקן צימער. . . איך בין געווען רויק; אַ שרעקלעכע רו איז אויף מיר געקומען, איך האָב גענומען דעם הוט און פּאַלטאָ. . . ווידער האָבן זיך אַרומגעיאָגט צעריסענע געדאַנקען אין

מיין מוח... איך האָב געוואָרפן א בליק אַף דער מוטער, ווידער איז זי געזעסן אין אַ ווינקל, ווי זי פלעגט דאָס מאָן אַף לודלאָו סטריט נאָכן פאַטערס טויט. שטיל בין איך איר פאַרביי־געגאַנגען און אַרויס אין פּאָדערצימער, אַליין ניט וויסנדיק וואוהין איך גיי. איך מוז אַרויסגיין. וואוהין, גאַנץ גלייך... ווייטער... אין ביבליאָטעק־צימער איז שוין געגאַנגען דער שפּיל אין פּינאָקל... איך האָב זיך אַנטשולדיקט, איך גיי צוליב וויכטיקע געשעפטן.

אסתר פאַרהייראַט! ס'האָט אויסגעוויזן, אַז דער דעצעמבער־ווינט ברומט דאָס אין די זייטנגאַסן, דורך וועלכע איך גיי צום טייך. אסתר... מיין אסתר — פאַרהייראַט... פיין... מיין שונא... איך בין געטראָטן אַף דער גראַניט־באַלוסטראַדע צום טייך אַראָפּ... איבערן באָרט מיט גרעטלעך... איך האָב זיך מיטן רוקן אומגעקערט צום טייך... אסתר... אסתר פאַרהייראַט... געדיינקסטו, מאיר הירש, ווי דו האָסט אַמאָל אין אַן אָוונט אַרויפגעקלעטערט אַף אסתרס פענסטער? ווי דו האָסט מיטן קאָפּ פאַנאַנדערגעשאַרט דעם פאָרהאַנג און ווי דער לבנה־ליכט האָט אַריינגעשיינט אַף אַ רגע... אסתר איז געשלאָפן אין בעט... אַ לבנה־שטראַל אַף איר פּלייצע, האָט זי איבערגעדרייט, די קאָלדרע האָט זיך אַראָפּגעשאַרט, און דו האָסט געזען די ווייסקייט פון איר מאַרמאָר־ברוסט, אַ גריכישע ברוסט... אַ קאַץ איז פון הויף געקראָכן איבער אַ מיסט־עמער און דו ביסט אַנטרונען געוואָרן... אָ, די ריינע שיינקייט פון אַ גריכישער ברוסט... מאיר הירש, דו וועסט קיינמאָל ניט פאַרגעסן... דער ווינט ברומט מיר אין די אויערן... דו מיינסט, דו וועסט פאַרגעסן... אָבער דו וועסט קיינמאָל ניט פאַרגעסן... אסתר... אירע אויגן... אירע הענט... איר שמייכל... און איר שטים... דו וועסט קיינמאָל ניט פאַרגעסן...

וואָס צום טייוול, טוט זיך מיט דיר? דו אַליין האָסט אויסגעוויילט פאַרוואָס טוט דיר איצט ווי די בויך?

דער ווינט האָט זיך אָפּגעשטעלט אַף א רגע. צווי מע־נער זייַנען פאַרבײַגעגאַנגען, זייער אומרײַנער געשפּרעך איז ווי אַן ענטפער אַף די פראַגעס וואָס בויערן מײַנע געהירן, זיי רואיק. דו אַליין האָסט אויסגעוויילט. איך האָב ווידער געקוקט אַפן טײַך מיט זײַנע רימטישע כוואַליעס, און עס איז, ווי ער וואָלט מיר פרעגן:

„וואָס צום טײַוול, איז מיט דיר? גיי אַהיים צו דײַן גרעט־לען, זי וואַרט און בײַנקט נאָך דיר. גיי אַהיים צו דײַן גרעט־לען“. . .

„דו גיסט מיר אַ שטויס? איך בעט דיך, דושעק, וואַרף מיך נישט אוועק“. . .

דער ווינט ווירבלט אוף די טויטע בלעטער און דעם שטויב.

דאָס הייסט „גוד באַי“ אַף תמיד. „מאַרגא, גוד באַי אַף תמיד“.

א מיידל שטייט נעבן מיר. ערשטנס זיפצט זי, נאָכדעם לאַכט זי. „ווי קומסטו אהער דיקער דיידי?“

איך שטיי און גלאָץ אַפן טײַך, וועלכער וואַרפט אַרום אַהין און אַהער זײַנע קליינע ווײַסע קינדער; די כוואַליעס זייַנען ווי מײַנע געדאַנקען שפּרודלענדיק, שפּריצנדיק און טומלדיק און פירן אין ערגעץ נישט.

„היי ביסטו פון שטיין, דיקער דיידי?“ איך קער זיך אום, און אַ האַנט לייגט זיך אַף מײַן פּלייצע.

סיי, דיקער דיידי, זיסער פּאַפּעלע, איך וואָלט וועלן עמיצער זאָל גיין שפּורן מיט מיר. איך וויל זיך שטינקנדיק, טויטלעך, שרעקלעך אָנשפּורן. . . פאַרגעסן. . . שפּורן! האָסטו געזען, ווי ער האָט זיך מיט מיר אָפּגעזעגנט? ער איז פאַרטיק מיט מיר! א סוף — פאַרטיק! ער זאָגט, איך בין אַ גוטער פערדל, אָבער מער נישט! אַז איך כאַפּ אַרײַן א פּאָר

כּוסות, קומט ער ארויס. . . פאַרוואָס האָב איך ניט געפאָלגט די מאַדאַם מינאַ? זי איז כּיטרע. . . א מיידל ווי איך דאַרף בּלייבּן בּאַ די דיקע און בּאַ די אַלטע, בּאַ דיקע זיכערע פּאַפּע־לעך, ווי דו. . . זאָל זיך ניט אַריינלאָזן מיט א יונגען חבֿרה־מאַן. . . זיי גיבּן דאָך אונז נאָר א שמוים״. . .

זי האָט איר האַנט צוריק אַוועקגענומען, האָט אָנגעהייבּן מיט די פינגער צו קלאַפּן אַפן וואַנט. . . „סיי, דיקער פּאַפּעלע, וואַרעם מיר די הענט. אַזוי בּין איך שוין, תּמיד מוז איך האָבּן עמיצן וואָס זאָל מיר וואַרעמען די הענט. . . איך קאָן ניט זיין אַליין. . . איך וויל ניט פרירן. . . איך קאָן ניט אויסהאַלטן די שטילקייט. איך מוז עפּעס טאָן. איך מוז תּמיד זיין מיט עמיצן, וואָס זאָל מיך ליבּ האָבּן. . . אַזוי איז עס, דיקער דיידי. איך פרעס מיך צו און שטעק אריין מיינע הענט אין דיין שיינעם פעלץ־מאַנטל. . . איז דאָס ניט אַ פיינער מאַנטל? . . . דו האָסט אַזאַ ליבּלעך־פריינטלעכן פּנים. . . היי, אָבּער דו האָסט אויך קאַלטע געשייטע אויגן. . . וואָס איינגטלעך טוט זיך מיט אייך, געשייטע לייט? . . . וואָס טוט איר דען מיט אייערע אויגן? . . . נו, לייג איך מיין פּנים אַף דיין שיינעם וואַרעמען פעלץ־קאָלנער. . . דאָס בּאַדאַרף איך אויך — פעלץ. . . ניט קיין האַרטע מוסקלען, וואָס מאַכן איינעם וויטיקן. . . זיסער פּאַפּעלע, קום מיט אַהיים, קום מיט אהיים״.

די מיידל האָט מיר גענומען אונטערן אָרעם און מיר זיינען אַוועקגעגאַנגען.

„דיידי, דו טוסט אַלץ, ווי דו וואָלסט זיין שכּור. אבּער איך שפּיר דאָס גאָרניט“. . .

זי האָט אַף מיר רחמנות, אָט די אָרעמע גאַסן־קינד. . . זי האָט רחמנות אַף מאיר הירשן, דעם פעטן, שיינעם און פלעג־מאַטישן. . . אַ פאַסיקער ליבּהאָבּער פאַר דער נקבה, איר וועט בּאַ אים קיין אַנדערער ניט אַוועקגנבֿענען...

די הויז־טיר האָט זיך הינטער אונז פאַרקלאַפּט. . . אַפן וועג איבּער די טרעפּ מורמלט זי מיר אריין אין אויער: „איך

היים מאַרגאָ, דו ביסט אַ אידיש אויסוועגדיקער הער, און אַזוי וועל איך דיך אַלס, ווארט נאָר, אַלס הער קאָן פאַרשטעלן. די הויז געהערט צו מאַדאַם מינא. זי האָט אידן זייער גערן. זיי זיינען גוט געווען צו איר. דאָ זיינען אַמאָל געווען דריי אַלטע הערן, זיי האָבן אן אנטייל געהאַט אין איר, אַזוי ווי אין אַקציעס, ווייסטו, יעדערער פון זיי האָט נישט געקאָנט אויסהאַלטן פאַר זיך אַ פרוי און האָבן אויך נישט געוואָלט גיין צו פאַרשיידענע פרויען, האָבן זיי זיך אַזוי איינגעאָרדנט. אָבער איצט איז זי אַלט און באַטרייבט אַ פיינעם אָנשטענדיקן אָפּשטייג־האָטעלי.

. . . מאַרגאָ האָט מיך באַזעצט אַף אַ זעסל און האָט זיך ווי אַ קליין קינד געוואָרפן אַף מיין שויס.

„אַלזאָ, היים דערלאַנגען אַ פּאָר פלעשער שאַמפּאַניער" האָב איך פאַרגעלייגט.

„סיי, דו ביסט אָבער אַ פיינער הונט", האָט מאַרגאָ געזאָגט: „איך האָב דיך תיכף געהאַלטן פאַר אַן אָנשטענדיקן חברה־מאַן. . . שאַמפּאַניער. . . זיך אָנצושפּורן. . . צוערשט איז די וועלט שוואַרץ און טרויעריק. . . אָבער נאָכדעם ווערט זי ווערן ראָזעווריק. שאַמפּאַניער!"

די פאַרביקע דינסטמיידל האָט געבראַכט אַן אייזקילער מיט שאַמפּאַניער. מאַרגאָ האָט פאַרשטעלט דעם לעגשטול מיט אַ שפּאַנישן ווענטל, וואָס האָט דערוועקט אַ געוויסן רמז אַף אומגעשטערטקייט, אָבער מער נישט ווי אַ רמז. . . אָבער דאָ איז גאַנץ אָנגענעם. . . מאַרגאָ איז אַזוי שיין וואַרעם און אַזוי אָנגענעם נאַריש, אַז אירע פלאַפּלערייען פאַרטרייבן לייכט געגוג די שטערנדיקע געדאַנקען. מאַרגאָ לעבט נישט, זי שפּילט זיך נאָר מיטן לעבן. זי איז צופעליק אָנגענעם און לאָזט זיך פונם לעבן מיטשלעפּן. זי גייט דאָרטן, וואוהין אירע פיס פירן איר; און אַזוי ווייטער; איצט מיט אַ געבראָכענע האַרץ און תיכף דערויף לאַכעדיק און פריילעך. . . זי איז פאַרליבט אין די פוילע שעה'ן. . . אירע אויגן זיינען טיף־בלאָ, און איר נאָז האָט אַ

קלײנעם שפּאַסיקן אָפּנײג נאָך אױבן; זי האָט קינדיש רונדע בעקלעך, א קלײנע לעבעדיקע מײלכל, גוטע צײנדלעך און אַ שײנעם קינבאַק. איר האַלז איז פול, און איר ברוסט און היפטן זײנען װי פון אַ שלאַנקן אינגל. . . זי טראָגט צו די גלאָז צו מײנע ליפּן און צװינגט מיר טיף צו טרינקען: „דו דאַרפסט מיר דײַן ריכטיקן נאָמען ניט זאָגן", זאָגט זי, „אָבער ס'איז געמיטלעכער, איך זאָל דיך רופן בײַ דײַן צונאָמען, אַזױ װי עס רופן דיך דײַנע פרײַנט" — אומװירקליכער האָב איך געזאָגט. . . „הער פּעטי" — און האָב זיך באַטראַכט. . . „הער פּעטי" האָט זי איבערגעחזרט, „פײַן פּעטי, דאָס איז קורץ און גלאַט, דו גוטער פּעטי. אַזױ װעל איך דיך רופן. פּעטי מײַן ליבלינג. . . סײַ, שמעקט דאָס ניט פײַן?". . .

איך בין נישקשהדיק שכור... מײַן „איך"... מײַן פאַרגאַנגענהײט... אַלץ, װאָס איז געשען ביז אַט דער שעה, האָט זיך פון מיר אָפּגעבונדן און שװימט אַװעק... איך בין גליקלעך... איך האָב זיך מיר גופא אַרױסגעלאָזן פונעם קעלער פון מײַן גראָבן בױך... און איך שטײער ניט מער... איך לאָז מיך טרײַבן... איך בין אַ ביסל דאָסיק און אומזיכער אױף די פיס... עמיצער איז געקומען און העלפט מיר, מאַרגאָ אױף דער אַנדער זײַט... מען פירט מיך אַרײַן אין אַ האַלב־טונקעלן צימער... אַ בעט שװימט מיר פאַר די אױגן... אָבער עפּעס בין איך שױן אױפן בעט... און דעמאָלט פאַלט מיר אײַן אַ געדאַנק, אַז אין דערהײם װעט מען זיך באַאומרואיקן... גרעטל װעט... און איך פּלאָנטער מיטן צונג: „מאַרגאָ, מײַן גוטע מײדל, איך מוז טעלעפאָנירן אַהײם — טעלעפאָנירן — װאַרטן — זאָרגן" — זי װאַקלט זיך אַ ביסל. נאָכדעם זאָגט זי מיט אַ שװערן צונג: „צום טײַװל — ריכטיק, דו קאָנסט איר ניט לאָזן װאַרטן און מורא האָבן. . . . מינאַ! העלף אים, פיר אים צום טעלעפאָן. . . מוז אָנרופן. . . אַ פרױ אָדער עמעצן. . . װאַרטן. . . זאָרגן. . . אָנשטענדיקער יונג. . . העלף אים..
זײ האָבן מיך אַראָפּגעזעצט אױף דער פּאָדלאָגע, דערלאַנגט די טעלעפאָן־טרײַבל אין דער האַנט. מיט דער גרעסטער אָנשטרענגונג האָב איך מיך קאָנצענטרירט אױפן נומער. . . גיך איז גע־

קומען גרעטלס אָנגעשראָקענע שטים, ווי פֿון אַן אַנדער וועלט...
„אַ וויכטיקער ענין... אַ גאַנצע נאַכט... מאָרגן פֿרי וועל איך ווידער אָנקלינגען!... און איך הער ווי זי זאָגט עפּעס ציטערנדיק אַף אידיש, עפּעס אַווינס, וואָס האָט געקלונגען, ווי: איך זאָל פֿאָרזיכטיק זיין, אַף זיך אַכטונג געבן... און איך האָב זיך געוואָרפֿן קאָפּ־איבער... פֿאַרגעסן... פֿאַרשכורט...

2.

איבער מיר האָט זיך געהערט אַ שטים, צום ערשטן מורמעל־דיק און אומפֿאַרשטענדלעך, און אָבער נאָכדעם אַריינגעדרונגען אין מיין באַוואוסטזיין... „ווען מוזטו דען אופֿשטיין... ווען מוזטו דען אופֿשטיין?"

איך האָב געעפֿנט די אויגן און בין אַ פּאָר רגעס געווען אין גאַנצן צעטומלט, וויל איבער מיר האָט זיך אַריבערגעצויגן אַן אומבאַקאַנטער פּנים...

„האָסטו קאַצניאַמער, זיסער פּאַפּאַ? מיט מיר איז עס אויך ניט בעסער... אָבער ס'איז גוט... וואַרט אַ ביסל, איצט גיי איך ברענגען איזוואַסער, און נאָכדעם באַקומסטו פֿרישטיק — אַ שיינע גרויסע קריגל קאָפֿע"...

אָ, מיין מוח! קליינע שאַרפֿע מעסערלעך האָבן זיך אַרומ־געשטאָכן אין טויזנטער ערטער פֿון מיין קאָפּ.

„היי, פּעטי, טרינקט ניט אַזוי גיך די איזוואַסער, אָדער ווילסטו זיך פֿאַרקילן און באַקומען אַ האַרץ־שלאַג?... לאַנג־זאַם... אָט אַזוי, אָ!"... זי ליגט אוועק מיין קאָפּ צוריק אַפֿן קישן, פֿאַרדעקט מיך פּעכט מיט דער קאָלדרע און קושט מיר אין שפּיץ נאָז... „הער נאָר, דיידי, ביסטו אפשר אַף אַ שטעל און מוזט זיין פּינקטלעך? זאָג דיין הערצעלע, ווען דו מוזט אוועקגיין, עס איז שוין באַלד ניין".

„אַ שיינעם דאַנק, קליינע. איך מוז באַלד אופשטיין. . .
נאָר נאָך אַ פּאָר מינוטן. . . איך מוז זיך צוזאַמענעמען".

זי איז געגאַנגען ברענגען קאַפע. איך האָב איר נאָכגעקוקט און געזען, אַז זי וואַקלט זיך. . . איך האָב איר אָנגערופן און איר געהייסן שלאָפן ווייטער. זי האָט מיר גוטמוטיק געענטפערט: „איך אָפּפער מיך מאַנכעס מאָל. . . אַזוי בין איך שוין. . . מיר זיינען ניט קיין גזלנים און גאַנבעגען ניט קיין שכורע. . . אַ מאָל פלעג איך אין שפּאַס אָפּטאָן פאַרשיידענע שפּיצלעך. . . אָבער מינאַ לאָזט דאָס ניט טאָן. . . איך האָב מיט מינאַן צוזאַמען אויסגעציילט דיינע געלט. . . דו וועסט נאָך אָבער דאַרפן צולייגן צום חשבון, וואָס דו דאַרפסט באַצאָלן. פּאַל נאָר ניט אין חלשות, ווען דו וועסט דערזען דעם חשבון פאַר די שאַמפּאַניער, וואָס דו האָסט אַריינגעזלאָקעט. . . אָבער ס'איז דאָך געווען גוט . . דיידי איז רייך, ניט אמת?". . . און זי איז אַרויס.

מאַדאַם מינאַ איז אַריינגעקומען צוזאַמען מיט מאַרגאָ, זי האָט מיר דערלאַנגט מיין טייסטער צוזאַמען מיט אַ קליינעם חשבון. מאַדאַם מינא האָט עפּעס געהאַט אפן האַרצן און דעריבער האָט זי תיכף אַרויסגעפּלאַצט מיט אַ דייטשישער גרינטלעכקייט... זי האָט געזאָגט: „איך האָב אַריינגעקוקט בא אייך אין פּאָרטפעל. איר וועט דאָס באַגרייפן. איך האָב דאָס געטאָן צוזאַמען מיט מאַרגאָ, כדי צו זען וויפיל געלט איר האָט. האָבן מיר זיך דערוואוסט, אַז איר זייט אַן אַדוואָקאַט, און איך דאַרף אייך עפּעס זאָגן'. . .
אַף דעם האָט מאַרגאָ זיך אָנגערופן: „זיי מונטער, פּעטי, דאָס איז אַ פיינער געשעפטל פאַר דיר!". . . מאַדאַם מינאַ האָט ווייטער דערציילט: „אונטן וואוינט די הויז-דינערין, אַן אלמנה. זי האָט אַ מיידל, וואָס איז נאָך ניט אַלט קיין זעכצן יאָר. דאָס קינד איז פאַרשוואונדן געוואָרן אַף פיר טעג. זי האָט געמאַכט פּליטה צוזאַמען מיט דער מיידל פונם אייערמאַן. דעם גאַנצן אָוונט האָט די הויזדינערין געמאַטערט די מיידל בכדי זיך צו דערוויסן, וואו זי האָט זיך אַרומגעטריבן. . . אַ מיליאָנער. . . איר קענט

אים שוין, דעם רעפאָרמאַטאָר. . . יאָ, אזוי הייסט ער, אַן אַלטער בעל עבֿרה. . .

בעת איך האָב זיך דערוואוסט די פּרטים, בין איך מיט אַ מאָל געוואָרן אופגעמונטערט. דאָס האָט אויסגעזען צו זיין א פעטער ביסן. איך האָב דערקלערט די מאַדאַם מינא, אַז איך וועל תּיכּף שיקן איינעם פון מיינע מענטשן אויסצופאָרשן דעם ענין. דערווייל זאָל זי אכטונג געבן, אַז די מיידל זאָל ניט אַוועקגיין פון דערהיים. . .

מארגא האָט מיר דערווייל געהאָלפן צוזאמענזוכן מיין האַק און פּאַק און מיך אָנטאָן און האָט דערביי געפּלאַפּלט אָן אַ שיעור.

איך האָב איר באטראַכט בעת זי איז געשטאַנען באַם פענסטער, באַוואונדערט איר יונגע שלאַנקע געשטאַלט, וואָס איז איצט געווען פארהילט אין א דורכזיכטיקער קימאָנאָ; אַ גאַרטל האָט אים פעסט געהאַלטן ארום די היפּטן. אירע ליכטיקע האָר איז בוואַליעדיק אַראָפּגעפאַלן אַפן פּנים און פּלייצעס. . . ס'האָט אויסגעזען, ווי זי וואָלט געווען פארחלומט, און האָט אויסגעזען קינדיש, גייסטיק וויניק אנטוויקלט. . . אָבער אַז ס'איז געקומען די צייט זיך צו געזעגענען, האָט זי ווידער צוגעדריקט איר פּנים צום פעלץ-קאָלנער פון מיין מאַנטל און האָט געזאָגט פאַרטראַכט: „ווען וועל איך דיך נאָך זען, פּעטי?“ . . . „וואָס וואָלט געווען, ווען מאַרגאָ זאָל באַקומען אַ פעלץ-מאַנטל?“ . . . „דאָס וואָלט געווען אויסגעצייכנט!“ . . . און איך האָב איר געזאָגט וואוהין זי זאָל גיין, כּדי זיך אויסצוקלייבן אַ פעלץ לויט איר אייגענעם געשמאַק. . . זי האָט מיר נאָר אָנגעקוקט. נאָכדעם האָט זי זיך געשמעלט אַף די שפּיץ-פינגער און האָט מיר געקושט אין שפּיץ-נאָז. . . „איז דאָס טאַקע אמת, אָדער דו מאַכסט פון מיר חוזק?“ . . . איך האָב באַלד פאַרשטאַנען, אַז דו ביסט אַן אָנשטענדיקער חבֿרה-מאַן. . . גיב מיר די האַנט, דיידי. . . אָבער הער נאָר. . . דו מיינסט דאָך ניט, אַז דו האָסט מיך אָפּגעקויפט. . . דו קויפסט מיך ניט, איך זאָג דיר גאָרנישט

ניט צו. איך בלייב איך, מאַרגאָ. . . און בעת דזשעק וועט ווי־דער קומען מיט זיינע ווייסע ציינער. . . איך זאָג דיר גאָרנישט ניט צו."

אין אייגנאַרטיק באַלויכטענעם צימער, וואו ס'האָט געברענט אַ קליינע גאַז־ליכט און אַ שווארצער פאָרהאַנג, דרייפערטל פאָר־צויגן, איז געווען אין אַ מערקווירדיקן קאָנטראַסט צום שטאַרקן שיין פון דער פרימאָרגן־זון, אינם דאַזיקן זיך־ביטנדיקן שפיל פון ליכט און שאָטן האָט מאַרגאָ אויסגעזען ווי אויסגעשניצט פון האָלץ, — ווי פון עלפנביין; ווי אַ וואַנדערליכט, ווי אַ שדל. . .

3.

מיינע אָנגעשטעלטע זיינען געווען נערוויז און אָנגעשראָקן, בעת איך בין אין אָט דעם פרימאָרגן שפּעט אַריינגעקומען אין מיין ביוראָ. מאַקסי איז תיכף אַרויסגעלאָפן צו מיר, ווי ער האָט נאָר געהערט, אַז איך בין געקומען. . . אַ באַאומרואיקטע האָט גרעטל כסדר זיך געהאַט נאָכגעפרעגט אף מיר: ווייזט אויס, אַז מיין געהיימניספולער אָנקלינגען באַנאַכט האָט אַף איר אַנגע־וואָרפן אַ פחד.

„געהוליעט. . . אָדער געשעפטן, מייק?"

„ביידעס, מאַקסי".

ער האָט געשמייכלט, בעת ער האָט געזען מיין אַש־גראָען פנים און מיט בלוט פאַרלאָפענע אויגן. . . איך האָב געהייסן רופן „לוריע, די ראַץ", איינעם פון אונזערע געשיקסטע שפּיאָנען, אַ גוואַלטיקער אויספרעסער. . . איך האָב דערציילט מאַקסי און לוריע די געשיכטע מיט די מיידלעך. . . מאַקסי האָט אָנ־געזאָגט לוריען, ווי ער זאָל זיך האַלטן און וואס ער זאָל טאָן.

„זעט, אַז ביידע מיידלעך זאָלן צוזאַמען זיין. בלייבט מיט זיי. זאָלן זיי כסדר דערציילן די געשיכטע. גיט אַכטונג, אַז ביידנס דערציילונגען זאָלן שטימען מיט אַנאַנדער. איר זאָלט אַ וואָרט

נים ריידן כיז זיי וועלן אַלץ אויספירלעך דערציילן. דעמאָלט הייסט זיי דערציילן נאָך אַ מאָל און נאָך אַ מאָל, כדי זיי זאָלן נים פאַרגעסן, אַז דאָס איז אַ פּאַסירונג, וואָס זיי גופא האָבן דורכגעלעבט. דעמאָלט שרייבט עס אָן מיט זייערע ווערטער — איך זיים דער נאָטאַריוס — הייסט זיי אויף אַלץ שווערן, אָבער היט אייך צו געבּרויכן לעגאַלע פּראָזעס. איר דאַרפט נים פאַרטויבן און פאַרטומלען אייערע עדות מיט לעגאַלע פּראָזעס. זיים פאַרזיכטיק, לוריען!

מאַקסי האָט קיינמאָל אַליין נים פאַרהערט קיין עדות, קודם־כּל נים אין יענע פאַלן, ווען מען האָט באַדאַרפט עפּעס ארויספּרעסן. קיינער האָט אים אויף אַזאַ אופן נים געקאָנט באַשולדיקן. ער האָט אָבער פאַרשטאַנען אויסגעצייכנט, ווי אַזוי צו געבּן אינסטרוקציעס זיינע לייט, וואָס האָבן באַדאַרפט זיך עוסקן מיט די דאָזיקע עדות.

לוריען האָט מען אָפּגעשיקט מיט אַן אַנדער נפש, וואָס האָט געהאַט די אויפגאַבע צו ברענגען צו אונז אין א געשריבענער פאָרם די אָנווייזונגען פון די מיידלעך, בעת לוריע האָט דאָרטן באַדאַרפט בלייבן. . .

דער נפש איז אינגיכן געקומען צו אונז מיט פאַרטיק געמאַכטע מאַטעריאַלן. . . אַ ביסל שפּעטער זיינען שוין פאַר אונז געשטאַנען צוויי פּאָליציי־דעטעקטיוון. . . זייערע אינסטרוקציעס זיינען געווען, אַז זיי מוזן אויפזוכן דעם מיליאָנער און זיין דירה. פאַרשטייט זיך, אַז מען האָט זיי אָפּגעשיקט צו זיינע אַדוואָקאַטן. זיי האָבן באַדאַרפט אויפזוכן די אַדוואָקאַטן און זיי געבּן אָנצוהערעניש, אַז דער פּראָצעס ווערט געפירט דורך דער פירמע הירש און פריינד, מיט וועלכע מען דאַרף דעם ענין פאַרהאַנדלען. . .

מיר האָבן באַקומען א ידיעה, אַז נעכטן איז געשטאָרבן דער ריכטער הוסינג פונם אויבערשטן קרימינאַל־געריכט. מאַקסי האָט שטאַרק באַדויערט, וואָס דער גובערנאַטאָר איז אַ רעפּובּלי־

קאַנער, אויב ניט — וואָלט איך געקאָנט באַקומען די שטעל פונם פאַרשטאָרבענעם. . . דאָס איז מיר אריין, ווי אַ פלוי אין אויער. . . דער מיליאָנער איז געווען אַן אָנגעזעענער רעפאָרמאַטאָר און האָט פאַרנומען אַ הויכע שטעלונג אין די רייען פון די רעפובליקאַנער.

איך האָב אליין געווארט אין מיין ביוראָ. אַ פעלץ־הענדלער האָט אָנגערופן: „איז דאָס אמת?" — „וואָס?" — „אַ פעלץ פאַר אַ יונגע דאַמע?" — די ערשטע רגע האָב איך מיך גאָרנישט געקאָנט דערמאָנען — אין מיין קאָפּ איז איצט געלעגן דער ריכטער־פּאָסטן, וועלכער האָט איצט געקאָנט באַזעצט ווערן ניט דורך וואַלן, נאָר דורך אַ קאַנדידאַט, ארויסגעשטעלט פונם גובערנאַטאָר. — „וואָס האָט איר געזאָגט?" — „זי הייסט מאַרגאָ". — „יאָ. . . יאָ. . . גיט איר אַ גוטן מאַנטל. . . קיין שום חשבונות. . . איך קום אליין און בריינג אייך דאָס געלט במזומנים. . . יאָ".

איצט האָב איך זיך ווידער געקאָנט פאַרנעמען מיטן ריכטער־פּאָסטן. דאָס איז געווען פונקט צו דער ריכטיקער צייט. און איצט ווייס איך דאָס: דער פּאָסטן איז דער פּרייז דערפאַר, וואָס איך וועל איצט פאַרשמירן. . .

מען מעלדעט אַ הויכן נאָמען — דער אַמאָליקער גובערנאַטאָר, וואָס האָט מיר אָפּגעזאָגט צו באַגנעדיקן מיינע לייט. . . איך טרעף, אַז ער איז געקומען צוליב דעם מיליאָנערס ענין. . . ער גייט ווי אַ קאַץ אַף אייז, אָבער איך דערמאָן זיך, ווי ניט העפלעך ער האָט מיר באַהאַנדלט, אבער איך מאַך אים אויפמערקזאַם, אַז איך האָב ווייניק צייט און ער זאָל ריידן צו דער זאַך. . . ער שטאַמלט. . . „ אַ קאַטאַסטראָפע. . . אַ באמת באַדייטנדיקער מענטש. . . פילאַנטראָפּ. . . הומאַניסט. . . מ׳וועט גאָרנישט דערגרייכן, אַז מ׳וועט אים פאַרמשפּטן. . . נישט. . . מ׳איז פאַראינטערעסירט לטובת הכלל געוויסע זאַכן צו פאַרשווייגן. . . מ׳וועט נאַטירלעך באַגיטיגן די מיידלעך און זייערע עלטערן. . . אויך די ביוראָ. . . און די דעטעקטיוון. . .

דאָס איז, פֿאַרשטענדלעך, אַ גוואַלטיקע וואָרנונג פֿאַרן מאַן. . . אַ פֿעלער"...

„דאָס גוטע בירגערטום מאָר ניט פּשוט מוחל זיין אַ פֿאַר־ברעכן". איך האָב אים אַריינגעזאָגט זיינע אַן אייגענע פֿראַזע, אָבער ער איז צופֿיל פֿאַרזאָרגט צוליב זיין קליענט און פּערזענ־לעכן פֿריינט, אַז ער זאָל אַרויסהערן דעם הומאָריסטישן הינטער־טאָן. . . ער נעמט דאָס אָן פֿאַר אַ גוטער מטבע און הייבט ווידער אָן צו שטאַמלען. . . דעמאָלט גיי איך אַרויס מיטן לשון:

„הערט נאָר צו, העד געוועזענער גובערנאַטאָר, אייער פֿריינט וועט די זאַך ניט קאָסטן קיין איינציקער סענט. . . ער וועט אַפֿילו באַקומען אַן אייגנהענטיקן בריוו פֿון די מיידלעך, אַז ער איז אין גאָרנישט ניט שולדיק. . . איך אַליין וועל באַצאָלן לאַ־יחריץ די עלטערן און די דעטעקטיוון. . . אָבער איך דער־וואַרט פֿון אייך דערפֿאַר אַ כּתב — אַ ווייַנאַכטס־מתּנה פֿון אייך, הער גובערנאַטאָר — אַז מאיר הירש פֿאַרנעמט דעם פּאָסטן פֿונם אָקאָרשט פֿאַרשטאָרבענעם ריכטער הוסינג"...

ער איז אַזוי צעטומלט געוואָרן, אַז ער איז שיעור ניט אַראָפּגעפֿאַלן פֿון שטול.

„נעמט דעם נאָענטסטן צוג קיין אַלבאַני. דען קאָנט איר מאָרגן פֿרי צוריקקומען מיט דער באַשטימונג. דאָס וועט געבן די געלעגנהייט פֿאַר אייער גובערנאַטאָר צו באַווייזן, ווי ער איז גע־טריי זיין ליבלינגס־אידיי, אַז ער מאַכט ניט קיין פּאַרטיי־אונטער־שייד באַם באַשטימען אַ ריכטער. אַ רעפּובליקאַנישער גובערנאַ־טאָר, וואָס באַזעצט דעם ריכטערשטול מיטן רעגולערן דעמאָקראַט מאיר הירש, וואָס זיין וויסן, דערפֿאַרונג און גלענצנדער כאַראַק־טער איז פּונקט צוגעפּאַסט צו דעם! וואו עס האַנדלט זיך וועגן ריכטער־פּאָסטנס איז דער גובערנאַטאָר ניט קיין פּאַרטיי פּאָ־ליטיקער".

ער האָט געפּרובירט העפֿלעך מיך אָפּצוזייגן פֿון מיין אידייע, האָט אָנגערופֿן אַ סומע, אַ גוואַלטיקע סומע, אָבער איך האָב אים

קורץ געענטפערט: „טוט וואס איר ווילט, איך וועל יעדנפאלס וואַרטן ביז מאָרגן עלף אַ זייגער אין דערפרי״. . . דעמאָלט האָב איך פאַר אים געעפנט די טיר, אַ קלאָרע אָנצוהערעניש, אַז אונזער שמועס איז פאַרענדיקט. . . ער האָט מיר פריינט־לעך געדריקט די האַנט און איז מיטן נאָענטסטן צוג אָפּגעפאָרן קיין אַלבאַני.

.4

פיליפ שטייט נאָך אַלץ אויף זייער פרי. . . אַפן אַנדערן טאָג בין איך אופגעוועקט געוואָרן דורך אַ שטאַרקן קלאַפּן אין טיר פון מיין שלאָפצימער. פיליפ איז אַריין מיט אַ צייטונג אין האַנט. „באַלוואַן איינער דו, וואָס האָסטו מיר גאָרנישט געזאָגט? מיינסטו, אַז מיין קומעדיקער שווער וועט זיך ניט וועלן משדך זיין מיט דער משפחה פון אַ ריכטער?״. . . איך האָב געוואָלט וויסן מכח וואָס אייגנטלעך ער רעדט. . . פיליפ האָט פאַנאַנדער־געוויקלט די צייטונג און האָט געשריען: „אָט שטייט דאָ אַף דער ערשטער זייט. . . דער גובערנאַטאָר האָט באַשטימט הירשן פאַר אַ ריכטער. . . אַ רעפּובליקאַנער האָט אויסגעוויילט אַ דעמאָקראַט. . . נצחון פון אומפּאַרטייאישן אויסקלייבן ריכטער.. הירש איז אַ באַקאַנטער אַדוואָקאַט. . . פירער פון אידישע נאַ־ציאָנאַלע שטרעבונגען״. . .

איך האָב גיך אַ כאַפּ געטאָן די צייטונג און דערזען, אַז דאָס איז אַ באַנאַכטיקע ידיעה פון אַלבאַני. עמיצער האָט געמוזט אייליק מודיע זיין, אַז איך בין באַשטימט פאַר א ריכטער בכדי זיך, און מיר וואָס גיכער צו באַרואיקן. . .

בעת איך בין אַריין צו זיך אין ביוראָ, איז זי געווען גע־פאַקט מיט מענטשן, וואָס זיינען געקומען מיר אָפּגעבן מזל־טוב. בעל־דרשים איז געקומען כדי צו דערגיין, ווי אַזוי איז דאָס געשען און צו גיי איך ניט אַהין, וואוהין דער ווינט בלאָזט, און בכלל אויב איך רעכן ניט אים אָנצופייפן ניט געקוקט אַף דעם אלעמען

וואָס ער האָט מיט מיר געטאָן. . . איך האָב אים אַריינגעפירט אין מאַקסיס קאַבינעט און האָב אים דערקלערט מיין סטראַטעגיע, דערמאָלט האָט ער מיר אָפּגעגעבן דעם אמתן מזל־טוב. דער ריכטער הוסינג איז געווען אַ דעמאָקראַט, און אויב זיין פּאָסטן וואָלט באַזעצט געוואָרן דורך אַ שטריינגען רעפּובליקאַנער וואָלט דאָס געווען אַ גרויסער שאָדן פאַר אונזער פּרעסטיזש. . . דער עקס־גובערנאַטאָר איז געווען בײַ מיר אין ביוראָ, ער האָט מיר באַגריסט און אָנגעוואונטשן מערער און האַרציקער פון אַלע אַנדערע. . . איצט בין איך געווען ריכטער. . . ער האָט זיך פאַרנויגט. . . מיר האָט זיך אויסגעדוכט, אַז די גאַנצע וועלט פאַרנויגט זיך. . . מאַקסי איז אַריינגעקומען אַ שיינענדיקער, און האָט מיך ארומגענומען. . . די וועלט האָט זיך גאָרנישט דערוואוסט „וועגן א געוויסן ענין". איך האָב זיך שוין באַמיט, אַז אַלע וואָס האָבן געהאַט אַ שייכות צום ענין, זיינען באַפרידיקט געוואָרן. . . און אַזוי בין איך געוואָרן אייער׳ע ערן, מאיר הירש, ריכטער, אויבערשטער קרימינאַל־געריכט.

5.

פיליפ איז נאָר וואָס צוריק געקומען פון זיין חתונה־רייזע. ער וואוינט אין זיין נייער דירה אַף דער ריווערסייד דרייוו. ער האָט זיך איינגעאָרדנט מיטן גרעסטן לוקסוס און געשמאַק. די געוועזענע פריילן מונסטערקאַסע איז איצט מיין שנור יאָזעפינע. זי האָט מיך אויפגענומען מיט אַזאַ מין גראַציע, וואָס איז ווי איך האָב תּיכּף אויסגעפונען, באַשטאַנען פון אויסגעלערנטע פּראָזעס.. בעת איך האָב זיך צוגעקוקט צום אויסדרוק פון איר פּנים, איז מיר איינגעפאַלן, אַז מיסיס פיליפּ גאָלד איז געווען פּונקט אַזוי ווי דאָפּיע אייקע שניידער, נאָר וויל זי האָט געהאַט גוטע לערערס און אַן אַנדער סביבה האָט זי געקאָנט אונטערהאַלטן אַ געשפּרעך. ס'איז קיין וואונדער ניט, וואָס מ'האָט איר אָפּגעגעבן אַ רוסישן אירן. . . אָבער פיליפּ האָט דאָך ניט געוואָלט האָבן קיין פרוי, טרייסט איך זיך. . . עס מאַכט אַפילו ניט אויס, וואָס זי שטייט

גייסטיק נידעריקער פון אַ דורכשניט־מענטשן. . . זי איז דאָך נאָר געווען אַ מיטל צום ציל. . . אַ שפּרונגברעט. . .

ענדלעך איז מיר פיליפּ געקומען צו הילף. פיליפּ האָט געמאַכט א זויערן פּנים בעת זיין פרוי איז ארויסגעגאַנגען. ער איז צוגעטראָטן נאָענטער צו מיר און געזאָגט מיט אַ שמייכל: „וועל, הער ריכטער, זאָגט ארויס אייער אורטייל. זאָג: פיליפּס גאָלדס פרוי קאָן מען ניט אָנקוקן, מען קאָן מיט איר אַפילו ניט ריידן . . . א פרוי?. . . אַן אַריינגאַנגס־בילעט, אַ קאָנטראָ־מאַרקע. . . צו זיין אַ מקורב מיט א האַלבער וועלט. . . איך האָב זיך אויסגעזוכט אַ שיינעם מוסטער־עקזעמפּלאַר”. . .

איך שמייכל. פיליפּ מאַכט ווידער אַ זויערן פּנים. אַ, דער האָניק־חודש. . . איינס איז געווים. . . דער האָניק־חודש האָט דעם צוועק צו מאַכן דעם לעצטן סוף. . . אָבער איין זאַך איז זיכער: מיין פרוי וועט שוין קיינמאָל מיט מיר צוזאַמען קיין נסיעה ניט מאַכן. . . דער געשעפט איז געשלאָסן געוואָרן: דערמיט זיינען מיר פאַרטיק. זי האָט אַ מאַן און איך האָב אַן אַריינגאַנג־בילעט. פון איצט אָן גייען מיר אַף באַזונדערע וועגן. געדיינק, מאיר: אין אַ שיינעם טאָג, אַז מען וועט דיר אַריינפירן אַ מאַן, וואָס האָט דערהרגעט זיין ווייב, האָב אַף אים רחמנות, ער איז אן אָרעמער טייוולי.

פיליפּ האָט זיך געזעצט נעבן מיר. מיר זיינען געזעסן, געקוקט אַף די רייכטימער און געשוויגן. ענדלעך האָט פיליפּ געזאָגט: „א ביסל אַנדערש, איידער אַף לודלאָוו סטריט, האַ מאיר?. . . איבעריקנס, מאיר, דיין אָנקל יאָגט זיך נאָך כבוד און די מוזט אים אין דעם מיטהעלפן. . . וואָס ווּעסטו למשל זאָגן דערצו, אַז פיליפּ גאָלד וועט ווערן דער באָטשאַפטער אין טערקיי? — דאָס איז דער איינציקער באָטשאַפטער־פּאָסטן, וואָס אַ איד קאָן פאַרנעמען”. שטעל זיך פאָר — זיין עקסעלענץ, פיליפּ גאָלד, באָטשאַפטער באַם גאָלדענעם טויער. . . א וועלט א נייע עפנט זיך פאַר מיר, ווייטע אינטערעסן, וועלט־פּראָבלע־מען . . . אָבער דאָס קאָן איך ניט דערגרייכן, ווי לאַנג איך

געפינען זיך אין אייער גארגלשניידער-פארטיי. איר האט א גלענצנדיקע סיסטעם פאר די ארטיקע פאסטנס, אבער איר האט ניט די מינדסטע אויסזיכטן איינצורייכן פאר זיך די פרעזידענטשאפט... איך ווער רעפובליקאנער און מיט געוויסע אויסזיכטן אין דער צוקונפט גיב איך גרויסע נדבות אפן נאציאנאלן קאמפיין-פאנד. לויט דיין בארימטן פלאן האב איך געגרינדעט דעם בארימטן „גארמען מאנופעקטשער רעפובליקאן-קלוב". מיין שווער ווייס וואוהין איך ציל און ער און די גאנצע קעניגלעכע משפחה זיינען באגייסטערט. דער איינפלוס פון די גרויסע מאגאזינען און די ביינק וועלן שפילן א ניט קליינע ראלע. שטעל זיך פאר, ווי איבערראשט איך בין געווארן, בעת איך האב זיך דערוואוסט, אז מיין שווער האט מיר באלוינט מיט אן אנשטענדיקן נדן; אט דעם נדן וועל איך איצט אריינלייגן אין דער פאליטישער שפאר-קאסע... דא קומט אבער דיין „אטשערעד". אז דו וועסט זיך פירן אויסגעצייכנט אלס ריכטער, וועט פאר מיר זיין א טובה. דאס וואס דו ביזט א דעמאקראט פירט מיר איבער דעם עסק. דו האסט אבער א געלעגנהייט: דו ביסט באשטימט געווארן אלס אומפארטייאישער ריכטער. שפיל ריכטיק דיין ראלע. פארמייד אלץ, וואס קאן ברענגען צו א סקאנדאל. דאס וועט ברענגען דערצו, אז דו וועסט קאנען שטייגן העכער."

„דאס אלץ האבן מיר שוין געהאט אין זינען, אנקל באטשאמטער", ענטפער איך. „איך האב אפילו געפועלט בא ביידזשים און אלע אנדערע גדולים פון דער 14-טער גאס, זיי זאלן מיך האלטן פון דער ווייטנס פון אלע ניט-ריינע ענינים. דאס איז א ליכטע זאך. איך האב אנגעהויבן זיך צו שאפן א נאמען דערמיט, וואס איך בין זייער שטרייבג צו פארברעכער. מארגן וועל איך באזונדערס שטרייבג באשטראפן אן איינברעכער. מיר מוזן די ארעמע טייוולאנים לאזן צאלן דערפאר, וואס מיר זיינען גנעדיק צו אנדערן. אויב דו האסט ניט קיין פריינט באם געריכט, ביסטו פארמשפט זיך לאנגע יארן צו וואלגערן אין טורמע. איך רעכן זיך פאר א גוטן קענער פונם פראבאציאנס סיסטעם — דאס איז א גוטער מיטל אויסצונוצן אונזער גנאד, ווען דאס

איז נויטיק פאַר די באַמעס. חוץ דעם פאַרשט מאַקסי שוין פריער אויס אַלע פאַלן און איז מיר מודיע, ווען עס איז ניטאָ קיין גע־פאַר ארויסצוגעבן אַ פאַלשן פסק־דין. קורץ און גוט איך גרייט זיך צו דער קאַנדידאַטור פון מעיאָר. אונזער פאַרטיי נויטיקט זיך אין אַ פערזאָן מיט אַ גוטן נאָמען בכדי צו פאַרטומלען דעם געזעץ פון די רעפאָרמאַטאָרן... עקסעלענץ, פאַר אייך שטייט דער קומעדיקער מעיאָר פון ניו־יאָרק".

מיר האָבן ביידע געלאַכט. אָבער פיליפּס פּנים איז תיכף ווידער ערנסט געוואָרן. ער האָט א פרעג געטאָן: „און גרעטל — וואָס רעכנסטו צו טאָן מיט איר?"

„וועל, פיל, איך ווייס באמת" —

„איך זע שוין, אַז דו האָסט גאָרנישט געטאָן און ווייסט ניט וואָס צו טאָן. איך מיין, אַז דאָס איז אַן ענין, וואָס אַן אַנ־דערער דאַרף טאָן פאַר דיר... זעסט דען ניט איין, אַז אַ גינס־טיקער שדוך קען דיר העלפן?"

פלוצלונג איז געוואָרן נאַכט. אלע פאַרבן און פאָרמען, אלע שאָטנס און סתירות זיינען פאַרשוואונדן געוואָרן.

„איצט איז די ריכטיקע צייט; מיר מוזן דאָס דערליידיקן. דו פאָרסט ארויס אָף א פאָר טעג. איך וועל ריידן מיט גרעט־לען. וועגן איר מאַטעריעלער לאַגע זאָל זי ניט האָבן קיין זאָרג. איך נעם דאָס אָף זיך. איך וועל איר אופמערקזאַם מאַכן, ווי פיין דו האָסט זיך די גאַנצע צייט באַנומען צו איר און איך וועל איר אופווייזן איר פליכט בנוגע צו דיר. איך רעכן, אַז מיר וועט גע־לינגען איר אין אַלץ צו איבערצייגן און דיר איינשפּאָרן אַן אומ־אַנגענעמע סצענע". . .

איך האָב פאַרמאַכט דעם פענסטער. דער ווינט האָט צו קאַלט אריינגעבלאָזן. איך האָב געמיינט, אַז די קאַלטע לופט האָט גורם געווען, וואָס איך האָב זיך איינגעקאָרטשעט... פיליפ האָט אָן רחמנות ווייטער געקלאַפּט:

„וואָס זאָגסטו דערצו? איז דאָס ניט דאָס ריכטיקסטע, וואָס מיר קאָנען טאָן?“... איך האָב א קליינע ווײַלע געשוויגן; איך האָב געהערט ווי עמיצער איז אַריין אין צימער. די טאַנטע יאָזעפינע האָט אַ פרעג געטאָן מיט איר קולכל: „פאַרוואָס זיצט איר אין דער פינסטער?“... איך האָב אַרופגעלייגט מיין האַנט אף פיליפס אָרעם און א זאָג געטאָן: גוט! טו דאָס!“

זיבעטער פּעריאָד.

בעת צעזאר האט אמאל אין רוים באטראכט עטלעכע רייכע פרעמדע, ווי זיי האבן אף די הענט און בוזעמס מיט זיך ארומגעטראגן הינטלעך און מאלפּעלעך און ווי זיי האבן זיך מיט זיי געצאצקעט האָט ער בתמימות געפרעגט, צי ייבען דען די דאָזיקע פרויען אין זייער לאנד ניט געוויינט צו געבאָרן קינדער.

פּלוטארך.

פּיליפּ איז טויט... טויט און באַגראָבן... גרעטל... איך וועל בעסער זאָגן גערטרוד... זי, וואס איז אמאל געווען גרעטל — זי איז איצט מיין פרוי פּאַסט זיך דעריבער ניט איר אָנצורופן גרעטל — איז קיינמאָל ניט געווען קיין היפּאָקריט. פון א געוויסן טאָג אָן מיט זיבן יאָר צוריק האָט זי אָנקל פּיליפּן געהאַסט. . . אַלס מיין פרוי איז זי היינט נאָכגעגאַנגען נאָך דער לוויה; זי האָט קיין איינמאָל ניט אַפילו פון יוצא וועגן, צוגעלייגט דעם טיכל צו די אויגן. איך מיין, אַז דער קלאַפּן פון דער לאָפּעטע אָן קבר בעתן פאַרשיטן, האָט איר אַפילו פאַרשאַפט הנאה. מיט גלייכגילטיקע אויגן האָט זי אויסגעהערט דעם הספד פונם ראַבאַי. מיט איר פעסטן אָרעם האָט זי אונטערגעהאַלטן די מוטער. וואָס ס׳איז שייך צו דער מוטער, מיין איך, אַז בא איר האָט פּיליפּס טויט געעפנט די פאַרמאַכטע שליוזן פון אַלע ווייטיקן... אַף אונזער צוריקוועגס אַהיים, אין אַוטאָמאָביל, האָט גרעטל פּשוט דערקלערט, אַז פּיליפּ האָט באַקומען דאָס וואָס ער האָט פאַרדינט. פּרימיטיוו נאַטירלעך אין אַלע אירע געפילן און רעאַקציעס. . . און די מוטער האָט געשעפּטשעט: „גאָט פאַרגעסט ניט קיינעם — קיינעם”. . . זיי זיינען אין אַלץ געווען איינשטימיק. ביז איצט האָבן נאָך א שוויגער מיט אַ שנור קיינמאָל ניט געלעבט אין אַזאַ האַרמאָניע ווי די מוטער מיט גרעטלען. . . א

זעלטענהייט.. באמת א זעלטנהייט. די מוטער האָט אַלע יאָרן מיט גרעטלען נישט אויסגערעדט קיין וואָרט ביז יענעם אויסערגעוויינלעכן טאָג, ווען פיליפּ האָט מיר איינגערעדט ארויסצופאָרן אַפן לאַנד. דאַמאָלסט האָט ער געפּרואווט פּטור ווערן פון גרעטלען...

מיר זיינען נאָר וואָס צוריק געקומען פון בית־עולם... דאָס איז געווען א שווערער טאָג פאַר מיינע נערוון; בעסער געזאָגט א שווערער טאָג פאר מיין געוויכט. זיבן באקוועמע יאָרן אַפן אויסגעפּאָלסטערטן ריכטער־שטול און זיבן יאָרן גוטן לעבן האָבן מיך געמאַכט צו פעט. די ערשטע קאַריקאַטור פון העריעטבויך איז געווען נביאותדיק... איך בין אַרויסגעפאלן אין פאָטעל פאַרן פענסטער, כדי זיך אויסצורוען און זיך א ביסל צו באַטראַכטן. דער נאָכמיטאג איז שוין כמעט אריבער. איך סטודיר די אוטאָבוסן מיט די קליינע אוטאמאבילן, וואָס שטויסן זיך בײַ די זייטן... קינדער שפּילן זיך... אָבער ווייניק... דערפאַר אָבער זע איך אַ סך הינט... ס'עקלט מיך... איך וויל, אַז גרעטל זאָל זיך נישט אַזוי זאָרגן פאַר איר פאַרלייזיקטן קאָטער... ווען איין זאַך האָב איך געטראַכט בײַ פיליפּס קבר... מיט א לאַנגער צייט צוריק... אין דער ווייטער צייט פון חלומות און שטרעבונגען האט ער דערקלערט, אַז מיר וועלן ווערן באַרימטע פּאָטערס. אַף וועלכע מען וועט מיט שטאָלץ צוריקבליקן... אבות... פאר וועמען?... פאר שוים־הינטלעך? שויסהינטלעך, וואָס קוויטשענען, ווען מען צווינגט זיי צו לויפן איבערן גאַנצן ברייט פונם צימער... אָט איז, למשל גרעטל. און יאָזעפינע, מיט אירע צוויי און דרייסיק בלעטערדיקן ספר היחוסין, וועלכע פאַרגעטערט אַ כינעזישן שאָו־הינטל, וואָס זי טראָגט ארום אפן פלאַטשיקן בוזעם בעתן שפּאַציר און דערצו גאָך איר גרויסע פּערסישע קאַץ, וואָס רוט אַפן מזבח פון ווייכע זיידענע קישנס...

אַ מאָגנראַק — דערפון איז פיליפּ געשטאָרבן... סאָציאַלער אופשטייגן, געלטמאכן, פּאָליטישע פּלענער, דער קאַמף

פאַר אַ באַטשאַפטער־פּאָסטן — אַלץ איז אָפּגעוואָרפן געוואָרן אָן אַ זייט און ס'איז געמאַכט געוואָרן אַ פּלאַץ פאַר אַ נייעם שטרעבן אין זיין לעבן, אַן עקשנותדיקער קאַמף מיט א בייזער אומברחמנותדיקער קראַנקייט.

פיליפ האָט פאַרלאָרן די שלאַכט מיט אַ שמייכל אַף די ליפּן. . . דער לעצטער טאָג אין קראַנקענצימער: פיליפ ליגט ווי אַ פאַרמוטשעטער מאָנאַרך אין אַ קראַנקענבעט, וואָס האָט געהאַט פיר הויכע פּאָסטנס, אַ מיטלאַלטער בעט, וואָס ער האָט דערוואָרבן אַף אַן אויקציאָן אין לאָנדאָן; בא די פיס ליגט די פערסישע קאַץ מיטן רואיקן אויסדרוק פון בודא אין די אויגן; און דער שאָוו ליגט צוזאַמענגעקנוילט אַף אַ זיידענע קאָלדרע אונטער אַ שטול. איך מיין, אַז טאַנטע יאָזעפינע האָט ניט פאַרשטאַנען וואָס דאָ טוט זיך: וואָרום זי וואָלט ניט געלאָזט פאַרפעסטן דעם קראנקענצימער מיט אירע הינט און קעץ. די קראַנקענשוועסטער האָבן זיי געוואָלט ארויסווארפן, אָבער פיליפס זין פאַר הומאר איז באשטאנען אַף דעם, אַז ער האָט געוואָלט שטאַרבן דווקא ווען אים האָבן געגאַרט די קרוינען פון זיינע חלומות. . . בעת ס'איז געקומען מער נאָענטער צום סוף, האָט אים באַהאַנדלט ד"ר הײמי רובין. די גרויסע ספּעציאַליסטן האָבן אים צעשניטן און קורירט מיט ראַדיום. פיליפ האָט זיך ניט אָפּגעשטעלט פאַר די גרעסטע האָנאָראַרן; ער האָט דערקלערט, אַז ער וואָלט אָפּגעגעבן זיין גאַנצן גרויסן מאגאזין פול מיט גאָלד און א צוגאָב — זיין ווייב מיט אירע ליבלינגס — אָבער ס'איז שוין געווען צו שפּעט: די דאָקטוירים האָבן שוין ניט געקאָנט צוריק איינשטעלן די פאַרדייאונגס־מאשין, וואָס איז יאָרנלאַנג רויִנירט געוואָרן דורך אַ ניט־נאָרמאַלן לעבן. . . האָט ער געשיקט נאָך הײמין — כדי זיך מיט אים דורכצושמועסן. ער האָט געוואָלט מ'זאָל אים איינריידן, אָפּנאַרן, כדי ער זאָל שטאַרבן קעמפנדיק. ער האָט אפילו נאָכגעשיקט נאָך אַברהם טאָלעדאָ, ער האָט זיך געוואָלט דורכריידן צום לעצטן מאָל. אָבער אברהם איז געווען עריגעץ־וואו אין די האָלץ־לאַגערס פון וועסטן. . . „לאָזט מיר שטאַרבן. . . לאָזט מיר שטאַרבן,

בעת די בעלי=חלומות וועלן פאַרוויגן מיט זייער גיפט”, אַ סאַטירקאָפּ: פיליפּ; זיינע שטאָל=גראָע האָר געדרייט ווי הערנער; זיין שאַרף=געשניצטער פּנים מיט דער שפּיציקער נאָז און שפּיציקן קין. . . מאַקסי קומט כּדי צונויפמענצושטעלן די צוואה.

„ווילט איר נאָכלאָזן אַ וועלכע ניט איז באַזונדערע צוואה?” פרעגט מאַקסי געשעפטסמעסיק.

דער סאַטיר שמייכלט ביטער. . . אפשר איז דאָס געווען דער וויטיק, וואָס האָט אים דערצו געצוואונגען; ער האָט יעדנפאַלס געוואָלט שמייכלען. ער פרעגט בײַ הײמי רובין: „זאָגט נאָר, קלײנער דאָקטאָר, וואָס זאָל איך טאָן מיטן שטינקעדיקן געלט. . . איר ווייסט דאָך, דעם בלוט=געלט”. . .

הײמי זיצט זיך אָפּן בעט, פאַרטראַכט גלעט ער דעם באָרד, און זיינע שטריכן צעלייגן זיך אין אַ שמייכל אָנקוקנדיק פיליפּס פּנים.

„איך האַלט אייך פאַר פּײַאיק אָף אַלץ, מײַן איבערמענטש”, זאָגט הײמי. „אפילו אָף אָנצונעמען מײַן עצה. דאַרף איך אייך בעטן צו בלײַבן קאָנסעקווענט, ווי די קאַפּיטאַליסטן, וואָס זיינען פאַר אייך געווען אַ מוסטער? אומבאַוואוסט זיינט איר אַלע וויסנשאַפטלער, איר קאַפּיטאַליסטן. איר מאַכט וויוויסעקציעס. איר עקספּערימענטירט מיט מענטשן, און בעת איר שטאַרבט, באַשטימט איר אײַער געלט צו קורירן די אָרעמע מיוולאָנים, וואָס איר האָט אָפּגעשונדן. אַלזאָ, בעט איך אייך צו זיין קאָנסעקווענט. לאָזט איבער אײַער געלט אָף צו גרינדן אַ סאַנאַטאָריע פאַר די יעניקע, וואָס לײַדן אָף דער פאַבריקס=קראַנקייט — אַ סאַנאַטאָריע פאַר שווינדזוכטיקע נאָדל=אַרבעטער”.

„אַ גוטער וויץ, ד״ר הײמי, אַ גוטער וויץ. איר ווילט, אַז איך זאָל שטאַרבן ווי אַ פּחדן — מיט מורא, מיט חרטה, קניענדיק זיך מתוודה זיין. איר טראַכט וועגן מיר פאַלש, ד״ר הײמי. מיינט איר, אַז שטאַרבנדיק וועל איך זיך מודה זיין, כּדי די ווערים זאָלן זיך פרייען מיט מיין טויט? מיינט איר, אַז איך וועל זיי געבן די געלעגנהייט צו זאָגן, אַז פיליפּ איז געשטאָרבן

אין חרטה און אין טויטשרעק האָט ער זיך געזאָרגט גוט צו מאַכן דאָס, וואָס ער האָט אין זיין לעבן געטאָן שלעכטס! איך בין ניט באַגאַנגען קיין אומרעכט. איך בין געווען דאָס לעבן. איך האָב געלעבט נאָכן פּלאַן פונם לעבן. . . ניין, קיין שום וואוילטאַטן פאַר די ווערים. זאָלן זיי זיך ווייטער מוטשענען!"

די גאַנצע ירושה האָט ער איבערגעלאָזן פאַר מיר, דערביי האָט ער דערקלערט, אַז איך בין געווען דער איינציקער, צו וועלכן ער האָט עפּעס געפילט. ער האָט אָבער אויך ניט פאַרגעסן מיר צו מוסרן דערפאַר, וואָס איך האָב ניט געהאַט קיין מוט זיך צו באַפרייען פון גרעטלען.

איך האָב אַ ביסל זיך מודה געווען אין דעם, אָבער דער הונט האָט זיך געפלאָנטערט אַרום מיינע פיס און ער האָט מיר געשטערט. . . יאָ, איך האָב געוואָלט דערציילן, ווי אַזוי גרעטל איז געוואָרן מיין פרוי; גרעטל, וואָס איך האָב קיינמאָל אפילו ניט געהאַט אין זינען מיט איר חתונה צו האָבן. . . איך בין געווען אַרויסגעפאָרן. . . כ'האָב אָבער געפילט, אַז ס'וועט ניט גלאַט אַראָפּגיין. . . אַפן אַנדערן טאָג טעלעפאָנירט מיר פיליפּ. . . אַ שטערונג. . . איך זאָל תיכף צוריקקומען. . . גרעטל איז געזעסן און געוויינט. די מוטער איז געשטאַנען איבער איר און האָט איר געטרייסט. פיליפּ איז געשטאַנען באַם פענסטער און האָט אַרויסגעקוקט אין דרויסן. אַז איך בין אַריין אין שטוב, האָט זיך גרעטל אויפגעהויבן און מיר אָנגעקוקט מיט אַ פרעגנדיקן בליק. פיליפּ איז אַריינגעקומען מיט די הענט אין די הויזנקעשענעס. אַ ווײַלע האָט קיינער ניט גערעדט: עס האָט זיך אויסגעדוכט, אַז עס געדויערט אַן אייביקייט. ענדלעך האָט פיליפּ שאַרף אַרויסגעזאָגט: „אַ שיינעם דאַנק באַקומסטו דערפאַר, וואָס דו ביסט געווען אָנשטענדיק! ווי הינט מוז מען זיך מיט זיי באַגיין, דעמאָלט האָבן זיי קיין טענות ניט. ווייסטו וואָס זי האָט געטאָן? זי האָט דיך פאַרמסרט, זי וויל פון דיר אַרויספּרעסן, זי דראָט מיט אַן אָנקלאַגע, אַז דו ברעכסט דיין צוזאָג מיט איר חתונה צו האָבן. . . זי וויל דיר צווינגען געזעצלעך. . . אַז

דו ביסט איר מאַן אַפן סמך פון געוויינהייטס־רעכט. . . אז איך האָב מיט איר גערעדט, איז זי אַנטלאָפן געוואָרן. און ווייסטו צו וועמען? צו פין אין זיין צדקה־אַנשטאַלט. זי האָט אים אַלץ דער־ציילט און ער האָט זיך אונטערגענומען צו פירן איר פּראָ־צעס. . . נאָך עפּעס האָט זי געטאָן, זי האָט אַריבערגעצויגן אַף איר צד דיין מוטער. דיין מוטער איז דיין ערגסטער שונא, זי איז אַפן צד פון אָט דער פּרוויענצימער. זי וויל גיין אין גע־ריכט און עדות־זאָגן, אַז דו מיט גרעטלען האָבן שוין יאָרנלאַנג געלעבט ווי מאַן און ווייב. אַ שיינער סקאַנדאַל! זעסטו, מאיר אַז איך בין גערעכט געווען. איך האָב שוין געבאָטן פינף און צוואַנציק טויזנט דאָלאַר". . .

„איך וויל ניט קיין געלט", האָט גרעטל געשריען אַן אופּ־געריגטע.

פין. . . אסתּר איז מיר געקומען אַפן זינען. . .
אסתּר. . . זי ווייס אַלץ. . . פין, מיין שונא האָט באַקומען דעם געווער אין האַנט קעגן מיר. . . די מוטער. . . אַף גרעטלס צד. . . די מוטער. . .

„איך וויל ניט קיין געלט". איר שטים איז געווען מיד.

„איז דאָס אַלץ אמת, גרעטל? זאָג מיר, איז דאָס אַלץ אמת?"

„יאָ".

איך בין געווען מיד און האָב זיך אַראָפּגעלאָזן אַף אַ שטול. גרעטל האָט געמאַכט אַ באַוועגונג ווי זי וואָלט מיר וועלן העלפן, זי האָט זיך אָבער צוריקגעצויגן, ווען זי האָט דערזען די קנייטשן אַף מיין שטערן. דערפאַר אָבער איז צוגעקומען די מוטער און האָט מיך אָנגענומען פאַרן האַנט: „הער נאָר צו. דו האָסט זיך קעגנאיבער מיר קיינמאָל ניט געפירט ווי אַ קינד מיט אַ מוטער. איצט בין איך אַלט. באַווייז מיר, אַז דו קאָנסט מיר פאָלגן. האָב חתונה מיט גרעטלען! זי איז דיר געווען אַ ווייב. דו האָסט מיר

אליין דערציילט, אז דו האלסט איר תמיד פאַר אַ וואוילע מיידל. ווער ווייס נאָך בעסער, ווי איך, אז זי איז דיר די אַלע יאָרן געווען געטריי און איבערגעגעבן? עס איז דיין חוב מיט איר חתונה צו האָבן. איך מיין, אז מען טאָר ניט דערלאָזן, אַז אַן אָרעמטלעך קינד זאָל געשען אַן עוולה. הער ניט, וואָס פּיליפּ רעדט דיר איין! לאָז אים שרייען, לאָז אים שילטן, לאָז אים איינרייסן די וועלט. איך בין אף איר צד. איך וועל זאָגן דעם אמת. אזוי איז עס רעכט און" —

„זי הייבט שוין ווידער אָן מיט איר פאַרשאָלטענע אָנשטענדיקייט", — האָט איר פּיליפּ איבערגעשלאָגן.

„איך וויל מיט דיר ריידן, מאיר. אָבער שיק ארויס פּיליפּן. איך וויל מיט דיר ריידן אויג אף אויג", האָט זיך געבעטן גרעטל.

איך האָב אַ קוק געטאָן אַף פּיליפּן און ער איז ארויסגעגאַנגען.

„דו זעסט אויס מיד", האָט גרעטל ארויסגערעדט.

מיין קול איז געווען הייזעריק: „פאַרוואָס ביסטו געגאַנגען אהין", האָב איך געפרעגט, „צו" —

„איך האָב זיך פאַר אַלץ געשראָקן. פּיליפּ האָט מיר מיין האַרץ צעריסן. איך האָב זיך געגוויסיקט אין עמיצן. דו ביסט דאָ ניט געווען. פּיליפּ האָט געזאָגט, אז דו וועסט ניט צוריקקומען ביז איך וועל ניט אוועקגיין און ניט האָבן אונטערגעשריבן די פּאַפּירן, וואָס דיין שותף האָט צוזאמענגעשטעלט. איך האָב אזוי מורא געהאַט! מיינסטו, אז די אלע יאָרן האָבן פאַר מיר קיין באַטייט ניט — גאָרנישט? האָסטו ניט געוואוסט, אז איך האָב דיך ליב? אָ, ער איז אזוי ארופגעפאַלן אף מיר! איך בין געווען משוגע. איך האָב געהערט, ווי לייטן ריידן, אַז פון קאָן באַהאלטן אַ סוד, און אז ער איז א פריינט אין דער נויט. דאָ האָב איך קיינעם ניט. די מוטער האָט געזאָגט, אַז פּיליפּ וויל דו זאָלסט חתונה האָבן מיט אן אנדערע. דיין אייגענע מוטער האָט עס געזאָגט. . . אָ, מאיר, זאָגט דיר דען ניט דיין האַרץ". . .

זי האָט זיך פאַנאַנדערגעוויינט.

„קיין שום זאַך וועט מיר ניט אָפּהאַלטן, קיין שום זאַך ניט. דער פיליפּ האָט אַף מיר אָנגעוואָרפן אַזאַ פּחד... וואָס איז געלט?! אַלע יאָרן אין מיין הארצן אריינגעברענט... דערביי האָט מען וועגן מיר גאָרניט געטראַכט... מיין לעבן... מיינע געפילן... מיין צעבראָכן האַרץ... וואָס איז געלט!... איך האָב קיין זאַך ניט אין לעבן אויסער דיך!... איך לעב אין דיר, מאיר!... איך האָב מורא... וואָס איז געלט!... בעסער וועל איך זיך אומברענגען... כ'וועל עס טאָן... כ'וועל עס טאָן... מאיר, באַדענק זיך, דערמאָן זיך אונזער ליבע אין די אַלע יאָרן!... האָב מיט מיר חתונה, מאיר... איך האָב מורא... כ'האָב מורא... אָ, ער האָט אַף מיר אָנגעיאָגט אַזאַ פּחד... ווי ער וואָלט מיך געוואָלט צערייסן... כ'האָב ניט צוליב וואָס צו לעבן... האָב מיט מיר חתונה" —

אירע רייד האָבן אָפּגעקלונגען אינם צימער, האָבן געקלאַפּט איבער מיינע אויערן.

אָבער די מוטער איז געווען נאָך הארבער. זי איז געשטאַנען ווי אַ שטיינערנע וואַנט קעגן פיליפּס פאַרשלאָגן... און פון מיינע האָט זי אַ תּל געמאַכט...

וואָס האָב איך געקאָנט טאָן? אַן אָפענער סקאַנדאַל וואָלט געווען שרעקלעך. וועגן דעם האָט מען גאָר ניט געקאָנט טראַכטן.

אַלזאָ האָב איך חתונה געהאַט מיט גרעטלען.

וואָס די וועלט האָט ניט צערעדט! ניט בקול־רם. ס'איז געווען אַ שטילער סקאַנדאַל, אַן אונטערערדישע גאַז־פאַרגיפטונג פון מיין פּאָליטישער קאַריערע. איך בין געווען פּאָליטיש דערליידיקט... אָבער איך האָב זיך מיט ביידע הענט געקלאַמערט אָן מיין ריכטער־פּאָסטן... איך האָב געברויכט צו האָבן כּבוד און מאַכט... איך האָב זיך פעסט געהאַלטן אָן דעם ריכטער־שטול...

בעת ס'איז אריבער דער טערמין פון מיין באַשטימונג, האָט מיין פּאַרטיי אין דער שטיל אָפּגעמאַכט מיט די רעפּובליקאַנער, האָט זיך געזיכערט מיט זייער הסכּמה און אַף אַזאַ אופן האָבן מיר אויסגעמיידט אַן עפנטלעכע קאַמפּאַניע, וואו מען וואָלט זיך קענג־זייטיק באַוואָרפן מיט שמוץ... דער שטילער סקאַנדאַל איז דורכ־געגאַנגען די גאַנצע שטאָט... אַ ריכטער פון אויבערשטן געריכט האָט חתונה געהאַט מיט אַ דינסט־מיידל!... אַלע יאָרן האָט ער מיט איר געלעבט! דערצו האָט מען נאָך די זאַך אַ ביסל צו־געפּוצט און ס'איז געוואָרן פּיקאַנטער.

ווען אריינגיין אין דער גוטער געזעלשאַפט האָט שוין איצט מער קיין רייד ניט געקאָנט זיין. גרעטל איז געווען ניט געבילדעט. גערעדט האָט זי אַף אַ גאַסן־ענגליש און האָט זיך בכּלל ניט אויסגעצייכנט מיט אירע מאַניערן, אַ געוויזענע דינסט־מיידל און דערצו נאָך אַ געוועזענע פּילגש וואָלט ניט געקאָנט באַשטיין פאַר די שטרייגע אויגן פון די דייטשע יאַהודים. חוץ דעם האָבן גרעטל און פיליפּ ניט געקאָנט אָנקוקן איינע דעם אַנדערן.

.2

איצט לעבן מיר שוין הייסט עס אַף דער „אָלרייטניקעס גאַס", אַפן ריווערסייד דרייוו. די אופגעקומענע רוסישע, פּוילישע, גאַליצישע און רומענישע אידן האָבן פאַרטריבן די דייטשע יאַהו־דים און זייערע ניט־אידישע שכנים. מעכטיקע געביידעס מיט ליפטן זיינען אויסגעבויט געוואָרן בכדי איינצופלאַצירן די אָלרייט־ניקעס. די געמטאָ האָט יעדערן, וואָס אים גייט גוט — יעדערער וואָס איז געווען אָלרייט (ס'איז אים גוט געגאַנגען) — אַ נאָמען געגעבן „אָלרייטניק".

אָלרייטניקעס: דיקע און פעסטע ווייבער, וועלכע טראָגן שרייענדיק־עלעגאַנטע קליידער און האָבן זיך געזוכט איינע דער

אַנדערער אין דעם אריבערצויאָגן; ווייבער, וועלכע מען האָט קיינמאָל נים געזען אָן בלישטשנדיקע בריליאַנטן און פערל אַף די אויערן, ברוסטן, פינגער און אָרעמס... די מענער זיינען געווען געשעפטסלייט. דער געשעפט איז געווען זייער קולט, זייער ליבהאָבעריי, זייער צייט־פאַרטרייב — זייער לעבן. אַז זיי האָבן זיך ערגעץ צוזאַמענגעקליבן אַף קליינע געזעלשאַפטס־אָוונטן האָבן זיי גערעדט וועגן אַלע קלייניקייטן פון אַ ספעקולאַציע אָדער געשעפט. זייער גאַנצער לעבן איז באַשטאַנען אין געלט־פאַרדינען. זייערע פנימער זיינען געווען אויפגעבלאָזן און גראָ; זייערע בייכער זיינען געווען בולט, ווי די וויטרינעס פון זייער וואוילהאָבערישקייט. זיי האָבן אָן אויפהער געקייט דיקע ציגאַרן; אַף זייערע מיטלסטע פינגערס האָבן געגלאַנצט פיל־קאַראַטיקע בריליאַנטן... די פרויען האָבן נאָכמיטיק געשפילט פּאָקער און זיינען זיך אין אָוונט צוזאַמענגעקומען, כדי צו טרייבן רכילות און צו באַווייזן זייערע קליידער און בריליאַנטן, זיך קלאָגן אַף די דינסטן, האָבן דערציילט וויפיל זיי האָבן פאַר דאָס און יענס באַצאָלט און האָבן זיך דערציילט פאַרשיידענע צווויידייטיקע מעשיות; זייער פלוידעריי איז געווען אַ היסטערישער טומל און זיי האָבן הויך געלאַכט. אין דער זעלביקער צייט האָבן די מענער אין די דערבייאיקע צימערן געשפילט אין קאָרטן אַף גרויסע סומעס. זיי האָט נים אַזוי אינטערעסירט דער שפיל, ווי דער אַזאַרט. זייער ספעקולאַציע גיריקייט האָט זיך אַרויסגעוויזן אין זייער אַזאַרט־שפיל... אפילו די שדוכים, וואָס זיי האָבן געטאָן מיט זייערע קינדער, איז נים געווען מער ווי אַ שפיל אין געלט.

גרעטל, וועלכע האָט ביז דאָ נים לאַנג געשפילט אַ צווייפלהאַפטע, באַהאַלטענע ראָלע, האָט זיך גוט געפילט צווישן די אָלרייטניקעס. די רעליגיע פון די אָלרייטניקעס איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס זיי האָבן געדאַוונט אין די שענסטע סינאַגאָגעס און טעמפּלען... און אַף זייער בוזעם האָבן זיי געוואָרעמט הינט און מאַלפּעס, און ווי מאַלפּעס האָבן זיי געזוכט נאָכצומאַכן דער אַזוי גערופענער גוטער געזעלשאַפט פון די גוים.

איך בין היינט ביטער און סאַרקאַסטיש... דער המון, וועלכער
איז אנגעקומען אהער אַלס אָרעמע און אָפּגעריסענע איינוואַנדערער,
איז פֿאַרשיכּורט און פֿאַרטשאַדעט געוואָרן פֿון פּלוצלונגען רייכ=
טום.. די איסטסייד האָב מיך געוואונדערט... אויך זי איז שוין
ניט געווען מער אזוי, איך האָב איר געקענט, בעת איך בין נאָך
געווען א קינד, אָדער א יונגערמאַן... איך בין ארויס פֿון קאָנ=
טאַקט מיט דער וועלט... קרען האָט געזאָגט, אַז מיר וואַרפֿן זיך
ווי אַן אומרו צווישן עקסטרעמען... אף דער איסטסייד האָבן די
ראַדיקאַלן געוואונען אַ באָדן. האבן זיי געבראכט פֿאַר די גייסטיק
הונגעריקע גייסטיקע שפּייז?... ווער האָט דאָס געקאָנט טראַכטן
מיט פופצן יאָר צוריק, אַז די סאָציאַליסטן וועלן אין איינעם אַ
טאָג איבערנעמען איינע פֿון מיינע פּאָליטישע אָנגרייפֿס=מעטאָדן?!... געלט=
יעגער און חלומות=יעגער... אין דער געטאָ איז פֿאַראַן אַ נייער,
פֿאַנאַטישער קולט, וואָס שטייגערט אָן מיט ריזנשריט... אַ קולט
פֿון אינטעלעקטואַליזם... אַ גרויסער אידעאַליזם.., קונסט, ליטעראַ=
טור, מוזיק, סאָציאַל=וויסנשאַפֿט און פּאָליטיק אינם ריינעם זינען
פֿון וואָרט, — וואָס האָט מיט זיך מיטגעריסן דעם אינגערן דור,
פֿאַר מיר אַן אומבאַקאַנטער דור, אַזוי פֿרעמד און אומבאַגרייפֿלעך...
אָט דער נייער דור, אָט דער זעלטן פֿרעמדער האָט זיך משמעות
אַ לאָז געטאָן אַף מיר... וואס באַטייטן זיי... וואָס ווילן זיי... וואו=
הין וועלן זיי אָנשפּאַרן... וואו וועלן זיי ענדיקן... וועט זיי אויך
אָנכאַפּ און באַטויבן דער ווילדער שטרעבן צו רייכטום?
איך האָב איינגעדרעמלט און געעפֿנט די אויגן, ווייל כ'האָב
דערפֿילט, אַז עמיצער האָט מיך אָנגעקוקט. דאָס איז געווען
מיסטער בערנאַרד לעוו, מיין שכן, וועלכער איז געקומען בכדי
מיר מנחם=אבל צו זיין... בערנארד לעוו אַן עלטערער מענטש
מיט א צאַרטן פּנים, האָט מיך אנגעקוקט מיט זיינע גוטע, פֿינט=
לענדיקע אויגן... בערנאַרד לעוו... דערמאנסטו זיך דעם בערלען
פֿון נעכטן, בערל לאָטווין, דער זאָטלער אין זיין קעלער אַף לוד=
לאָוו=סטריט... בערל —
„שלאָף, רו זיך אוים, שטער זיך ניט, מיין פֿריינט“, זיין
שטים איז צאַרט און טרייסטנדיק.

„נאָר איינגעדרעמלט, ווי דאָס טוען געוויינלעך די פּעטע", האָב איך געענטפערט און אים געדריקט די האַנט. „און ווי גייט עס דיר, בערל?" ער ענטפערט אין א גוטער שטימונג: „ווי קאָן מען אַזוינס פרעגן א כריסטיאַן סציענטיסט".

און מיר האָבן ביידע געלאַכט. קאָמיש: בערל איז אַן אָנ־הייבער פון דער כריסטיאַן סציענס־לערע און דערצו אַן ערלע־כער. א מאָל האָט ער מיר דערציילט זיין געשיכטע. ער איז געווען גאַנץ תקיף. אָבער דאָס איז געקומען דורך א צופאַל. אַמאָל האָט עמיצער געזאָגט, אַז דער אויטאָמאָביל איז געקומען בכדי מער קיינמאָל ניט צו פארשווינדן. האָט ער אופגעגעבן זיין זאָטלער געשעפט און האָט געעפנט א קליינע ווערקשטאט פון אויטאָמאָביל־מכשירים אַפן אויבערשטן בראָדוויי. דאָס איז געווען א נייע אינדוסטריע, וואו די ערשטע האָבן אראָפּגענומען די סמע־טענע. בערלס גוטע שטימונג און זיין צוגעטאָנענקייט צו מענטשן האָבן אים געשאפן א סך גוטע פריינט צווישן די ניט־אידן... ער איז געווארן איינער פון די הויפט־ליפעראַנטן פון אויטאָמאָביל־מכשירים און גומענע רעדער... בעת ער האָט געהאַט די גרעסטע דערפאָלגן איז ער קראַנק געווארן אַף דער צוקער־קריינק. ער האָט פארופן די באַרימטסטע דאָקטוירים און אויספּרובירט אַלע הייל־מיטלען, ס'האָט אים אָבער גאָרנישט געהאָלפן... און איר פארצווייפלונג האָט בערלס פרוי געבראַכט א געזונטבעטערין... און בערל האָט איצט געקאָנט ערלעך דערקלערן אַן איבערצייג־טער, אַז אים האָבן צוריק געזונט געמאַכט דער גלויבן און די ליבע; און נאָכמער כריסטיאַן סציענס האָט אים געבראַכט רו און פרידן. זיינע פּשוטע אויספירן האָבן באמת געווירט.

מיר האָבן גערעדט וועגן זיינע ביידע קינדער, שלאַנקע יונגע מענטשן, וועלכע האָבן איצט געלערנט דעם לעצטן יאָר אין דער אוניווערסיטעט. בערל האָט ניט געוואלט, אַז זיי זאָלן ווערן גע־שעפטס־לייט. ער זאָגט, אַז געשעפט באַשמוצט... ער האָט זיי דערמונטערט זיי זאָלן זיך אָפּגעבן דער קונסט און וויסנשאַפט... דאָס לעבן איז מער ווי דער בלויזער קאַמף פאר געלט.

„די צײַט פֿאַרגײט... דערמאָן זיך נאָר... באַלד װעסטו שױן אָנהײבן צו טראַכטן װעגן חתונה מאַכן דײַנע בחורים!" האָב איך געזאָגט.

„װעגן דעם דאַרף איך גאָרניט טראַכטן... װעגן דעם טראַכטן זײ אַלײן... פֿריִער, אַז זײ זײַנען נאָך געװען אינדערהײם פֿלעגן זײ מיט מיר צוזאַמען גײן זונטיק מאָרגנס אין קירך... אָבער איצט גײען זײ אין ראַבאַי דרוקערס נײעם טעמפּל. זײ האָבן אַ גרונט דערצו... דו קענסט דאָך סײַד ראַליִיס שײנע טעכטער... דו װײסט שױן, אונזער אַלטער פֿרײַנט סעם ראַקאָװסקי... ער האָט צװײ בלאָנדע שײנהײטן... װי זײער מוטער... צװײ ברייהדיקע מײדלעך, מוזיקערינס, װאָס פֿאַראַכטן זײער פֿאָטערס מוזיק... קאָמיש, ער קימערט זיך אַפֿילו ניט דעריבער, װאָס זײ טראַכטן װעגן זײַן מוזיק. ער האָט זײ געשיקט קײן אײראָפּע כּדי זײ זאָלן זיך קאָנען לערנען בײַ טיכטיקע מײַסטערס. מײַנע בחורים שדכנען זיך צו די גאָלדענע שײנהײטן מיט די גאָלדענע שטימען... איצט גײען זײ מיט מיר מיטװאָך אָװנט אין קירך כּדי מיר צו טאָן אַ טובֿה... װעל, אײן זאַך לאָז איך פֿאַר זײ פֿרײַ: די רעכט זיך אַלײן אױסצוזוכן זײערע פֿרױען און זײער גלױבן... אַ גוט נאַכט, מאיר, מאַמאַ װאַרט אַף מיר מיטן אָװנטברױט. אַ גוט נאַכט.

איך קאָן הײַנט ניט בלײַבן אינדערהײם; איך בין אַזױ נידערשלאָגן. איך װעל זיך אַרױסכאַפּן און טעלעפֿאָנירן מאַרגאָ... מאַרגאָ מײַן טרײסט... איך האָב מיט איר פֿאַראינטערעסירט על װאָלף. ער האָט איר אַרײַנגעדרײט אין אַ פֿילם, װאָס איך האָב פֿינאַנסירט. מאַרגאָ איז אױסגעצײכנט גוט. פֿאַר די טעאַטער־באַזוכער איז זי די ליבע־מײדל פֿון ניו־יאָרק. די קריטיק האָט געלױבט איר לעבעדיקײט און אָריגינאַליטעט. אַלע קינסטלער װילן צײכענען אירע זעלטענע הענט און פֿיס. אירע פֿיס זײַנען געװאָרן קלאַסישע דערשײַנונגען אַף דער סצענע. זײ פֿאַרמאָגן די אײדעלע פֿאָרמען פֿון גריכישע װאַזעס. על האָט איר אַרױסגעלאָזן אין אַ גרױסער רעװיו װאָס ער האָט אַ נאָמען געגעבן „די

טשיקן אָף די גראָסוויי״. דעמאָלט זיינען געקומען די פֿילם=געזעלשאַפֿטן און האָבן איר פֿאָרגעלייגט ריזיקע שכירות. תמיד אָבער האָט זי אַן עצה געפֿרעגט בא איר „זיסן דיידי״. זי האָט קיינמאָל ניט פֿאַרגעסן דאַנקבאַר צו זיין, הגם זי איז מאַנכעס מאָל געווען אומגעטריי. דער עולם האָט איר פֿאַרגעטערט, ווי די שאַלקהאַפֿטע מאַרגאָ פֿונם פֿילם... מאַרגאָ האָט געוואוינט אין א רייכע דירה און האָט געהאַט א באַדינערין אַן עלטערע פֿרוי, וואָס איך האָב פֿאַר איר אויסגעזוכט אַלס טאַנטע... איך קאָן זיך אַף מאַרגאָ ניט באַקלאָגן. זי טוט אַלץ וואָס זי קאָן, כדי פֿאַר מיר צו פֿאַרדעקן אַלע אירע זייטיקע ענינים... אָבער איך האָב גאַנץ גוט געוואוסט, אַז זי האָט געהאַט קליינע ליבע=פֿאַרהעלטנישן און איך האָב געפּרואווט ניט טראַכטן וועגן דעם... מאַנכעס מאָל, אַז איך בין געשטאַנען געבויגן איבער איר, האָב איך מיך געפֿילט ווי אַ עקלדיקער דיקהויטיקער, פֿעט, שטונקיק, פֿליישיק, וואָס שטייט און כראָפּעט איבער א ווייסע גאַזעל, אַ ווייסע גאַזעל מיט אַ רויטן קאָפּ...

ווידער האָב איך איינגעדרעמלט און געהאַט אַן אָנגענעמען חלום: מאַרגאָ איז געזעסן אַף מיין שויס און האָט מיר געצופּט פֿאַרן אויער. אָבער דאָס איז בלויז געווען דער פֿאַרשאָלטענער הונט, וואָס איז געלעגן נעבן מיר אַפּאַטיש אַפֿן זיין קישן. זיין קליינע לאַפּקע האָט באַרירט מיין אויער... גרעטל ברומט סייד ראַליים לעצטע ליד, אַ מאָדערנער גאסן=שלאַגער, וואָס ער האָט געשריבן פֿאַר מאַרגאָ. ס׳איז א מישמאַש פֿון סענטימענטאַליטעטן, זונענשיין און רעגן, ליבע און אייפֿערזוכט. פֿרייד און זאָרג, לאַכן און טרערן: געמיינע ערטער פֿאַר די מאַסן, לייכטשפּילעוודיקע געדאַנקען פֿאַרן המון. מאַרגאָ האָט דעם רעפֿריין באַרימט געמאַכט. ער קלינגט: „טעל מיי, לייף, טעל מיי. ווהאַטס איל אַבאָאוט״.

גרעטל רופֿט: „קום עסן, מאיר. איך האָב פֿאַר דיר א גוטע זאַך: א ראַטלפֿלייש מיט קאַרטאָפֿל=לאַטקעס״... איך שרויף מיין שווערן לייב אין דער הויך און שלעפּ זיך אַריין אין שפּייז=

צימער.. ווידער זינגט גרעטל:... „מעל מיי, לייף, מעל מיי, ווהאַטס איל אַבאָוט״...

וואָס —

עס שמעקט גוט.

ראָסל־פלייש מיט קאַרטאָפל־לאַטקעס — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — —

פארלאג „ב י כ ע ר פ א ר א ל ע מ ע ן" ריגע

ביז איצט זיינען דערשינען:

ליאן פייכטוואנגער „יוד־זיס" ראמאן אין 4 טיילן.

I. טייל: „געלט און מאכט" אידיש מ. ראזומני.
II. טייל: „אידן„ אידיש: מ. ראזומני.
III. טייל: „דער הערצאָג" אידיש: ז. קאלמאנאָוויטש.
IV. טייל: "טויט־שטראָף" אידיש: ז. קאלמאנאוויטש.

עמיל לודוויג „יולי 1914" אידיש ז. קאלמאנאָוויטש.

י. האשעק „דער בראַווער סאָלדאַט שווייק אין דער וועלט־מלחמה" 1־טע און צווייטע טייל. אידיש: ז. קאַלמאנאוויטש.

מאַקס בראָד „די פרוי פון אונזער בײנקשאַפט" אידיש: ז. קאל־מאנאָוויטש.

עריך מאריא רעמאַרק „אַפן מערב פראָנט איז רואיק" אידיש: מ. ראַזומני.

מ. ראַזומני „דאָס לאַנד פון טויזנט געשטאַלטן".

ש. אָרניץ „אַלץ צוליב קאריערע" אידיש: מ. קיטאַי.

אינגיכן דערשיינען:

ליאָן פייכטוואַנגער: אמעריקאַנער לידער־בוך „פעפ".

מ. שאַץ־אַנין: „די אידישע געזעלשאַפטלעכע באַוועגונגען פאַר דער וועלט־מלחמה.